YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv22i07

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 22 Issue 7
July 1940

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 22, Iss. 7)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/671

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Volume XXII No. 7. | **Jersey City, N. J., July, 1940** | **Price 10 Cents**

אַן אונפאַרגעסליכע קאַנווענשאַן

עס איז געווען אַ וואונדערליכע קאַנווענשאַן! דאָס איז געוויס צו אָרים, צו קנאַפּ, צו קורץ אויסגעדריקט. אָבער עס איז דורך די רייכסטע, די געהויבענסטע און געפליגעלסטע ווערטער שווער איבערצוגעבען דאָס גרויסע, איינדרוקספולע און פאַרבענרייכע בילד, וואָס אונזער ניו יאָרקער קאַנווענשאַן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט.

אין דער ענגלישער שפּראַך איז פאַראַן אַ וואָרט „טהריל", וואָס איז שווער צו איבערזעצען אין אידיש. אָבער עס איז דאָס פּאַסיגסטע וואָרט וואָס קען אָנגעווענדעט ווערען פאַר דער ניו יאָרקער קאַנווענשאַן. אַ „טהריל" קען מען ניט באַשרייבען. מען מוז עס פילען, דורכלעבען.

ווי קען מען באַשרייבען די עפענונג פון דער קאַנווענשאַן אין מעדיסאַן סקווער גאַרדען און דעם וואונדערליכען פּעדזשענט, וואָס האָט יעדען גערירט ביז דער טיפעניש פון דער נשמה? מען דאַרף האָבען אַ סך געניבטע און רירענדע ווערטער עס צו באַשרייבען און עס וועט דאָך ניט געבען דאָס ריכטיגע בילד און דעם פולען איינדרוק. עס איז געווען אַ „טהריל".

יעדע קאַנווענשאַן האָט אין זיך באַגייסטערטע מאָמענטען, באַזונדערס אַרבייטער קאַנווענשאַנס, וועלכע דערצעהלען פון קאַמף און פון זיג. עס איז ניטאָ קיין אַנדער זאַך, וואָס קען אַרויסרופען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבייטער אַזוי פיל באַגייסטערונג ווי דער סיגנאַל צום קאַמף און דער פריידענס־געשריי פון זיג. צו קאַנווענשאַנס קומט מען אין אַלגעמיין יום טוב'דיג געשטימט און די אָרגאַנאַזירערס פון קאַנווענשאַנס זאָרגען שוין אויך דערפאַר, אַז עס זאָלען זיין באַגייסטערטע מאָמענטען. אָבער די קאַנווענשאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל אין ניו יאָרק מיט אירע באַגייסטערטע מאָמענטען און מיט אירע „טהרילס" איז געווען אייגענאַרטיג אין איר סאָרט. זי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אונענדליכע כוואַליע פון פרייד און באַגייסטערונג. דאָס איז די פרייד פון שאַפען און בויען און די באַגייסטערונג פון זיגרייכען קאַמף, ערפאָלג און מאַכט.

מען האָט זיך אָנפאַנגס געשראָקען פאַר דעם ערפאָלג פון דער קאַנווענשאַן, ווען מען האָט באַשלאָסען, אַז זי זאָל פאָרקומען אין ניו יאָרק. מען האָט מורא געהאַט, אַז אין דעם גרויסען טומעלדיגען, רוישענדען שטאָט, וואָס הייסט ניו יאָרק, וועט די קאַנווענשאַן פאַרשווינקען און פאַרטויבט ווערען. זי וועט זיך ניט זעהן און וועט זיך ניט הערען. און אַ קאַנווענשאַן פון אַזאַ גרויסער יוניאָן ווי די אינטערנעשאַנאַל, האָט אויך אַ דעמאָנסטראַטיווען צוועק. זי קומט זיך צונויף ניט בלויז איבערצוגעבען צו אירע מיטגלידער אַ באַריכט פון איר אַרבייט און אויסאַרבייטען פּלענער פאַר ווייטערדיגער אַרבייט, נאָר זי וויל אויך אין דער זעלביגער צייט דערצעהלען דער גרויסער ברייטער וועלט וואָס זי טוט און ווייזען איר גרויסקייט, איר מאַכט און איר איינפלוס. קען מען דאָס דערגרייכען אין דער גרויסער טומעלדיגער ניו יאָרק, האָט מען זיך געטראַכט? וועט די קאַנווענשאַן קענען ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די ניו יאָרקער צייטונגען, וואָס האָבען צו דערצעהלען יעדען טאָג וועגען אַזוי פיל אַנדערע זאַכען? און וועלען די פאַרהאַוועטע, די כסדר זיך יאָגענדע ניו יאָרקער זיך אָפּשטעלען אויף אַ ווײַלע און זיך פאַראינטערעסירען מיט דער קאַנווענשאַן?

עס איז אָבער געווען אַן אומזיסטע מורא. עס איז געווען אַ קאַנווענשאַן, וואָס האָט זיך אויך אַרויסגעזעהן און אַרויסגעהערט אין ניו יאָרק. זי איז געווען נייעס, אינטערעסאַנטע נייעס אַפילו פאַר ניו יאָרק. זי האָט מיט איר טעטיגקייט, מיט איר פאַרנעם, מיט איר גלאַנץ און פּראַכט און מיט אירע דראַמאַטישע מאָמענטען אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם אַפילו פון דעם ניו יאָרקער. וואָס האָט שוין אַלץ געזעהן און אַלץ געהערט.

איינער פון די רעפּאָרטערס פון די ניו־יאָרקער צייטונגען, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען פון זיינע חברים ביים פּרעס־טיש צו באַגריסען די קאַנווענשאַן האָט אין זיין קורצער באַגריסונגס־רעדע געזאָגט: „אויב אייער קאַנווענשאַן האָט געקענט קריגען אַזוי פיל פּלאַץ אין די צייטונגען און אָפט אַ גאַנץ פּראָמינענטען פּלאַץ אין דער איצטיגער צייט, ווען די וועלט איז פול מיט אַזעלכע גרויסע פּאַסירונגען, ווען די נייעס פון די שלאַכטפעלדער אין אייראָפּאַ פאַרכאַפּען יעדענס אינטערעס, איז עס פאַר אייך דער בעסטער באַווייז, אַז אייער קאַנווענשאַן האָט געהאַט אונז אַ סך צו זאָגען און מיט וואָס אונז צו פאַראינטערעסירען.

עס איז געווען אַ גראַנדיעזע, וואונדערליכע און אונפאַרגעסליכע קאַנווענשאַן.

∴

די אַרבייט פון דער קאַנווענשאַן

גאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס עס איז געווען אַ יום טוב קאַנווענשאַן און עס איז אַוועקגעגעבען געוואָרען אַזוי פיל צייט אויף רעדעס און דעמאָנסטראַציעס, איז דאָך אויף דער קאַנווענשאַן דורכגעפירט געוואָרען אַ רייכע פּראָגראַם פון קאָנסטרוקטיווער אַרבייט. דאָס קען מען זעהן פון דער גרויסער צאָל רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען פון דער קאַנווענשאַן און מערערע פון זיי נאָך לענגערע דעבאַטען. קיינער פון די דעלעגאַטען אויף דער קאַנווענשאַן האָט זיך ניט געקענט באַקלאָגען, אַז ער האָט ניט געקראָגען דאָס וואָרט צו ריידען וועגען אַ רעזאָלוציע, מיט וועלכער ער איז ניט געווען איינשטימיג.

פּרעזידענט דובינסקי, וועלכער איז געווען דער פאָרזיצענדער פון די מייסטע זיצונגען פון דער קאַנווענשאַן, האָט זיך אַרויסגעוויזען זייער טאָלעראַנט צו אַלע די, וואָס האָבען עפּעס געוואָלט זאָגען. קיינער האָט ניט געהאַט קיין אורזאַך זיך צו באַקלאָגען, אַז עס האָט געפעלט דעמאָקראַטיע אויף דער קאַנווענשאַן. אַפילו די עטליכע קאָמוניסטישע דעלעגאַטען האָבען זיך ניט געקענט באַקלאָגען, אַז עס האָט געפעלט דעמאָקראַטיע. אין געגענטייל. זיי האָבען אויף זייער חלק שוין געקראָגען גאָר אַ גרויסע פּאָרציע דעמאָקראַטיע. זיי האָבען פאַרנומען אַ סך מער צייט פון דער קאַנווענשאַן מיט זייערע רעדעס און ערקלערונגען, ווי עס איז אויסגעקומען אויף זייער חלק לויט זייער קליינער צאָל. און מען דאַרף געבען אַ באַזונדערס גרויסען קרעדיט די דעלעגאַטען פון דער קאַנווענשאַן פאַר זייער טאָלעראַנץ און זייער געדולד, וואָס זיי האָבען אַרויסגעוויזען צו די עטליכע קאָמוניסטען צווישען זיי, וואָס האָבען פאַרגעלייענט לאַנגע, אַלט־איבערגעקייטע דרשות, וועלכע די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט פאַר זיי אָנגעשריבען. דאָס ווייזט גוטע זעלבסט־דיסציפּלין און פיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע ערציהונג.

אין אַן אַנדער פּלאַץ פון דעם נומער „גערעכטיגקייט" ווערען איבערגעגעבען די מער וויכטיגע רעזאָלוציעס, וואָס די קאַנווענשאַן האָט אָנגענומען. אָבער דאָס אַליין גיט ווייט ניט קיין בילד פון דער אַרבייט, וואָס די קאַנווענשאַן האָט אָפּגעטאָן. געוויינליך ווערט די הויפּט־אַרבייט פון אַלע קאַנווענשאַנס אָפּגעטאָן אין די פאַרשיידענע קאָמיטעס, וואָס ווערען באַשטימט גלייך אין אָנפאַנג ווי די קאַנווענשאַן אָרגאַניזירט זיך. און ווען מען באַטראַכט דעם גאַנצען קאַנווענשאַן מאַטעריאַל, וואָס איז דורכגעגאַנגען די הענד פון די פאַרשיידענע קאָמיטעס, קען מען זעהן, אַז קיין אַרבייט האָט זיי ניט געפעלט. די רעזאָלוציאָנס קאָמיטע האָט איינפאַך געדאַרפט דורכשווימען אַן אמת'ען מבול פון רעזאָלוציעס, וואָס האָבען זיך אויף איר אַ גאָס געטאָן פון פאַרשיידענע זייטען. און פּונקט ווי עס פאָדערט זיך אַ סך צייט און אַרבייט צו באַטראַכטען די רעזאָלוציעס, וואָס ווערען רעקאָמענדירט צו דער קאַנווענשאַן אָנצונעמען, פאָדערט אויך אַ סך צייט און אַרבייט די רעזאָלוציעס, וואָס ווערען פאַרוואָרפען.

עס איז געווען אַ קאַנווענשאַן ניט בלויז פון אַ סך באַגייסטערטע רעדעס און ענטוזיאַסטישע דעמאָנסטראַציעס, נאָר אויך אַ קאַנווענשאַן פון פרוכטבאַרע און קאָנסטרוקטיווע אַרבייט.

∴

די וויכטיגסטע פּאַסירונג אויף דער קאַנווענשאַן

די וויכטיגסטע פּאַסירונג אויף דער קאַנווענשאַן איז אָהן שום צווייפעל געווען דאָס צוריקאַריינטרעטען פון דער אינטערנעשאַנאַל אין דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר. און הגם זי איז געווען ניט גאַנץ אונערוואַרטעט, האָט זי דאָך געהאַט אין זיך אַן עלעמענט פון איבעררראַשונג.

מען האָט שוין אַ לענגערע צייט פאַר דער קאַנווענשאַן געוואוסט, אַז עס איז אַזוי גוט ווי באַשלאָסען, אַז די אינטערנעשאַנאַל קערט זיך אום צוריק צו איר אַלטער היים — די אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר, און מען האָט גערעכענט, אַז דאָס וועט פאָרקומען אויף דער קאַנווענשאַן. אָבער אין זיין קאַנווענשאַן ערעפענונגס־רעדע, וואָס פּרעזידענט דובינסקי האָט געהאַלטען אין מעדיסאַן סקווער גאַרדען, האָט ער ערקלערט, אַז דאָס צוריקקערען זיך פון דער אינטערנעשאַנאַל אין דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר וועט מוזען אָפּגעלעגט ווערען צוליב דעם, וואָס עס זיינען פאַראַן אַ פּאָר וויכטיגע פראַגען וועגען וועלכע מען דאַרף זיך פריהער איינינגען. ערשטענס זאָל די עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר ניט האָבען קיין רעכט צו סוספּענדירען קיין יוניאָן, נאָר אַזאַ רעכט זאָל האָבען בלויז די קאַנווענשאַן פון דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר און אויך בלויז מיט צוויי דריטעל מאַיאָריטעט. צווייטענס, זאָל די אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר אָפּשאַפען דעם ספּעציעלען שטייער אָנצופירען אַ קאַמף געגען דער סי. איי. אָ. די אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר קען אין אַלגעמיין העכערען די פּער קעפּיטאַ אָפּצאָלונג פון די יוניאָנס, וואָס באַלאַנגען צו איר. ווען די ביז איצטיקע אָפּצאָלונג איז ניט גענוג אויפצופירען איר אַרבייט, אָבער עס דאַרף ניט עקזיסטירען קיין ספּעציעלער מלחמה־שטייער צו באַקעמפען די סי. איי. אָ. דריטענס דאַרף די אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר אָננעמען ווירקזאַמע מיטלען צו באַקעמפען ראַקעטירס אין די יוניאָנס, וואָס באַלאַנגען צו איר.

נאָך אַט דער ערקלערונג פון פּרעזידענט דובינסקי איז עס פאַרשטאַנען געוואָרען, אַז דער באַשלוס פון דער קאַנווענשאַן וועט זיין איבערצוגעבען צו דער נייער געוועהלטער גענעראַל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאַנאַל צו באַשטימען די פראַגע ווען און ווי אַזוי דאָס אומקערען זיך צוריק צו דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר זאָל פאָרקומען. נאָר דאָ איז געקומען די איבערראַשונג. פּרעזידענט דובינסקי האָט באַקומען אַ בריף פון פּרעזידענט גרין אין וועלכען ער לאָזט אים וויסען, אַז דער עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר האָט אויף אירען אַ מיטינג באַשלאָסען צו רעקאָמענדירען צו דער נעקסטער קאַנווענשאַן פון דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר, אַז זי זאָל אין די פראַגען פון סוספּענדירען יוניאָנס און פון דעם עקסטראַ שטייער צו באַקעמפען די סי. איי. אָ. באַשליסען ווי פּרעזידענט דובינסקי פאָדערט עס. אין

זיין בריף לאזט אויף פרעזידענט גרין וויסען, אז ער און דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדערײשאן האבען אויף זיך גענומען די רעקאמענדאציע דורכצופירען אויף דער קאנווענשאן.

נאך אט דעם בריף איז מער ניט געבליבען קיין אפהאלט פאר דער אינטערנעשאנאל צוריק אריינצוטרעטען אין דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר און עס איז געווען ניט מער ווי נאטירליך, אז דאס זאל געטאן ווערען אויף דער קאנווענשאן מיט דעם נויטיגען פאראד, וואס עס פאסט זיך פאר אזא וויכטיגער פאסירונג. און די באגייסטערטע דעמאנסטראציע וואס דער באשלוס האט ארויסגערופען, האט גענוג איבערצייגענד באוויזען, אז ביי די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל איז געווען א שטארקער פארלאנג זיך צוריק צו פאראייניגען מיט דער ארגאניזאציע צו וועלכער די אינטערנעשאנאל האט באלאנגט פון דעם טאג, וואס זי איז געבארען געווארען.

די פראגע וועגען ראקעטירס אין די יוניאנס איז געבליבען אפען. אבער מען האט ניט געקענט דערווארטען, אז פרעזידענט גרין זאל געבען אויף איר א באשטימטען ענטפער. ער האט עס ניט געקענט. עס איז א פראגע, וואס איז פארבונדען מיט דעם גאנצען בוי פון דער ארגאניזאציע פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר און די אויטאנאמע רעכטען פון די יוניאנס, וואס באלאנגען צו איר. די פראגע מוז באהאנדעלט ווערען אויף דער קאנווענשאן פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר און פרעזידענט דובינסקי מיט די דעלעגאטען פון דער אינטערנעשאנאל וועלען דארטען האבען די געלעגענהייט צו זאגען דייער ווארט וועגען איר און אנצופירען א קאמף, אז עפעס זאל געטאן ווערען אין דער ריכטונג.

אין דעם יום־טוב פון אמעריקא'ס פרייהייט

מיר פילען דאס מאל די וויכטיגקייט פון דעם אמעריקאנער נאציאנאלען יום־טוב פון אונאפהענגיגקייט מער ווי ווען עס איז. עס איז דאס ערשטע מאל ווען מיר פילען, אז עס איז פאראן א געפאר וואס דראהט די אמעריקאנער אונאפהענגיגקייט און אט דאס געפיל מאכט אונז די אונאפהענגיגקייט פון אמעריקא טייערער.

עס מעג אפשר קלינגען ווי איבערטריבען, ווען מען רעדט וועגען א געפאר פאר אמעריקא'ס אונאפהענגיגקייט. דער שונא איז נאך ווייט און זיינע הענט זיינען נאך צו קורץ צו דערגרייכען אמעריקא. עס ליגט נאך אלץ א וואסער פון דריי טויזענד מייל ברייט צווישען אים און אונז. אבער עס רעדט זיך ניט וועגען א באלדיגער געפאר פון מארגענדיגען טאג. היטלער איז נאך היינט ניט גרייט אונטערצונעמען א קאמף געגען אמעריקא. אבער נאכ'ן מארגען איז פאראן אן איבערמארגען און אויב היטלער'ן וועט געלינגען דורכצופירען זיינע פלענער אין אייראפא, וועט ער דעמאלט זיכער זיך אויף פארמעסטען אויף אמעריקא, גאנץ גלייך צי דירעקט אדער אומדירעקט.

היטלער'ס ערפאלג אין אייראפע, עס הייסט אויב היטלער'ן וועט זיך איינגעבען צו באזיגען ענגלאנד, וועט זיך לאזען פילען אין אמעריקא אויף צוויי אופנים. פריער פאר אלץ וועט זיך פארשטארקען די נאצישע און פאשיסטישע אידעאלאגיע אין לאנד. דער „פינפטער קאלום" וועט ווערען אזוי גרויס, אז ער אליין וועט ווערען א גרויסע געפאר. ער איז איצט אויך גאנץ גרויס, אבער ער ליגט צום גרעסטען טייל באהאלטען. א סך פון אים האבען מורא ארויסצוטרעטען אפען. די צאל פון „פינפטען קאלום" וועט אבער שטארק וואקסען און זיין חוצפה וועט ווערען פיל גרעסער דא אין לאנד, ווען היטלער וועט ארויסקומען דער פולשטענדיגער זיגער אין אייראפא. מיר וועלען דא דעמאלט האבען א גרויסע אינערליכע געפאר. און דאן קומט היטלער'ס אנגריף אויף די עקאנאמישע אינטערעסען פון אמעריקא, אויף איר וועלט־האנדעל אין אלגעמיין און אויף איר האנדעל מיט די לאטייניש אמעריקאנישע לענדער באזונדער. היטלער האט שטארק אנגעגריפען דעם אמעריקאנער האנדעל מיט די צענטראלע און זיד אמעריקאנישע רעפובליקען, ווען ער האט נאך בלויז פאנטאזירט צו ווערען דער הערשער פון דער וועלט. זיין אנגריף וועט זיין גרעסער און ווירקזאמער, ווען זיין פאנטאזיע וועט צום גרויסען טייל פארווירקליכט ווערען.

עס זיינען געדאנקען, וואס באאומרוהיגען דעם אמעריקאנער פאלק און וואס טרייבען אים צו זוכען מיטלען זיך צו באשיצען און צו באווארענען. און מער ווי אלע מאל דארפען מיר טראכטען וועגען דעם אין דעם טאג פון אמעריקא'ס באפרייאונג, ווען יעדער טרייער, פרייהייטס־ליבענדער אמעריקאנער בירגער דערמאנט מיט פרייד די גרויסע היסטארישע נאציאנאלע פאסירונג, ווען אמעריקא איז געווארען אן אונאפהענגיג לאנד און איז דורכדעם געווארען אזוי גרויס און אזוי מעכטיג.

עס איז געווען א צייט, ווען די ארבייטער זיינען געוויינליך געווען געגען מיליטערישער באוואפנונג. און זיי זיינען אויך געווען גערעכט. די באוואפנונגען זיינען געוויינליך געווען פאר אימפעריאליסטישע מלחמות און די קאסטען פון דער באוואפנונג זיינען צום גרעסטען טייל געפאלען אויף די פלייצעס פון די ארבייטער. היינט איז עס אבער אנדערש. די באוואפנונג פון היינט איז כדי זיך צו שיצען און זיך צו פארטיידיגען געגען דעם נאצישען און פאשיסטישען אימפעריאליזם. די באוואפענונג פון היינט איז צו פארטיידיגען און צו באשיצען די דעמאקראטיע און פרייהייט פון לאנד געגען נאצישער און פאשיסטישער דיקטאטור.

און עס איז טאקע אין דעם טאג, וואס מיר פייערן די באפרייאונג פון אמעריקא פון דעם ענגלישען יאך, כדי צו זיין פריי און אונאפהענגיג, ווילען מיר אויך העלפען, אז ענגלאנד אויך זאל זיין פריי און אונאפהענגיג. אין דעם טאג פון אונזער פרייהייט איז פארנומען אונזער געדאנק מיט דעם, וואס די פרייהייט פון אייראפא ווערט דערשטיקט פון היטלער'ן און אז עס איז היינט אין אייראפא געבליבען בלויז איין גרויס לאנד, וואס קעמפט נאך פאר דעמאקראטיע און פאר פרייהייט— דאס איז ענגלאנד. עס איז די לעצטע פעסטונג, וואס האלט זיך נאך, אבער די געפאר איז גרויס, אז אויך זי זאל פאלען און אין גאנץ אייראפא וועט ווערען שטאק פינסטער.

מיר קענען העלפען, אז דאס גרויס אומגליק זאל ניט פאסירען. אמעריקא איז דאס איינציגע לאנד היינט, וואס קען העלפען ענגלאנד אין איר פארצווייפעלטען קאמף געגען היטלער'ס נאציזם און מוסאליניס פאשיזם.

און די הילף וואס מיר וועלען געבען ענגלאנד אין איר קאמף פאר איר פרייהייט וועלען מיר אויך זיכערער מאכען אונזער אייגענע פרייהייט. ווען מיר וועלען העלפען ענגלאנד באזיגען היטלער'ן וועט די היטלער געפאר אויך פאר אונז פארשווינדען.

אין דעם טאג ווען מיר פייערן אונזער פרייהייט דארפען מיר נעמען אויף זיך צו טאן אלץ, וואס איז מעגליך צו העלפען דעם קאמף פאר פרייהייט אין דער וועלט און צו זיכערען און צו פארפעסטיגען איביגע פרייהייט.

אברהם רייזען

אין אזא צייט...

ניין — פאר א צייט אזא — איז פירען שווייגען!
מיר האבען פון טייוואלים אויך געזונגען;
נאר אז דער מענטש זאל אויף דעם טייוועל איבערשטייגען,
דאס האט נאך ביז אהער קיין רשע ניט געלונגען.

און ס'פלעגען מענשען געגען די טייוואלים אויך זיך שטעלען,
עס זיינען דאן געוועזען סגולות, שפרוכען — ריכטיג;
און אלע הימלען פלעגען זיך אויפהעלען,
ווען אין דעם הארץ פון מענשען איז געווארען ליכטיג.

דא איז אמאל א גוטענבערג געקומען,
און שפעטער, א וואלטער, א מענש א נייער,
האט מיט זיין ווארט דאס הארץ פון וועלט פארנומען
און ס'איז דאס לעבען באלד געווארען שענער, פרייער.

און נאכדעם האט געליכטיגט זיך דאס ווארט פון געטהע,
און שילער, היינע האבען מיט־געשאפען,
און מארקס — פאר אלע ארימע — די רישען גרייטע
דערנאך — א לינקאלן וואס האט באפרייט די שקלאפען.

עס איז געוועזען ווערטען ערע'ס אויפצוזינגען,
עס האט דאס ווארט, ווי מענש, באקומען פליגעל;
און איצטער איז דאס ביז ניט דורכצודרינגען,
אויף יעדען ווארט דריקט ביז א הערשער'ס זיגעל...

אין הויכען טראגען זיך די קופער־שלאנגען
און ער, דער מענש, באהאלט זיך אין דער נידער,
און אלע פרייע גייסטער — אלעמען געפאנגען,
און זייער פרייער ווארט — עס קלינגט אלץ מידער...

אך ווען און וואו? — עס זאל זיך נעמען איינער,
דער איינער, וואס זאל אויפוועקען די אלע,
גלייך ווי יחזקאל אין דעם מאל — אמאל — די ביינער,
און ווי דניאל אויפ'ן וואנט — דעם סוף אונז — זיין מגלה...

ווי פייערדיג די גאנצע מענשהייט ווארט שוין,
חוץ די וואס אין דעם הערשער פאלאץ זיך פארקלייבען —
אויף „מענע, מענע, טעקעל" און „ופרסין"
מיט פייערדיגע אותיות אויפ'ן וואנד צו שרייבען...

ווען וועט ער, אויך שטייגען פון דער גרוב פון לייבען
און פותר זיין פאר אונז דעם בייזען חלום,
און — פאלק, און מענש, און וועלט צוריק דערהויבען,
און אלע לענדער בענטשען מיט'ן שלום.

ווען קומט ער — מיט נבואה, צי מיט צויבער,
דאס ליכט מיט ליבעות ווארט — זאל חאל זיך צינדען,
און אין דעם לאנד פון בייזע הערשאפט און פון רויבער
זאל אלדאס בייז פון זיך אליין פארשווינדען...

פון צייט צו צייט

פון צביון

וועמען איז נאך איצט אזוי גוט ווי די קאמוניסטען? זייער כאווער היטלער האלט אפ איין זיג נאכ'ן צווייטען, די דעמאקראטישע מלוכות ווערען דערשטיקט איינע נאך די אנדערע און די קליינע באלטישע מלוכות האבען פון סטאלינען געקראגען א מתנה נאך עטליכע דיוויזיעס פון רויטע ארמייער, וועלכע די באפעלקערונג האט אויפגענומען מיט דער „גרעסטער באגייסטערונג".

יא, עס איז זיי גוט, אבער אויף דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנעל וואלט איך דאך ניט געוואלט זיין א קאמוניסט. אמת, שלעכט איז די קאמוניסטען אויך ניט געווען אויף דער קאנווענשאן. די ניט־קאמוניסטישע קלאוקמאכער און דרעסמאכער זיינען טאלעראנטע מענשען און זיי האבען די עטליכע קאמוניסטישע דעלעגאטען געגעבען אזוי פיל פרייהייט און דעמאקראטיע ווי זיי האבען נאר געוואלט, אבער גוט איז זיי דארטען דאך ניט געווען און טאקע דערפאר וואס מען איז געווען צו זיי אזוי העפליך און טאלעראנט.

איך גלויב, אז די עטליכע קאמוניסטישע דעלעגאטען וואלטען זיך געפילט א סך בעסער, ווען מען וואלט צו זיי ניט געווען טאלעראנט, ווען מען וואלט זיי ניט געלאזט רידען און זיי אין ערגעץ ניט צוגעלאזען. זיי וואלטען זיך דעמאלט געקענט באטראכטען פאר מארטירער און וואלטען דערפון גרויס הנאה געהאט. מארטירערטום איז ניט אלע מאל פארבונדען מיט העלדישקייט. אין געגענטייל, אפט איז עס גאנץ אנציהענד און עס קען גיכער באטראכט ווערען פאר א פריווילעגיע צו שפילען די ראלע פון א מארטירער. אבער די קאמוניסטישע דעלעגאטען אויף דער קאנווענשאן האבען אזא פריווילעגיע ניט געהאט, ווייל מען האט זיי ניט געגעבען די געלעגענהייט צו זיין מארטירער. אין געגענטייל, מען האט זיי אפילו ערלויבט צו לייענען זייערע לאנגע מגילות, וואס די קאמוניסטישע פארטיי האט פאר זיי אנגעשריבען. זיי האבען אפילו ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו פראטעסטירען, אז מען קריוודעט זיי. איך שטעל מיר דעריבער פאר, אז זיי האבען זיך געמוזט פילען גאנץ אנטוישט. באטראכט נאר אליין: א שטעלט זיך אויף א מענש איין מאל און צוויי מאל און פאנגט אן דעקלאמירען פאר איבער זעקס הונדערט פאר פארשטאפטע אויערן פסוקים פון דער קאמוניסטישער פארטיי און דערביי ניט האבען אפילו די באפרידיגונג געגען אימעצען צו פראטעסטירען אדער וועמען עס איז אפצוזידלען, אז ער איז א קאנטער־רעוואלוציאנער, אן אימפעריאליסט, אדער סתם אזוי א פארקויפטער דינער ביי קאפיטאל צו פאררעטען די אינטערעסען פון די ארבייטער.

אמת, פרעזידענט דובינסקי האט זיך גאנץ אפט באנוצט מיט דער געלעגענהייט צו זאגען די קאמוניסטען, וואס ער טראכט וועגען זיי. דאס האבען אויך אנדערע געטאן, אבער דאס האט דאך צו טאן מיט פרייער רעדע. די עטליכע קאמוניסטישע דעלעגאטען האבען דאך ניט געקענט פארלאנגען, אז בלויז זיי אליין זאלען זיך באנוצען אויף דער קאנווענשאן מיט די דעמאקראטישע רעכטען פון פרייער רעדע און ניט קיין אנדערע.

ווען איך וואלט געגלויבט, אז קאמוניסטען קענען עפעס לערנען, וואלט איך געזאגט, אז עס לוינט זיך ניט פאר דער קאמוניסטישער פארטיי צו מאכען אזעלכע גרויסע אנשטרענגונגען צו שיקען דעלעגאטען צו אזעלכע קאנווענשאנס ווי פון דער אינטערנעשאנעל, ווייל איסער וואס זיי מאכען דעם איינדרוק פון פאפוגאיעס, וואס כאזערען איבער די ווערטער, וואס מען האט זיי אויסגעלערנט, איז נאך פאראן א געפאר, אז זייער קאמוניזם זאל ניט קאליע ווערען און זאלען ניט אנפאנגען טראכטען, אז דעמאקראטיע איז א גאנץ פיינע זאך. נאר אזוי ווי קאמוניסטען טארען אליין ניט טראכטען און טארען ממילא גאר נישט לערנען איז ניטא קיין געפאר, אז עפעס רעכטס זאל זיך צו זיי צוקלעפען און די קאמוניסטישע פארטיי דארף דעריבער ניט מורא האבען, אז אירע שלוחים וועלען אויפהערען רידען ווי פאפוגאיעס. די איז מיט זיי זיכער. סטאלין האט אזוי פאראליזירט זייער מארך, אז זיי קענען שוין אליין מער ניט טראכטען. די ארבייט פון טראכטען ווערט פאר זיי געטאן אין מאסקווע.

⁂

דזשאהן לואיס האט אויף זיין לעבען געטאן איין גוטע זאך — ער האט אויפגענומען א קאמף פאר'ן אינדוסטריעלען טרייד־יוניאניזם אין אמעריקע און ער האט אין אנפאנג אויך געהאט א גרויסען ערפאלג, אבער שפעטער האט ער זיך גענומען צו טאן אלץ וואס איז מעגליך זיין ערפאלג קאליע צו מאכען און וואס גרינדליכער צו פארדארבען די גוטע רעפוטאציע, וואס ער האט זיך פאר א ווילע געשאפען.

דזשאן לואיס האט אויפגענומען א קאמף פאר'ן אינדוסטריעלען יוניאניזם ניט דערפאר, וואס ער איז געווען פראגרעסיווער פון זיינע חברים אין דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר, נאר ווייל די אינטערעסען פון זיין יוניאן, פון דער קוילענמאינערס יוניאן, האבען עס געפאדערט. נאר דאס מאכט ניט אויס. א גוטע זאך בלייבט גוט גאנץ גלייך פון וואנען און פון וועמען עס זאל ניט קומען. עס איז פאראן אן אלט ווערטעל, וואס זאגט: זאל עס זיין פון א קאזאק אבי צו רפואה. און עס איז א ריכטיג ווערטעל, נישט מער דער קאזאק דארף שפעטער ניט קומען און קאליע מאכען די רפואה, וואס ער האט געגעבען.

דזשאהן לואיס איז שטענדיג באטראכט געווארען צווישען די קאנסערוואטיווע פירער פון דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לעיבאר. די פראגרעסיווע עלעמענטען אין זיין יוניאן האבען גאנץ אפט רעוואלטירט געגען אים. און ער איז געווען קאנסערוואטיוו ניט בלויז אין דער טרעיד יוניאן באוועגונג, נאר אויך אין דער פאליטיק. ער איז געווען טעטיג אין דער רעפובליקאנער פארטיי און קולידזש איז געווען זיין פרעזידענט. און ווען קולידזש האט געזאגט „אי דאנ'ט טשוז טו ראן" איז הואווער געווארען דזשאן לואיס'עס אידעאל. נאר עס האט אזוי געטראפען, אז אונטער הואווער'ס אדמיניסטראציע האט לואיסעס רעפובליקאנער פארטיי פארגעסען דעם סוד פון פראספעריטי און מער פון לואיס'עס מאינערס זיינען געשטאנען אין די ברעדלאינס ווי אין די מאינס. דאס האט געפירט דערצו, אז לואיס זאל בייטען זיין פאליטישען גלויבען און ער איז פון א רעפובליקאנער געווארען א דעמאקראט און אן אנהענגער פון רחוועלט'ס ניו דיל. און עס איז געווען א גוטער בייט. אונטער רחוועלט'ס ניו דיל איז לואיס'עס מאינערס יוניאן, פון וועלכער עס איז אונטער הואווער'ס ברעדלאין פראספעריטי געבליבען ניט מער ווי רעשטלאך, ווידער אמאל געווארען א גרויסע, שטארקע יוניאן, גרעסער און שטארקער ווי ווען עס איז.

געוויס קומט עס לואיס'ן קרעדיט, וואס ער האט געוואוסט ווי אויסצונוצען רחוועלט'ס ניו דיל פאר זיין יוניאן און איר גרויס צו מאכען, ניט אלע פירער פון דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר האבען אזוי די געלעגענהייט אויסגענוצט, אבער די פעהיגקייטען, וואס לואיס האט ארויסגעוויזען אין דער צייט פון רחוועלט'ס אדמיניסטראציע, האט ער דאך אויך געהאט אין דער צייט פון הואווער'ס אדמיניסטראציע, אבער דאך איז זיין יוניאן און זיינע מאינערס געווען אונטער הואווער'ס אדמיניסטראציע אויף גרויסע צרות. עס הייסט, אז לואיס האט געהאט צו פארדאנקען רחוועלט'ן, וואס ער האט געשאפען פאר אים די באדינגונגען, אז ער זאל קענען אזוי פיל טאן פאר דער מאינערס יוניאן.

א רוסיש ווערטעל זאגט: ווי מען זאל ניט קארמענען א וואלף קוקט ער אלץ אין וואלד אריין. מען קען דאסזעלביגע זאגען וועגען לואיס'ן מיט זיין רעפובליקאנער פארטיי. ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט פאר זיין יוניאן אזוי פיל געוואונען אונטער דער רוזוועלט אדמיניסטראציע, האט עס אים דאך געצויגען צו זיין אלטער רעפובליקאנער פארטיי, ביז ער האט ענדליך זיך ווידער ערקלערט אין ליבע צו איר.

פון אנפאנג, ווען לואיס האט ארויסגעוויזען די ערשטע סימנים, אז רוזוועלט האט פארלארען דעם חן אין זיינע אויגען, האט ער געזוכט צו מאכען דעם איינדרוק, אז זיין אנטוישונג קומט דערפון, וואס רוזוועלט איז ניט פראגרעסיוו גענוג, אז ער גייט ניט גענוג ווייט מיט זיין ניו דיל פאר די ארבייטער. און מען דארף צוגעבען, אז אין לואיס'עס קריטיק פון ניו דיל איז געווען א סך אמת און עס האט געקענט אויסווייזען, אז לואיס ווערט וואס ווייטער אלץ פראגרעסיווער און אגרעסיווער אלס ארבייטער פירער. אבער עס האט זיך באלד ארויסגעוויזען, אז מען האט געמאכט א טעות. לואיס'עס קריטיק פון רוזוועלט'ס ניו דיל האט גאר נישט געהאט צו טאן מיט ארבייטער פראגרעסיוויזים, נאר עס האט געהאט צו טאן מיט הואווער'ס רעפובליקאניזם. לואיס'עס קריטיק פון רוזוועלט'ס ניו דיל איז געווען לואיס'עס צוריקקער צו דער רעפובליקאנער פארטיי.

נאר דאס אליין איז נאך געווען ווייניק פאר לואיס'ן. ער האט ליב צו טאן זאכען אויף אזא אופן, אז עס זאל זיך ארויסזען זיין גאנצע דעמאגאגיע. לואיס האט נעמליך ערקלערט, אז אין דעם עקאנאמישען קריזיס, וואס האט אנגענומען אזא שארפען כאראקטער, ווען הואווער איז ארויסגעזעצט געווארען פון ווייסען הויז, איז ניט געווען שולדיג הואווער, נאר רוזוועלט, וואס האט פארנומען זיין פלאץ. צום סוף פון הואווער'ס טערמין, האט לואיס ערקלערט, האט דער קריזיס שוין אנגעפאנגען שוואכער ווערען, איז אבער געקומען רוזוועלט מיט זיין עקאנאמישער פאליטיק, מיט זיין ניו דיל און האט דעם קריזיס צוריק פארשטארקט און האט געמאכט די גרויסע ארבייטסלאזע ארמיי פאר א שטענדיקע אינסטיטוציע פון לאנד.

אייגענטליך איז דאס ווארט דעמאגאגיע צו שוואך צו באצייכענען לואיס'עס ערקלערונג. מען דארף פאר דעם געברויכען א פיל שטארקערען ווארט. ווארום ווער ווייסט נאך ווי לואיס, וואס פאר אן עקאנאמישן חורבן אמעריקא האט איבערגעלעבט אין דער צווייטער העלפט פון הואווער'ס טערמין? אמת, ביי לואיס'ן אין טאפ איז געווען די הון, וואס הואווער האט צוגעזאגט יעדער פאמיליע אין אמעריקע, אבער ביי די מייסטע מאינערס זיינען אפילו קיין בולבעס ניט געווען אין טאפ. און לואיס האט עס געוואוסט. און לואיס האט אויך געוואוסט, אז די לאגע פון די מאינערס, אזוי ווי די לאגע פון אנדערע ארבייטער פון אמעריקא, האט זיך פארבעסערט א דאנק דער נייער עקאנאמישער פאליטיק פון רוזוועלט'ן און זיין ניו דיל. דער גרעסטער סימן איז, אז ער האט עס געוואוסט, איז דער פאקט, וואס ער, לואיס, האט גענומען אזא שטארקען אנטייל אין רוזוועלט'ס ערוועהלונג פאר א צווייטען טערמין אין 1936. אויסער וואס זיין מאינערס יוניאן האט געשטיצט רוזוועלט'ס וואהל־קאמף מיט א גרויסער סומע געלד האט לואיס נאך ארגאניזירט מיט דעם געלד פון זיין יוניאן אן אומפארטייאישע ארבייטער ליעג, וואס האט ענערגיש געארבייט פאר רוזוועלט'ס ערוועהלונג.

נאר לואיס האט דאס מאל זיך אפגענארט מיט זיין גרויסען גלויבען אין זיך און אין זיין דיקטאטארישער מאכט. זיינע דעמאגאגישע אטאקעס אויף רוזוועלט'ן האבען ארויסגערופען ניט בלויז פראטעסטען פון מערערע יוניאנס, וואס באלאנגען צו דער סי. אי. א., נאר אפילו זיין לעיבאר נאן פארטיזען ליעג איז ארויסגעקומען מיט א שארפען פראטעסט געגען אים. דעם פראטעסט האט אויסגעדריקט מר. ע. ל. אליווער, דער עקזעקוטיוו וויס־פרעזידענט פון דער לעיבאר נאן פארטיזען ליעג, וועלכער האט אריינגעשיקט זיין רעזיגנאציע צו לואיס'ן. ער האט ערקלערט, אז די גרויסע מאיאריטעט פון דער ליג איז פאר רוזוועלט'ן און אז לואיס דריקט אויס די שטימונג פון בלויז א קליינער מינאריטעט, וואס ווערט קאנטראלירט פון די קאמוניסטען.

וואס איז שייך צו זיין געגנערשאפט צו רוזוועלט'ן איז דזשאן לואיס איצט געבליבען אין גאנצען אליין. זיינע וויס־פרעזידענטען אין דער סי. אי. א. — סידני הילמאן און פיליפ מארעי, זיינען פאר רוזוועלט'ן. סעקרעטאר־טרעזשורער פון דער מאינערס יוניאן, טאמאס קענעדי, איז אויך פאר רוזוועלט'ן און אזוי זיינען אויך אנדערע פירער פון דער מאינערס יוניאן פאר רוזוועלט'ן.

דזשאהן לואיס מעג א טראכט טאן, אז זיין ממשלה האט זיך אנגעפאנגען וואקלען, ווייל ער האט זיך צו פיל פארמאסטען. עס איז די אלטע געשיכטע: דער קעמעל איז געגאנגען זוכען הערנער האט ער אויך זיינע אויערען פארלארען.

⁂

און איצט לאמיר רידען פון פרייליכערע זאכען. עס איז פאראן א גוטע האפנונג, אז אין דער נאדעל־אינדוסטריע וועט ווערען לעבעדיגער און עס וועט זיין ארבייט.

עס זיינען פאראן צוויי אורזאכען פאר אט דער האפנונג, איינע א דירעקטע און די אנדערע אן אנדירעקטע.

איך וועל נעמען ערשטענס די אנדירעקטע אורזאך, ווייל זי פארשפרעכט א סך מער. עס איז די אלגעמיינע

די באוואפנונג־פראגראם און די אויפגאבען פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג

פון פראפעסאר א. דוביצקי.

ד עקאנאמישע אנטוויקלונג פון די פאר־אייניגטע שטאטען וועט אין משך פון די קומענדיגע יארען אנגיין אונטער דעם צייכען פון באוואפענונג. מעג־ליך — אין א לאנגער ריי פון קו־מענדיגע יארען.

די באוואפענונג פראגראם איז אנ־געווארפען אין גראנדיעזע מאסשטאבען. דאס דורכפירען פון די פלענער איז אנגעמערקט גלייכצייטיג אויף א גראנ־דיעזען אופן. עס איז קלאר דערפאר, אז די באוואפענונג פון לאנד ווערט א דאמינירענדער פאקטאר פון דער עקאנאמישער און — ווי א רעזולטאט — אויך פון דער סאציאל־פאליטישער אנטוויקלונג פון די פאראייניגטע שטאטען.

די באוואפענונג פראגראם און אלע יענע פראבלעמען, וואס זיינען מיט דער דאזיגער פראגראם פארוויקעלט, וועט אויך ווערען דער דאמינירענדער פאקטאר אין דער אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג און אויך אין דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג.

אין אנהויב האט די נייע באוואפענונג פראגראם מיט זיך פארגעשטעלט א צוגאב פון 1 (איין) ביליאן און 700 מיליאן דאלאר צו דער אלטער פראגראם פון 1 (איין) ביליאן און 800 מיליאן דאלאר. די אויסגאבען פאר באוואפענונג פאר דעם קומענדיגען יאר — דער בודזשעט יאר הויבט זיך אן דעם ערשטען יולי — וועלט איך אזא אופן איבערגעשטיגען די סומע פון 4 (פיר) ביליאן דאלאר. די דאזיגע סומע איז געווען אויסגערע־כענט נאר אויף צו פארגרעסערען די ארמיי און דעם פלאט.

אין זיין מעסעדזש צום קאנגרעס פון 16טען מאי פא־דערט פרעזידענט רוזוועלט אויף גלייך אויסצובויען 50 טויזענט מיליטערישע עראפלאנען און א פארגרעסערונג פון דער פראדוקציע־פעהיגקייט פון דער עראפלאנען־אינ־דוסטריע ביז 50 טויזענט א יאר. אין דער איצטיגער צייט איז די דאזיגע פראדוקציע אן ערך 12 טויזענט א יאר. לויט א באריכט פון דעם הויפט פון דעם עראפ־לאנען קארפוס גענעראל ארנאלד דארף מען אויסגעבען אן ערך 7 (זיבען) ביליאן דאלאר א יאר אום אויסצובויען 50 טויזענט עראפלאנען.

איצט האט דער סענאט אנגענומען דעם פארשלאג פון אדמיראל האראלד ר. סטארק צו אסיגנירען גאנצע 4 (פיר) ביליאן דאלאר אויף אויסצובויען ביז צו דעם יאר 1946 א פלאט פון 750 שיפען, וואס וועט אנטהאלטען 3 מיליאן און 760 טויזענט טאן. די דאזיגע פלאט וועט זיין די גרעסטע אין דער וועלט. קיין איין מלוכה האט ביז איצט אזא פלאט ניט געהאט.

ניט קוקענדיג אויף דעם געוואלדיגען פארנעם פון דער אנגעוויזענער באוואפענונג פראגראם, ניט קוקענדיג אויף די גראנדיעזע סומען פון אלע אויסרעכענונגען, וועט דאס זיין ניט מער ווי א טראפען אין ים אין פארגלייך מיט דעם, וואס די פאראייניגטע שטאטען וועלען אין משך פון א לאנגער ריי קומענדיגע יארען אויסגעבען אויף באוואפענונג אין פאל היטלער וועט זיגען איבער די אלי־אירטע.

אין אונזער יוני ארטיקעל אין דער „גערעכטיגקייט" האבען מיר אנגעוויזען אויף יענע געוואלטיגע געפארען, וואס לויערען אויף אמעריקע אין פאל היטלער זאל זיגען אין איראפע.

אלע נויטיגע צוגרייטונגען זיך צו ווארענען פון א דראענדער און זייער רעאלער געפאר פון דעם אלוועלט־ליכען היטלעריזם איז לויט אונזער מיינונג מער ווי באַ־רעכטיגט. אבער טאקע אין די אינטערעסען פון דעם קאמף געגען דעם היטלעריזם איז וויכטיג צו האבען א קלארע פארשטעלונג וואס פאר א ווירקונג די נייע באוואַ־פענונג פראגראם — א פראגראם פון אזא גוואלטיגען פארנעם — מוז האבען אויף דער עקאנאמישער לאגע פון לאנד בכלל און וועלכע נייע סאציאל־פאליטישע טענדענצען און פראבלעמען קענען אנטשטיין ווי א רעזול־טאט פון דער עקאנאמישער איבערשיכטונג, מיט וועל־כער דאס דורכפירען פון אזוינע גראנדיעזע פלענער זיינען אומפארמיידליך פארבונדען.

⁂

יעצט זיינען אהינגעקומען אלע יענע טענות וועגען עקא־נאמיע און וועגען דער געוואלדיגער געפאר פון אן אומ־באלאנסירטען בודזשעט, וואס האט כלומרשט באדראט די סאמע עקזיסטענץ פון דער מלוכה?! די דאזיגע שטימען זיינען מיטאמאל איינגעצען פארשטומט געווא־רען. די רעפובליקאנישע פירער, וועלכע האבען איינגע־ריסען די הימלען מיט זייערע געשרייען וועגען שניידען די מלוכה אויסגאבען האבען, ווי עס וועט אויס, איינגאנ־צען וועגען דעם פארגעסען. אן באזונדערע שוועריגקייטען האט די אדמיניסטראציע באקומען דאס רעכט צו העכערען דעם מלוכה־חוב אויף גאנצע 4 (פיר) ביליאן דאלאר — פון 45 ביליאן ביז 49 ביליאן דאלאר. א סברא, אז גרויסע מלוכה אויסגאבען און א גרויסער מלוכה חוב ווערט א געפאר נאר דעמאלט ווען עס האנדעלט זיך וועגען רעליף, ווען עס האנדעלט זיך וועגען ראטעווען דאס לעבען פון מיליאנען הונגעריגע אמעריקאנער. ווען עס האנדעלט זיך אבער וועגען באוואפענונג — איז גאר עפעס אנדערש. און ניט חלילה צוליב דעם, וואס די רעפובליקאנער גייט עס אין לעבען צו באשיצען דאס לאנד פון דער היטלער מגפה. אין די הערצער פון א היפש ביסעל רעאקציאנערע רעפובליקאנער געפינט זיך א גאנץ ווארים ווינקעל פאר היטלער'ן, וואס מען מוז אבער אין דעם איצטיגען מאמענט האלטען טיף פאר־בארגען. איצט האנדעלט זיך עס וועגען פאטריאטיזם — וועגען יענעם אייגענארטיגען פאטריאטיזם, וואס שמעקט שטארק מיט פראפיטען.

ווען דער פרעזידענט האט איינבארופען א קאנפערענץ פון די אינדוסטריאליסטען זיך צו בּאראטען וועגען פאר־ברייטערען די עראפלאנען אינדוסטריע, זיינען די פירער פון דער דאזיגער אינדוסטריע זיך פאנאנדערגעגאנגען שטארק אנטוישט — לויט די באריכטען פון דער רע־פובליקאנישער פרעסע.

ווי עס שטעלט זיך ארויס איז די ערשטע פראגע פון די אינדוסטריאליסטען געווען וועגען דער מעגליכקייט אפצושאפען די געזעצען, וואס באשיצען די ארבייטער אינטערעסען. זיי האט זיך געוואלט אויסנוצען די באוואַ־פענונג־פראגראם, ווי א גינסטיגען מאמענט צו העכערען זייערע פראפיטען אונטער דעם מאנטעל פון פאטריאטיזם. ניט קיין וואונדער, וואס זיי זיינען געווען אנטוישט דער־הערענדיג דעם ענטפער פון פרעזידענט, אז די ארבייטער־געזעצען וועלען בלייבען אין קראפט און מען וועט זיי מוזן אויספאלגען. נאך ווייניגער ענטוזיאזם האט ארויסגע־רופען דעם פרעזידענט'ס סטייטמענט וועגען דער מעג־ליכקייט אויסצובויען עראפלאנען־פאבריקען פון דער מלוכה.

מלחמה־פראפיטירער פירען אן א מעכטיגען קאמפיין, אז אלע באדינגונגען בנוגע ארבייטס־באדינגונגען זאלען אפגעשאפט ווערען.

עס ווערט אויך אנגעפירט א קאמפיין „אויסצובעסע־רען" דעם „פאבליק קאנטראקט'ס אקט" און דעם „פעיר לייבאר סטאנדארדס אקט". עס גייט אן א שטארקע אטאקע מצד די רעאקציאנערען געגען דעם „נעשאנאל לייבאר רילייישאנס אקט". די דאזיגע אטאקע גייט אן אין דריי ריכטונגען. ערשטענס — ווערט געמאכט א פאר־זוך צו פארקלענערען די נויטיגע געלט־פאנדען פון דעם „נעשאנאל לייבאר רילייישאנס באארד". צווייטענס — צו ענדערען זיין צונויפשטעל אום צו פארזיכערען באשלו־סען, וואס זאלען זיין געצילט געגען די אינטערעסען פון ארבייטער. און דריטענס — צו ענדערען דעם אקט אזוי, אז ער זאל איינגאנצען ווערען מבוטל און זאל אפילו קענען אויסגענוצט ווערען ווי א וואפען געגען ארבייטער.

אין משך פון פילע חדשים האט די „אונטערזוכונג" פון דער סמית־קאמיטע קיין שום ערנסטע פעלער אין דעם אקט ניט אנטדעקט, אבער די „אויסבעסערונגען", וואס די קאמיטע לייגט פאר, זיינען אין גרונט ערגער, ווי דאס אפשאפען פון דעם גאנצען אקט גופא. לויט דער מיינונג פון סענאטאר ראבערט וואגנער. אפילו די „ניו יארק טיימס" שרייבט וועגען די אמענדמענטס, אז „זיי וועלען פארוואנדלען דעם אקט אין א מיטעל צו שאפען א פאר־פירערישע אילוזיע פאר דעם ארבייטער און א קאנקרע־טען וואפען ארבייטער צו אונטערדריקען". די מיטגלידער פון דער קאמיטע גופא, ארטור ד. הילי און איב מאר־דאק, האבען זיך אפגעזאגט אונטערצושרייבען דעם באַ־ריכט פאר דער מערהייט. זיי האבען דערקלערט, אז די אמענדמענטס וועלען איינגאנצען פארניכטען די באדייטונג פון דעם אקט, אפשאפענדיג זיינע הויפט־פרינציפען און צילען. די אמענדמענטס, לויט זייער מיינונג, האבען נאר איין צוועק — מקריב צו זיין די בלוטיגע רעכט, וואס דער אקט גאראנטירט די ארבייטער.

די דאזיגע אמענדמענטס זיינען פונדעסטוועגען אנגע־נומען געווארען פון דער „הויז אוו רעפרעזענטאטיוס" אין א גרויסער מאס צוליב דער שטיצע פון וויליאם גרין, פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערעישאן און לייבאר. אין אנהויב איז גרין געווען געגען די אמענדמענטס. ווי עס זעט אויס, איז זיין שטיצע געוואונען געווארען צוליב דעם נייעם אמענדמענטס, וואס איז געצילט געגען די אינ־דוסטריעלע יוניאנס.

דאס אננעמען די אמענדמענטס איז געווען א גרויסע אומערווארטעטע איבערראשונג אפילו פאר די איניצי־אטארען פון ביל גופא. מען דארף האפען, אז די אמענד־מענטס וועלען אין סענאט ניט דורכגיין, ווייל א ווען אזוי, שלאגט דער ביל פאר ארויסצולאזען פון דעם „פריאמבל"

באוואפנונגס און צוגרייטונגס פראגראם וואס פרעזידענט רוזוועלט האט צוגעשטעלט דעם קאנגרעס און וואס איז צום גרעסטען טייל שוין אויך אנגענומען געווארען. עס איז א פראגראם, וואס איז פארבונדען מיט מערערע ביליאן דאלאר און עס וועט געבען ארבייט עטליכע מיליאן מענשען. דאס מיינט, אז א גרויסער טייל פון די וואס געהען ארום היינט אן ארבייט, וועלען געהאלפען ווערען. זיי וועלען אנפאנגען פארדינען און וועלען קענען קויפען דאס נויטיגסטע וואס זיי דארפען פאר זיך און פאר זייע־רע פאמיליעס. און איינע פון די נויטיגסטע זאכען היינט אין די פארארימטע ארבייטער־פאמיליעס, וואס זיינען געווען א לאנגע צייט אן ארבייט, איז קליידונג. אויף עסען צו דערהאלטען די נשמה האבען זיי ווי עס איז גע־קראגען פון איין קוואל אדער א צווייטען, אויף קליידער אבער איז ניט געווען פון וואנען. מען האט געטראגען אויף זיך יעדע שמאטע וואס האט זיך נאר ווי עס איז געקענט האלטען אויפ'ן גוף. אט די פארארימטע אר־בייטער פאמיליעס פון לאנגער ארבייטסלאזיגקייט וועלען די ערשטע זאך קויפען קליידער, ווען זיי וועלען נאר האבען מיט וואס און עס וועט דעריבער ווערען מער ארבייט אין דער נאדעל אינדוסטריע, ווייל ווען עס פאנ־גען זיך אן הייזען פארדינסטען אין הויז, זיינען די פרויען די ערשטע צו באנייען א ביסעל זייער באקליי־דונג.

אבער דאס איז נאך ניט אלץ. איבער דער גרויסער מאס ארבייט און באשעפטיגונג וואס די באוואפנונגס פראַ־גראם און די מיליטערישע צוגרייטונג וועט שאפען אין די פארשידענע אינדוסטריעס אין לאנד, וועלען פארדינסטען אין אלגעמיין פארגרעסערט ווערען און די קויף־קראפט פון דער באפעלקערונג וועט באדייטענד פארגרעסערט ווערען. דער שכל איז דעריבער מחייב, אז עס דארף ווערען מער ארבייט ביי קלאוקס און ביי דרעסעס.

און איצט קומט די דירעקטע אורזאך פאר וואס מען דארף דערווארטען מער ארבייט אין דער נאדעל־אינ־דוסטריע.

די נאדעל־אינדוסטריע האט א דירעקטע שייכות מיט דער פראגראם פון באוואפענונג און מיליטערישער צוגרייטונג. די רעגירונג וועט דארפען באשטעלען א סך אוניפארמס — א גרויסער טייל פון זיי דירעקט מיליטער־רישע און די איבעריגע האלב מיליטערישע. די מילי־טערישע צוגרייטונג נעמט ארום מענער און פרויען. די ארבייט וועט איינגעטיילט ווערען צווישען דער אמאלגא־מייטעד און די אינטערנעשאנאל.

אמת, פארלויפיג איז נאך קיין ארבייט ניטא, אבער עס איז איצט דא א גוטע האפנונג, אז עס וועט זיין. און עס איז דאך בעסער צו האבען א האפנונג. עס איז לייכטער צו ווארטען.

⁂

א פערזענליכע באמערקונג. אין „קאמאריק", וואס דזשיי העלער האט ארויסגעגעבען פאר דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל, איז אפגעדרוקט א שרייבעריי אויף וועלכער עס איז ארויפגעשטעלט געווארען מיין נאמען. דאס איז אן אומדערהערטע אומפאראנטווארטליכ־קייט געגען וועלכער איך דריק אויס מיין שארפסטען פראטעסט.

פון דעם איצטיגן אקט דעם סטיטמענט, אז „די פאליסי פון די פאראייניגטע שטאטען איז צו דערמוטיגען די פראקטיק און די פראצעדור פון קאלעקטיווע אפמאכן".

דער נייער „פריאמבל" איז פארמולירט אויף אזא אופן, אז ער לאזט אפען דעם וועג פאר געצוואונגענעם ארביטראזש און פאר דערקלערן סטרייקס אומגעזעצליך. דער ביל שאפט אפ די פאדערונג פון דעם איצטיגען אקט, אז קאלעקטיווע אפמאכען זיינען אבליגאטאריש. ער שטעלט איין די באארד אויף אזא אופן, אז זי וועט פאקטיש זיין אינגאנצען מאכטלאז, ער גיט דאס רעכט די בארימטע אנטי־יוניאן קאורטס דאס רעכט צו באשטימען די באשלוסען פון באארד, וואס וועט אין יעדען פאל ארויסרופען אומענדליכע פראצעסען.

אן אנדער אמענדמענט פון דעם סמיט־ביל דערמוטיגט אפען קארפאראציעס צו באנוצען סטרייק־ברעכער. נאך אן אמענדמענט באגרעניצט די צייט פון אן אומגעזעצליך אפגעזאגטען ארבייטער צו באקומען „בעק־פעי" פאר נאר איין יאר.

און צום סוף — דער ביל גיט די קארפאראציעס דאס רעכט צו באאיינפלוסען די ארבייטער זיך ניט אנצושליסען אן דער יוניאן. דאס ווערט געטאן אונטער דעם אנשטעל פון דאס רעכט פאר „פרייע רעדע".

אין קורצען, די אמענדמענטס פון סמיט זיינען אויסען אפצושאפען אלע רעכט, וואס דער איצטיגער אקט גיט די ארבייטער. אנשטאט דעם האבען זיי אין זינען צו פארוואנדלען דעם אקט אין א וואפען צו אונטערדריקען די טרייד יוניאנס.

∴

די באוואפענונג־פראגראם, ווי מיר האבען פריער אנגעוויזן, קען לויט איר ברייטן פארנעם דערגרייכן א הוצאה פון איבער 13 (דרייצן) ביליאן דאלאר א יאר.

אום צו באנעמען דעם גראנדיעזען מאסשטאב פון אזא באוואפענונג־פראגראם איז גענוג אנצוווייזען, אז, למשל, אין יאר 1930 האבען די פאראייניגטע שטאטען אינגאנצען אויסגעגעבען 323 מיליאן דאלאר פאר דער ארמיי און 374 מיליאן דאלאר פאר דעם פלאט. מיט אנדערע ווערטער הייסט עס, אז קומענדיגען יאר וועלען די פאראייניגטע שטאטען אויסגעבען אן ערך 20 מאל מער אויף באוואפענונג, ווי אין יאר 1930 און כמעט א העלפט פון דעם, וואס די גאנצע וועלט האט אויסגעגעבען אויף באוואפענונג — אן ערך 30 ביליאן דאלאר — אין יאר 1938 — אין א יאר פון פיבערהאפטע מלחמה צוגרייטונגען. עס איז כדאי דערביי צו דערמאנען, אז דער נאציאנאלער איינקונפט פון די פאראייניגטע שטאטען האט אין יאר 1939 באטראפען 70 ביליאן דאלאר. 13 ביליאן דאלאר, הייסט עס, איז אן ערך א פינפטעל פון דעם נאציאנאלען איינקונפט.

לויט דער קרומער לאגיק פון די מלחמה־פראפיטירער קומט אויס, אז אזא קאלאסאלע סומע דארף הויפטזעכליך געדעקט ווערען פון די קעשענעס פון די אמעריקאנער מאסען. זיי גיבען זיך ניט די מי א קלער צו טאן, אויב דאס איז גאר אינגאנצען מעגליך. גיכער — זיי מאכען דעם אנשטעל, אז זיי פארשטייען עס ניט. די העלדען פון „וואל־סטריט" זיינען ממש וואונדערבאר אין זייער אפענעם ציניזם. עס וועט זיין גענוג צו ברענגען נאך איינעגע פערל פון זייער ספעציעלער פרעסע. זיי קווינקלען זיך ניט אויף א האר צו פאדערן, אז די פינאנסירונג פון דער באוואפענונג זאל אנגיין אויפן חשבון פון דער סאציאלער געזעצגעבונג. אום צו פינאנסירען די באוואפענונג, שרייבט דער „וואל סטריט זשורנאל" אין אן עדיטאריעל, איז נויטיג: „איבערצואנדערשען די גאנצע בודזשעט־סכעמע, אריינרעכענענדיג געלטער פאר רעליף־ארבייט, אויסצאלונגען פאר פארם־בענעפיטס, פאר הידרא־עלעקטרישע פראיעקטען, קאנטראל געגען פארפליצונגען, אויסבעסערונגען פון האפענס און טייכען, פארם־עלעקטריפיקאציע, אויסבעסערונג פון וועגען און בויען הייזער פאר געזעלשאפטליכע צוועקען". דאס ווארט „איבערצואנדערשען" איז דאס איינציגע פייגענבלעטעל אין דער גאנצער דרשה. עס האט פארט געפעלט מוט גיין ביז צום ענד און זיין אויסגעהאלטען אין ברוטאלען ציניזם. דער צונג האט זיך פארהאקט. דאס קען אבער ניט העלפען אין פארטומלען די געדאנקען פון אפילו זייער נאאיווע מענשען. „איבערצואנדערשען" הייסט אין דעם פאל פשוט אפשאפען די סאציאלע דערגרייכונגען פון א גאנצער דעקאדע.

ווילט איר אבער זוכען פולשטענדיגע ברוטאלע אפענהארציגקייט, געפינט איר זי אין די „יונייטעד סטייטס ניוס". דארטען ווערט דערקלערט פשוט, אן קונצען: „דאלארס, וואס זיינען אמאל באשטימט געווארען צו אינוועסטירען פאר בויען ביליגע הייזער, פאר ביליגער געזונטהייט־פארזיכערונג, פאר פענסיעס פון אלטע לייט און פאר קראנקען־הייזער וועט איצט אנשטאט דעם ווערען אינוועסטירט אין קאנאנען, קריג־שיפען און עראפלאנען".

מיט פלענער, ווי אזוי צו פינאנסירען די באוואפענונג־פראגראם, קאכט ממש. אט איז נאר וואס מיט א שפאגעל נייער פינאנסירונג־פראגראם ארויסגעקומען דזשעראם פראנק — דער פארזיצער פון דער „סעקיוריטיס ענד עקסטשיינדזש קאמישאן". די ביליאנען, וואס עס פאדערט זיך פאר באוואפענונג דארף, לויט דעם דאזיגען פלאן, פשוט גענומען ווערען פון די ארבייטער, פארמער און פון דעם נידעריגען מיטעל־קלאס. די גאנצע חכמה פון דעם פלאן באשטייט אין שניידען דעם פארברויך פון די אמעריקאנער מאסען אויף גאנצע 15 ביליאן דאלאר. דעמאלט וועט מען קענען די מאשינען און די ארבייטער, וואס זיינען פארנומען אין פראדוצירען סחורות פארן ברייטען מאסען־געברויך, פארוואנדלען פאר דער פראדוקציע פון באוואפענונג.

מיר ווילען דא, פריער פון אלץ, אנווייזען, אז די פראדוקציע־פעהיגקייט פון די פאראייניגטע שטאטען איז גענוג גרויס צו פראדוצירען אלץ דאס נויטיגע פאר באוואפענונג אן א געוואלדיגער דערנידערונג פון דעם לעבענס־סטאנדארד פון די מאסען. אום צו פארקלענערען דעם פארברויך פון די מאסען אויף 15 ביליאן דאלאר, פאדערט זיך, לויט דעם פלאן, איינצופירען אזוינע הויכע „סיילס־טעקסעס", וואס זאל מאכען אינגאנצען ניט צוגענגליך א גאנצע רייע סחורות פאר די ברייטע מאסען. אויף אזא אופן קען מען פארקלענערען דעם געברויך פון שפייז אויף 3 ביליאן דאלאר פון די 45 ביליאן דאלאר, וואס ווערט נארמאל אויסגעגעבען אויף שפייז. דאס זעלבע — 2 און א האלב ביליאן פון די 5 און א האלב ביליאן אויף אויסמעבלען. אויף דעם זעלבען אופן קען מען פארקלענערען אויף 2 ביליאן דאלאר דאס געלט, וואס ווערט אויסגעגעבען אויף מעבעל, ראדיאס, רעפרידזשערייטארס און אנדערע הויז ארטיקלען, 3 ביליאן דאלאר אויף פערפיום, קאסמעטישע ארטיקלען, צירונג, אלקאהאלישע געטראנקען און טאבאק. רעכענענדיג דעם פראצענט אויף מארטגעדזשעס קען מען פארקלענערען דעם פריוואטען בויען פון נייע הייזער אויף 500 מיליאן דאלאר.

מר. פראנק האלט אבער, אז באשטייערן מיט טעקסעס דארף מען נאר מענשען מיט א זייער באשיידענעם איינקונפט. ער וואלט „באטראכט פאר ניט ווינשענסווערט ארויפצולייגן טעקסעס, וואס זאלען איינקנעמען א ממשות'דיגען טייל פון אן איינקונפט העכער פון זייער א באשיידענעם. אדער, וואס זאל איינקנעמען דעם גאנצען אזוי גערופענעם קריגס־פראפיט".

∴

די אמעריקאנער ארבייטערשאפט איז בלוטיג פאראינטערעסירט דאס לאנד זאל זיין געהעריג צוגעגרייט זיך צו פארטיידיגען געגען דער דראענדער געפאר פון דעם אלוועלטליכען פאשיזם. די אמעריקאנער מאסען זיינען אין דעם פאראינטערעסירט מער ווי די זוכער פון פעטע קריגס־פראפיטען, פון יענע ספעציעלע פאטריאטען, פאר וועמען פאטריאטיזם איז ניט מער ווי א מיטעל צו פארגרעסערן זייער רייכטום אין א מאמענט פון א גרויסען נאציאנאלען קריזיס. ניט זיי קען מען פארטרויען דאס פארטיידיגען פון דעם לאנד, ניט אויף זיי קען מען בויען אין א צייט פון געפאר.

דער פונדאמענט פון אמת'ער פארטיידיגונג זיינען די ברייטע פאלקס־מאסען. די ארבייטער־מאסען זיינען דער וויכטיגסטער פאקטאר, דער וויכטיגסטער עלעמענט אין די פראדוקציע כוחות פון לאנד. די ארבייטער־מאסען טראגען צו דעם וויכטיגסטען באשטאנד־טייל אין דער פראדוקטיווער טעטיגקייט פון לאנד — די לעבעדיגע ארבייטס־קראפט.

יעדע פאליטיק וואס איז געצילט צו אונטערגראבען די עקזיסטענץ און דעם לעבענס־סטאנדארד פון די ארבייטער־מאסען אונטערגראבט דעם פונדאמענט פון דעם לאנד'ס פראדוקטיווער טעטיגקייט און מיט דעם דעם פונדאמענט פון אמת'ער פארטיידיגונג. די אמת'ע אינטערעסען פון לאנד זיינען די אינטערעסען פון די ברייטע פאלקס־מאסען. די ברייטע פאלקס־מאסען זיינען די אמת'ע נאציע. ניט נאר אין די אינטערעסען פון די ארבייטער־מאסען גופא, נאר אין נאמען פון די אלגעמיינע אינטערעסען איז עס די אויפגאבע פון דער טרייד־יוניאן באוועגונג, ווי אויך פון דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג אין דעם איצטיגען מאמענט צו באקעמפען אויף דעם ענערגישסטען אופן דעם אנגריף פון אייגענניציגע גרופען געגען זייערע דערווארבענע עקאנאמישע און סאציאל־פאליטישע דערגרייכונגען.

די וויזע

אהרן צייטלין

(א ליד פון קובא)

אויף די פארק־בענק פארנאכט, ווען די היץ גייט אריבער
און א ווינטל לויפט אן פון דעם ים קעגענאיבער,
זיצן איינזאמע פרויען און איינזאמע מענער —
צווישן דער־וועלט און יענער־וועלט, דער־וועלט און יענער.

צווישן דער־וועלט און יענער־וועלט — פרויען און מענער.
רופט אן עלטער זיך אן: „ס'ווערט די האפנונג אלץ קלענער.
מ'האט א לעבן געלעבט—און מען ווייס נישט: וואו איז עס?
מ'האט א לעבן געלעבט—און איצט ווארט מען אויף וויזעס".

און א יונגער דערציילט: „אט האט גאלדשטיין געקראגן
פארטראכטאגען זיין וויזע, יא, ערשט פארנאכטאגען.
זיך אין וועג שוין געפאקט... האט דער שד אים געטריבן
גיין זיך באדן... נו, איז ער אין וואסער געבליבן...

ס'איז צו בלייבן באשערט אים געווען אין האוואנע...
טיף אין ים וועט ער האבען זיין אייביגע וואנע...
און א שאד... אזא שאד האט דאך ערשט פארנאכטאגן, —
הלוואי אויף אונז אלע, — די וויזע געקראגן"...

ער ווערט שטיל. שטערן ציטערן איבער האוואנע.
אלע שווייגן. זיי זיינען דעם טויטן מקנא.
ס'איז א וויזע צו יענער־וועלט אויך דאך א וויזע,
אויף דער ערד, אויפן אפגרונד — אבי אן אחיזה...

טראכטן איינזאמע פרויען און איינזאמע מענער:
ווען אויך מיר, ווען אויך מיר קענען רוען, ווי יענער...
ווען אויך מיר קענען זאגן: אט איז זי, אט איז זי!
ער האט פארט זי געקראגן — די וויזע, די וויזע...

די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון יוניאָנס און אַרבייטער־פּאַרטייען אין אַמעריקע

פון א. יאָזעפסאָן.

די שפּאַלטונג אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און די גרינדונג פון קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

די אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג, סיי די טרייד יוניאָנס, סיי די פּאָליטישע אַרבייטער פּאַרטייען, האָבען זינט פון זייער גרינדונג אָן געליטען פון דער מכה פון שפּאַלטונגען. אַזוי גיך ווי אַן אַרבייטער אָרגאַניזאַציע האָט געקראָגען אַביסעל מאַכט און איז געוואָרען איינפלוסרייך, האָט זיך אָנגעהויבען די מגפה פון שפּאַלטען די אָרגאַניזאַציע אויף קליינע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייעלאַך, וועלכע האָבען זיך אַרומגעריסען איינע מיט דער אַנדערער.

פילע אַרבייטער טוער ווי אויך ליבעראַלען, וואָס זיינען בלויז אויבענאויפיג באַקאַנט מיט דער היגער אַרבייטער באַוועגונג ווערען אָפטמאָל פאַרצווייפעלט און האַלטען אין איין פרעגען: פאַרוואָס רוט אויף דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג די קללה פון ברעכענישען און שפּאַלטונגען?

קודם כל דאַרף ווערען קלאָר, אַז דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם איז נאָך זייער יונג. די אַנטוויקלונג פונם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם, זיין ריזיגער וואוקס און אויסשפּרייטונג, האָט זיך ערשט אָנגעהויבען נאָכן בירגער־קריג פון 1865. און דער אַמעריקאַנער אַרבייטער קלאַס וואָס האָט פאַקטיש געשאַפען די ריזיגע רייכטימער און אַנטוויקעלט די גרויסע אינדוסטריען פון לאַנד איז נאָך גאָר אַ יונגער. אָבער בשעת דער פּראָלעטאַריאַט פון אַן אַנדער לאַנד איז אויסגעוואַקסען און אָנשטאַנען אין דעם זעלביגען לאַנד וואו דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַנטוויקעלט, איז אָבער די גרויסע מאַיאָריטעט פון דעם אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט, ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק, באַשטאַנען פון אימיגראַנטען, וואָס זיינען געקומען פון פאַרשידענע לענדער, מיט באַזונדערע שפּראַכען, זיטען, געוואוינהייטען, טראַדיציעס, טעמפּעראַמענטען און קולטורען.

נאָך מער. אפילו די אימיגראַנטען סאָציאַליסטען, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע פון אַלע עקען וועלט, זיינען דורכגעגאַנגען פאַרשידענע סאָציאַליסטישע שולעס אין זייערע אַלטע היימען, זיי האָבען פריער באַלאַנגט צו באַזונדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען. אַזוי למשל, האָט מען געקענט טרעפען אין אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע די דייטשען, וואָס האָבען באַלאַנגט צו דער מאַרקסיסטישער ריכטונג, די שפּאַניער, וואָס האָבען אין דער היים באַלאַנגט צו דער סינדיקאַליסטישער ריכטונג, די סלאַווען מיט זייער בונטאַרישקייט און די סקאַנדינאַוויער, וואָס האָבען ליב אָרגאַניזאַציע און דיסציפּלין. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט כסדר געליטען פון ריסערייען און שפּאַלטונגען.

כדי צו האָבען אַ באַגריף וועגען דער ווירקונג וואָס די אימיגראַנטען (מען רופט זיי פרעמד־שפּראַכיגע) האָבען געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג און האַלטונג פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו די פאַרשידענע פראַגען וועלען מיר דאָ ברענגען אַ קורצע טאַבעלע וועגען דעם צוזאַמענשטעל פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער היגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

יאָר	מיטגלידער	יאָר	מיטגלידער
1903	15.975	1913	95,957
1904	20,763	1914	93.579
1905	23,327	1915	78.374
1906	26.783	1916	83,284
1907	29,270	1917	80,379
1908	41,751	1918	82.344
1909	41.479	1919	108,504
1910	58,011	1920	26,766
1911	84,716	1921	13.484
1912	118,045	1926	12,000

פון דער דאָזיגער טאַבעלע זעען מיר, אַז פון 1909 ביז 1912 איז די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אויסגעוואַקסען פון 41 טויזענט מיטגלידער ביז 118 טויזענט מיטגלידער. דאָס הייסט אין משך פון דריי יאָר האָט די היגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי צוגעקראָגען נאָענט פון דריי מאָל אַזוי פיל מיטגלידער.

די טאַבעלע ווייזט אונז אויך, אַז אויב אין די פינף יאָר פון 1903 ביז 1907 האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי צוגעקראָגען פערצען טויזענט מיטגלידער, האָט אָבער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין די נעקסטע פינף יאָר פון 1907 ביז 1912 צוגעקראָגען העכער פון אַכציג טויזענט מיטגלידער. פונוואַנען האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי גענומען אירע מיטגלידער. וואָסערער עלעמענט האָט זיך אַריינגעגאָסען אין דער פּאַרטיי פון די יאָרען 1909 ביז 1912, ווי אַזוי האָט זיך דער גרויסער שטראָם פון נייע מיטגלידער אָפּגערופען אויף די פּרינציפּיעלע און טאַקטישע פראַגען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי?

אין די יאָרען פון 1905 ביז 1912 זיינען פאָרגעקומען גרויסע געשעענישען אין אייראָפּע. עס איז פאָרגעקומען די ערשטע גרויסע רוסישע רעוואָלוציע, גרויסע וואַל־זיגען פון די סאָציאַליסטען אין דייטשלאַנד און עסטרייך. עס זיינען אין די זעלביגע יאָרען געקומען קיין אַמעריקע צענדליגער טויזענטער אימיגראַנטען רעוואָלוציאָנערען פון רוסלאַנד און טויזענטער סאָציאַליסטען פון מערב אייראָפּע. אין די ערשטע יאָרען פון דעם אימיגראַנטען שטראָם זיינען די אימיגראַנטען געווען פאַרנומען מיט איינאָרדענען זיך עקאָנאָמיש און זיינען ניט געווען באַהאַוונט אין דער ענגלישער שפּראַך, דעריבער האָבען זיי זיך אין אָהויב אָפּגעהאַלטען פון אָנשליסען זיך אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ערשט אין יאָר 1910 ווען די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אויף אַ קאָנווענשאָן באַשלאָסען צו גרינדען שפּראַך פעדעראַציעס, וואו די אימיגראַנטען סאָציאַליסטען וועלען קענען אָנפירען זייער סאָציאַליסטישע אַרבייט אויף זייער אייגענער שפּראַך און קולטור, האָט זיך געעפענט אַ ברייטער וועג פאַר די אימיגראַנטען סאָציאַליסטען אָנצושליסען זיך אין גרויסע מאַסען אין דער היגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די פאָלגענדע שפּראַך־פעדעראַציעס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון יאָר 1911:

שפּראַך־פעדעראַציע	יאָר	שפּראַך־פעדעראַציע	יאָר
סאָוט סלאַווישע	1911	פּוילישע	1913
איטאַליענישע	1911	אידישע	1913
סקאַנדינאַווישע	1911	סלאָוואַקישע	1913
אונגאַרישע	1912	אוקראַינישע	1915
באָהעמישע	1912	ליטווינישע	1915
דייטשישע	1913	רוסישע	1915

און אויב די מיטגלידערשאַפט פון דער היגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז אין יאָר 1904 באַשטאַנען בלויז פון דרייסיג פּראָצענט פרעמד געבוירענע איז אָבער די מיטגלידערשאַפט פון דער פּאַרטיי אין 1919 געווען העכער פון זעכציג פּראָצענט פון פרעמד שפּראַכיגע. און די דאָזיגע שפּראַך־פעדעראַציעס האָבען געלאָזט פילען זייער ווירקונג און איינפלוס אין כמעט אַלע פּרינציפּיעלע און טאַקטישע פראַגען פון דער פּאַרטיי. די אימיגראַנטען סאָציאַליסטען האָבען שטענדיג און אומעטום געפאָדערט מער רעוואָלוציאָנערע אַקציע און די אַזוי גערופענע אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען האָבען אַגיטירט פאַר פרידליכע מיטלען פאַר דער באַפרייאונג פונם אַרבייטער קלאַס.

דער ערשטער גרויסער צוזאַמענשטויס אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז פאָרגעקומען אין יאָר 1912, ווען עטליכע אָנגעזעענע מיטגלידער פון דער היגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ווי ביל הייוואוד און אַנדערע האָבען געפּרעדיגט סאַבאָטאַזש און געוואַלד־טימלען אַלס אַ וואָפען פון אַרבייטער קלאַס אין זיין קאַמף פאַר באַפרייאונג. די קאָנווענשאָן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1912, האָט אַריינגעשטעלט אין איר קאָנסטיטוציע אַ פּונקט „אַרטיקעל 2 סעקשאָן 6", וואו עס זאָגט זיך:

„יעדער מיטגליד פון דער פּאַרטיי, וואָס איז געגען פּאָליטישער אַקציע, אָדער פּרעדיגט פאַרברעכען, סאַבאָטאַזש, אָדער אַנדערע פאָרמען פון געוואַלד, ווי אַ וואָפען פון אַרבייטער קלאַס אַלס אַ הילף פאַר זיין באַפרייאונג, זאָל אויסגעשלאָסען ווערען פון דער פּאַרטיי. פּאָליטישע אַקציע זאָל אויסגעטייטשט ווערען דאָס באַטייליגען זיך אין די וואַלען פאַר עפענטליכע אַמטען און פּראַקטישע געזעצגעבערישע אַרבייט לויט דער ליניע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פּלאַטפאָרם".

אָט דער דאָזיגער פּאַראַגראַף האָט אַרויסגערופען אַזאַ סומאַטאָכע און אויפרודערונג אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אַז עס האָט געהאַלטען ביי אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי. דער סוף איז געווען, אַז די פּאַרטיי האָט טאַקע אין דעם יאָר פאַרלאָרען העכער פון צוואַנציג טויזענט מיטגלידער.

אָבער דער קאַמף אין דער היגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט זיך צעפלאַקערט גלייך מיטן אויסברוך פון דעם וועלט־קריג אין 1914. אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג ביים אויסברוך פון קריג בנוגע דער פראַגע צי זאָל מען שטיצען די פּריוויליגע לעגיאָנען, וואָס זיינען געפאָרען קיין עסטרייך צו קעמפען געגען רוסלאַנד. אין יאָר 1915 האָט דער סאָציאַליסטישער שרייבער ראַדזשערס אָפּגעדרוקט אין דעם „אינטערנעשאַנאַל סאָשעליסט רעוויו" די דעקלאַראַציע פון די לינקע סאָציאַליסטען, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען אין צימערוואַלד, שווייצאַריע, אויף אַ קאָנפערענץ אין סעפּטעמבער 1915. אין נאָוועמבער 1916, האָט זיך אין באָסטאָן געגרינדעט אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע ליג. און די פּראָגראַם וואָס די באָסטאָנער ליג האָט פאַרעפענטליכט האָט זיך ווייניג אונטערשיידעט פון דער שפּעטערדיגער פּראָגראַם פון דער היגער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין 1916 האָבען די לינקע מיטגלידער פון דער היגער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געגרינדעט אַ זשורנאַל „דהי קלעס סטראַגל", וואו די רעדאַקטאָרען זיינען געווען: לואיס פריינע, לודוויג לאָרע און יודזשין וויקטאָר דעבס. אין דעם זעלביגען יאָר האָט לואיס פריינע מיט אַ גרופּע לינקע סאָציאַליסטען אין ניו יאָרק אַרויסגעגעבען אַ צייטונג „דהי ניו אינטערנעשאַנל", וואו עס זיינען געדרוקט געוואָרען אַרטיקלען פון לענינ'ען, טראָצקי'ן, זינאָוויעוו'ן און אַנדערע באָלשעוויסטישע פירער. אין יאָר 1916 האָבען אַ גרופּע סאָציאַליסטען פון ניו יאָרק פאַרעפענטליכט אַ מאַניפעסט אין „דהי קלעס סטראַגל", וואו זיי רופען פאַר רעוואָלוציאָנערער אַקציע און פאָדערען די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

אין יאָר 1917, ווען עס איז פאָרגעקומען די סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן אין סט. לואיס, איז שוין אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע געווען אַ גוט אָרגאַניזירטער לינקער פליגעל, וואָס האָט געפּרעדיגט, אַז אין פאַל אַמעריקע וועט אַריינטרעטען אין קריג זאָל אָרגאַניזירט ווערען אַ גענעראַל סטרייק און מען זאָל אָנווענדען אַלע מיטלען, אפילו סאַבאָטאַזש און געוואַלד־מיטלען, צו שטערען דעם קריג. די רעזאָלוציע וועגען קריג, וואָס די סאָציאַליסטישע קאָנווענשאָן אין סט. לואיס האָט אָנגענומען, איז פאַקטיש געווען אַ קאָמפּראָמיס צווישען די עקסטרעם לינקע און עקסטרעם רעכטע דעלעגאַטען אויף דער קאָנווענשאָן. דער אמת איז אָבער, אַז די רעזאָלוציע האָט קיינעם פון ביידע צדדים ניט באַפרידיגט. וואָרים גלייך נאָך דער סאָציאַליסטישער קאָנווענשאָן אין סט. לואיס האָבען די לינקע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי באַשולדיגט די פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי, אַז מען פירט ניט דורך די רעזאָלוציע וועגען מלחמה אין לעבען, די רעכטע ווידער האָבען באַשולדיגט די לינקע סאָציאַליסטען, אַז זיי וואַרפען זיך ניט אונטער דער רעזאָלוציע, נאָר פּרעדיגען ווייטער אָנצונעמען עקסטרעמע מיטלען געגען דער מלחמה. דער קאַמף צווישען ביידע פליגלען איז געווען אַ שאַרפער, אָבער דאָך געפירט געוואָרען, אַזוי צו זאָגען, אין די פּאַרטיי־ראַמען. אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום, אין יאָר 1917, זיינען פאָרגעקומען צוויי וויכטיגע געשעענישען, וואָס האָבען געבראַכט דעם קאַמף צו זיין קלימאַקס, ביז צו דער שפּאַלטונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין 1919.

אין יאָר 1917 האָבען די באָלשעוויקעס פאַרכאַפּט די מאַכט אין רוסלאַנד און אַמעריקע איז אַריינגעטראָטען אין וועלט־קריג. די לינקע עלעמענטען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זיינען געוואָרען ביי זיך העפּערדיגער און אַגרעסיווער צוליב דעם זיג פון די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד. די רעכטע עלעמענטען אין דער פּאַרטיי האָבען ווידער צוליב דעם וואָס אַמעריקע איז אַריינגעטראָטען אין קריג און עס האָט זיך אָנגעהויבען רדיפות אויף די געגנער פון קריג, ניט געוואָלט זיך האַלטען ביי דעם בוכשטאַב פון דער מלחמה רעזאָלוציע פון דער סט. לואיס'ער קאָנווענשאָן. די דערוויילטע סאָציאַליסטישע באַאַמטע אין דער ניו יאָרקער באָאַרד אָף אַלדערמען האָבען געהייסען שטיצען די דריטע מלחמה הלוואה און דער סאָציאַליסטישער פאַרשטייער אין קאָנגרעס,

מאיר לאנדאן, האט ניט געשטימט געגען דעם מלחמה בודזשעט פון דער רעגירונג. די לינקע סאציאליסטן האבן קאנסאלידירט זייערע כחות און אויף אן ארגאניזאציאנעלען אופן געקראגען אויף זייער זייט די סאציאליסטישע ארגאניזאציעס פון מאסאטשוזעטס, ניו יארק, מישיגען, אהייא און אנדערע. די לינקע סאציאליסטן האבן ארויסגעגעבן א וואכענבלאט אין ענגליש: „דהי רעוואלושיאנערי עידזש" אונטער דער רעדאקציע פון לואיס פרייגע און מעקאלפן. די לינקע סאציאליסטן האבן, אן שוועריגקייטן, געקראגען אויף זייער זייט כמעט אלע סאציאליסטישע שפראך־פעדעראציעס.

אין אנהויב יאר פון 1919 האט זיך שוין געפילט אין דער לופטן, אז די לינקע האבן אויף זייער זייט די מערהייט מיטגלידער פון דער סאציאליסטישער פארטיי. עס איז גענוג צו ברענגען א באריכט, וואס איז דערשינען אין דער דעמלדיגער טעגליכער סאציאליסטישער צייטונג „דהי ניו יארק קאל", וועגן א פארזאמלונג אין שיקאגא וואס איז פארגעקומען דעם 5טען יאנואר, 1919. דער באריכט אפגעבער דערציילט:

„אכט טויזענט סאציאליסטישע שטימען האבן היינט נאכמיטאג אין קאליסעאום געשריען ביז צום הייזעריג ווערען יעדעס מאל ווען מען האט דערמאנט דאס ווארט „באלשעוויקי". די געלעגענהייט איז געווען — דער אנהויב פון דער וואל־קאמפאניע פאר מעיאר... קעים ריטשארדס אהעיר און עלא ריווס בלור זיינען געווען די הויפט רעדנער.

„דזשאן קאלינס, קאנדידאט פאר מעיאר, האט אויפגעשטורעמט דעם זאל דורך צופעליג דערמאנען די רוסישע באלשעוויקעס. פון יענעם מאמענט אן ביז דעם סוף פון מיטינג האט אויסגעזען, אז דער ריזיגער עולם שענקט מער אויפמערקזאמקייט צו דעם וואס עס קומט פאר אין סיביר, ווי צו דער מוניציפאלער פלאטפארמע, וואס איז אנגעצייכענט געווארען פון דעם סאציאליסטישען קאנדידאט פאר מעיאר אין שיקאגא".

אין מאי 1919 האט די קאנווענשאן פון דער אידישער סאציאליסטישער פעדעראציע, וואס איז פארגעקומען אין באסטאן, זיך צעשפאלטען אין צוויי פליגלען, וואו א גרויסע צאל דעלעגאטען זיינען אוועק מיטן לינקען פליגעל. און אין דעם זעלביגען חודש פון דעם זעלביגען יאר האט די נאציאנאלע עקזעקוטיווע פון דער סאציאליסטישער פארטיי אויסגעשלאסען די פאלגענדע זיבען פרעמדשפראכיגע פעדעראציעס: די אונגארישע, לעטישע, ליטווינישע, פוילישע, רוסישע, סאוט סלאוואקישע און די אוקראינישע, וואס האבן פארמאגט נאענט פון פערציג טויזענט מיטגלידער.

די לינקע סאציאליסטן אין אמעריקע האבן אין אנהויב פון 1919 געגלויבט, אז די גאנצע וועלט איז אויפ'ן שוועל פון א רעוואלוציע און מען דארף דעריי־בער ניט אגיטירען אין אמעריקע פאר באלדיגע סאציאלע רעפארמען. מען דארף בלויז אגיטירען פאר א רעוואלוציע און צוגרייטען די פארטיי פון דעם ארבייטער קלאס אנצופירען מיט דער רעוואלוציע. אט וואס איינער פון די פירער פון דעם דעמאלדיגען לינקען פליגעל, דר. מאריס צוקער (שפעטער געווארען א געגנער פון די באלשעוויקעס), האט געשריבען וועגען דעם ענין אין דער סאציאליסטישער „קאל", דעם 11טען אפריל 1919:

„עס קומט איצט פאר א ביטערער קאמף צווישען קאפיטאל און ארבייט, צווישען דער אנטאנט און די באלשעוויקעס. מיר אין אמעריקע פילען נאך ניט דעם הייסען אטעם פון דעם דאזיגען טיטאנישען קאמף צוליב דער געאגראפישער סיטואציע, אין וועלכער מיר געפינען זיך. אבער דאס איז בלויז א פראגע פון צייט. א קורצע צייט ביז עס וועט צו אונז דערגרייכען, פונקט ווי די גרויסע מלחמה האט דערגרייכט אמעריקע. די קאפיטאליסטישע וועלט איז איין ארגאניזם מיט פארשידענע טיילען און אמעריקע איז היינט א וויכטיגער טייל.

„צוליב וואס דארפען מיר היינט אגיטירען פאר באלדיגע פאדערונגען? איצט איז אונזער באלדיגע פאדערונג, אז דער קאפיטאליסטישער קלאס זאל אפגעשאפט ווערען און די גרינדונג פון א פראלעטארישען שטאט".

דער לינקער פליגעל האט ניט בלויז פראפאגאנדירט און אגיטירט פאר א באלדיגער רעוואלוציע, נאר האט אויך גענומען ארגאניזירען די לינקע עלעמענטען אין א פארטיי, וואס זאל אנפירען מיט דער רעוואלוציע און ווערען א צווייג פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל.

אין יוני 1919 איז אין ניו יארק פארגעקומען א קאנפערענץ פון דעלעגאטען, וואס האבן באלאנגט צום לינקען פליגעל איבערן גאנצען לאנד. אויף דער דאזיגער קאנפערענץ זיינען געווען צוויי פראקציעס. איין פראקציע האט געפאדערט, אז מען זאל גלייך צוטרעטען צו דער ארגאניזירונג פון א קאמוניסטישער פרטיי און די אנדערע פראקציע האט גע'טענה'ט, אז מען זאל אפווארטען ביז עס וועט פארקומען די קאנווענשאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי, וועט מען איבערנעמען דעם קאנטראל פון דער פארטיי, אדער שפאלטען די פארטיי.

דערביי איז כאראקטעריסטיש צו דערמאנען, אז די וואס האבן געוואלט גלייך גרינדען א קאמוניסטישע פארטיי און די פארטיי זאל זיין אן אויסגעהאלטענע באלשעוויסטישע פארטיי, זיינען געווען די שפראכיגע פעדעראציעס, בשעת די אזוי גערופענע אמעריקאנער קאמוניסטען האבן געוואלט אן „אמעריקאנער קאמוניסטישע פארטיי".

די קאנווענשאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי איז פארגעקומען אין שיקאגא, דעם 30טען אויגוסט 1919.

בײדע צדדים — די לינקע און רעכטע — זיינען געווען גוט צוגעגרייט. די קאנווענשאן האט זיך אנגעהויבען מיט א פויסטען געשלעג און פארגעזעצט געווארען מיט ביטערע זידלערייען. דער סוף איז געווען, אז א טייל סאציליסטישע דעלעגאטען האבן פארלאזט די סאציאליסטישע קאנווענשאן, געשפאלטען די סאציאליסטישע פארטיי און עס זיינען פארגעקומען דריי קאנווענשאנס אין איין און דער זעלביגער צייט: 1) די סאציאליסטישע קאנווענשאן, 2) די קאנווענשאן וואס האט געגרינדעט די קאמוניסטישע פארטיי און 3) די קאנווענשאן וואס האט געגרינדעט די קאמוניסטישע לייבאר פארטיי.

די קאמוניסטישע פארטיי האט דערקלערט, אז זי האט 58 טויזענט מיטגלידער און די קאמוניסטישע ארבייטער פארטיי האט דערקלערט, אז זי האט 30 טויזענט מיטגלידער.

די פראגראמען און די פלאטפארמעס פון דער קאמוניסטישער פארטיי און פון דער קאמוניסטישער ארבייטער פארטיי האבן זיך מיט קיין זאך ניט אונטערשידט. אויסער, וואס איינע איז געווען פאר „אקציע פון מאסען" און די צווייטע איז געווען פאר „מאסען־אקציאנען", אבער קיינער האט ניט געוואוסט וואס עס איז דער חילוק.

בײדע קאמוניסטישע פארטייען האבן זיך ביטער באקעמפט, בײדע פארטייען האבן געהאט פארשטייער אין מאסקווע אין דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. אזוי האט עס אנגעהאלטען ביז אין סוף יאר 1919, ווען די אמעריקאנער רעגירונג האט געמאכט איבערפאלען אויף טויזענטער קאמוניסטען און הונדערטער פון זיי זיינען דעפארטירט געווארען קיין רוסלאנד. די קאמוניסטישע פארטייען זיינען געווארען אומלעגאל אין אמעריקע און דריי פערטעל מיטגלידער פון אלע היגע קאמוניסטישע פארטייען זיינען אויסגערונען געווארען. אין יוני 1920 האבן די קאמוניסטען אין אמעריקע געגעבען צו וויסען דער וועלט אז עס איז געבוירען געווארען א „פאראייניגטע" קאמוניסטישע פארטיי אין אמעריקע, און האט ארום אכט טויזענד מיטגלידער. פון די אכט טויזענט מיטגלידער האט די ליטווינישע פעדעראציע געהאט — 2500, די רוסישע פעדעראציע — 2000, די אוקראינישע פעדעראציע — 1500 און די לעטישע פעדעראציע — 1000. אין אנדערע ווערטער, די דעמאלדיגע קאמוניסטישע פארטיי איז באשטאנען אויסשליסליך פון א רוסישער קאלאניע, וועלכע האבן זיך געפונען אויפן אמעריקאנער באדען. אפילו אין יאר 1925, ווען די ווארקערס (קאמוניסטישע) פארטיי איז געווען א היפשע צייט לעגאל, האט דער גענעראל סעקרעטאר פון דער ווארקערס קאמוניסטישער פארטיי באריכטעט, אז די פארטיי האט 16,325 מיטגלידער, פון וועלכע בלויז 2282 באלאנגען צו די ענגליש רעדענדיגע ברענטשעס (צווייגען) פון דער פארטיי און די איבעריגע מיטגלידער באלאנגען צו די פרעמד שפראכיגע פעדעראציעס.

פאבער

(לוים קרילאוו)

פון נחום יוד

דער משפט

א פויער האט א קלאגע אויף דער שעפס געבראכט,
אז זי א גוואלדיגען פארברעכען איז באגאנגען.
דער פוקס, דער ריכטער, האט קיין שיהות ניט געמאכט,
און גלייך דעם משפט אנגעפאנגען.
א פראגע באלד א שטעל געטאן אהער, אהין —
דעם קלעגער און דעם אנגעקלאגטען, לויטן דין,
און מיט א שטרענגען ווארט געטאן פון זיי פארלאנגען
זיי זאלען קלאר דערציילען, ניט געמיילטערהייט,
אן טומעל און אן איבעריגע רייד,
וואס, ווען און ווי אזוי די זאך איז פארגעקומען.
דער פויער האט זיין טענה פארלייגען גענומען:
— „צוריק מיט א צוויי וואכען בלויז,
ווען איך בין איין פרימארגען ארויסן הויף ארויס,
האב איך דערזען אז ס'פעלען מיר צוויי הינער אויס, —
כ'האב נאר די ביינלעך און די פעדערען געפונען...
און בלויז די שעפס איז דורך דער נאכט אין הויף געווען".
די שעפס גע'טענה'ט האט, אז זי האט נאר געשלאפען
ווען מיט די עופות האט די סיבה זיך געטראפען,
אז זי האט זיי נאר אין די אויגען ניט געזען,
און אדרבא, זאל מען פרעגען שכנים,
זיי קענען עדות זיין,
אז זי בארירט ניט קיינמאל קיינעם, —
און גלאט זי נעמט אין מויל קיין פלייש גאר ניט אריין!...
דער פוקס האט דארט דעם ענין באלד אזוי באשיידען:
— „מען טאר דער שעפס ניט גלויבען אין קיין זאך,
ווייל שווינדלער האבען תירוצים גאר א סך
און קענען נאך דערצו אויך גלאטע ריידען...
איין זאך האט מען דא קלאר ארויסגעבראכט:
די הון איז ניט ארויס פון הויף אין יענער נאכט,
און הינער, הייסט עס מיר, איז א געשמאקער ביסען,
אויך האט זיך די געלעגענהייט געמאכט...
איז, לויט מיין אייגענעם געוויסען,
קומט אויס אז ס'קען גאר אויף דער וועלט ניט זיין
די שעפס זאל אזוי איינגעהאלטען זיין,
און פון די עופות ניט געניסען...
דערפאר באשליס איך לויט מיין פליכט:
די שעפס זאל דא געקוילעט ווערען אן באדויער,
דאס פלייש זאל גיין צו דעם געריכט
און מיט איר פעל זאל מען פארגיטיגען דעם פויער".

א שאפ האט זיך פארקויפט

ז. שער. (ערציילונג)

יענעם אין דער פרי איז לוסי גארדאן, די באלעבאסטע פון גרויסען דרעס־שאפ, די וועגעס דרעס קאמפאני, געקומען אין שאפ א צורודערטע און אויפגעקאכטע. אירע אויגען זיינען געווען רויט און א ביסעל אנגעשוואלען. קאנטיג, אז זי האט א סך געוויינט. אירע באקען זיינען געווען בלייך, אהן א טראפען בלוט אין זיי און אירע גראבע פליישיגע ליפען האבען געציטערט. זי האט פון כעס און אויפרעגונג ניט געקענט איינשטיין אויף אן ארט, איז ווי ארומגעלאפען פון שאפ אין שאו־רום און פון שאו־רום אין שאפ. האט געשריען. איז מיט קיין זאך ניט געווען צופרידען און האט זיך צו אלץ און צו אלעמען געטשעפעט. דא איז זי צוגעלאפען צו די מאשינען, האט א כאפ געטאן ביי אן אפערייטאר א שטיקעל ארבייט און זיך צושריען: „וואס איז דאס פאר אן ארבעט, וואס? וואס איז דער מער, איר ארבעט פאר מיר אומזיסט? איך צאל ניט קיין געלט פאר דער ארבעט? און אין א רגע שפעטער איז זי שוין געשטאנען לעבען א פיגור, האט ארויסגעכאפט אויפ'ן פיגור א דרעס. געדרייט די פיגור פון אלע זייטען און געשריען צום פארמאן, דעם נידעריג־אויסגעדארטען איזי רובין:

— מיסטער רובין! מיסטער רובין, קומט נאר אהער! וועמעס ארבעט איז עס? וואס איז דאס פאר אן ארבעט? זעהט א ביסעל א פיינג, קוקט נאר אן ווי דער קאלנער איז איינגענייט. וואס טוט זיך דא היינט, איר עקזאמענירט די ארבעט צי ניט? ווער וועט עס אזא געבאטשטע ארבעט קויפען... גיט עס גלייך צום פיקסען, איר הערט!.. — און ווי א וויכער איז זי ווידער אריינגעלאפען אין אפיס און שוין, זי שרייט שוין אויף דער סטאק־מיידעל: — „סילוויא! סילוויא! וויפיל מאל האב איך דיר געזאגט, אז די לעיס זאל זיך אזוי ניט וואלגערען. נו, גיב זיך א ריר! קלייב צוזאמען די לעיס!...

די ארבעטער פון שאפ זיינען פון דער באלעבאס־טעס כעס'דיגען שרייען געבליבען זיצען ווי באנומענע מיט איינגעגראבענע קעפ אין דער ארבעט, און בעני דער שאפ־טשערמאן, דער שטענדיג גוטמוטיגער בעני מיט'ן אפענעם פנים און שמייכלענדיגע, ווייכע אויגען האט זיך אפגערופען:

— אונזער באלעבאסטע איז עפעס היינט געקומען אין א שאפ א צורודעלטע. אלבעטשע זי האט שוין היינט גאנץ פרי, נאך אויפ'ן ניכטערען מאגען, זיך געקריגט מיט'ן טייערען מאנדעל אידען און זי איז געקומען אויס־לאזען איר ביטער הארץ צו אונז.

און בעני האט געטראפען: פארטאג נאך האט זי געהאט א שטארקען איבערגערייד מיט איר מאן, לואי גארדאן. און אלץ איבער דעם וואס ער איז א פוסט־און־פאסניק, טוט גאר ניט, גיט ניט א קלאפ א פינגער אן א פינגער. פארשמעקט אפילו ניט אין שאפ און האלט זיך אין איין ארומשלעפען מיט פרעמדע פרויען.

— איך וואלט גאר געוואלט וויסען וואס דענקסטו זיך, — האט זי צו אים דורך טרערען געריעדט, אי מיט געבעט, אי מיט פארשטיקטען כעס. — וואס פארצאפסטו מיר מיין בלוט?.. פעלט דיר עפעס ביי מיר? ארבעט איך ניט ווי א שקלאף גאר. צוליב דעם, אז דיר זאל גאר ניט פעלען... אריינגעפאלען אין אזא רייכטום, אין אזא געשעפט. כאטשאלסטע כאטש האבען דעם קלענ־סטען יאך אויפ'ן קאפ, כאטש אריינקומען פאר א פאר שעה אין טאג אין שאפ. שוין ניט אזוי צו העלפען מיר ווי פאר לייטענס וועגען.. פארמאכען לייטען די מיילער...

לואי האט איר אבער גאר ניט געענטפערט. האט בלויז אויף איר א געשריי געטאן: — „שאראפ, מיאוס־קייט! לאז מיך שלאפען... דארפסט זיין צופרידען, אז איך וויל אויף דיר אין גאנצען קוקען"... — און ער האט זיך אויסגעדרייט צו איר מיט'ן רוקען. זיך איבערגע־קערט מיט'ן פנים צום וואנט און פעסט צוגעמאכט די אויגען אין א פארזוך צוריק איינצושלאפען.

לואיסעס ווארטע און ביטערע ווערטער האבען לוסי'ן א ברי געטאן אין הארצען, ווי מען וואלט זי אפגעגאסען מיט קאכיגע וואסער. זי האט לאנג און ביטער געוויינט און זי איז וועק אין שאפ אהן ברעקפעסט. זי האט זיך ארויסגערוקט פון שטוב דורך א הינטער־טיר כדי די דינסט זאל ניט זעהן אירע רויטע פארוויינטע אויגען.

⁂

אלע אירע און זיינע באקאנטע, ווי אויך אלע אר־בעטער פון שאפ, האבען געוואוסט, אז לואי גארדאן, דער פוילער פוסט־און־פאסניק, דער פוסטער פראנט, מיט די רויטע, פוכקע בעקעלאך און אידעלע אויסגעכאליעטע הענט, מיט'ן שטענדיג גלאנציגען, גלאט פארקאמטען קעפעל, האט חתונה געהאט מיט לוסי'ן נאר צוליב איר געלד און צוליב איר גרויסען, גוט ארויפגעארבעטען און רייכען דרעס־שאפ. ווארים קיין גאר יונגע און קיין גרויסער פארשוין איז לוסי ניט געווען. זי איז אן איבערגעוואקסענע סיי אין דער הויך און סיי אין דער ברייט. איז אן אויסערגעווייגליך הויכע, א ברייט־ביי־נערדיגע, מיט א טונקעל־הויטיג ברייטען און פליישיגען פנים, מיט גראבע און פליישיגע ליפען און די אויבער־שטע ליפ איז געדיכט באוואקסען מיט שווארצע הערע־לאך. אלץ אין איר איז מאנסביליש, אפילו איר קול איז א מאנסבילישער, א גראב־הייזעריגער.

לואי איז פון שטענדיג אן געווען א פוילענצער, האט קיינמאל ניט געוואוסט וואס עס מיינט א טאג צו אר־בייטען, און האט שטענדיג געלעבט פון דעם וואס ער האט געהאט פרויען וואס זיינען פאר אים געווען די כפרה און האבען אים אויסגעהאלטען. האבען שוין געזעהן, אז אים זאל קיין זאך ניט פעלען. לואי איז א שיינער, א הויך געוואקסיגער מיט בלויע אויגען, מיט א שיפעלע־גריבעלע אין גאמבע וואס האט די גאמבע זיינע צו־שפאלטען אויף דער העלפט און אים געגעבען א סך חן און איז א פראנט, גייט שטענדיג אויסגעפוצט אין עסיג און אין האניק, שטענדיג מיט'ן שארפען קנייטש אין די הויזען און דאס קעפעל זיינס איז שטענדיג ווארגפעלטיג גלאט פארקעמט.

פרויען זיינען שטענדיג פאר אים געווען די כפרה און אז לוסי האט אים דערזעהן און געקראגען פאר אים די ניכפּת האט זי אים שוין ניט אפגעלאזען. זי איז נאכגעגאנגען זיינע טריט. זי האט געשיקט צו אים שדכנים, געשאטען אויף אים מיט געלט און געטאן אלץ וואס זי האט נאר געקענט אים אריינצוקריגען.

לואי'ן האט אימפאנירט איר רייכקייט, איר גוט ארויפגעארבעטער דרעס־שאפ און איר טייערער אויטא־מאביל און ער האט אפילו גאר ניט געוואלט טראכטען פון דעם וואס זי איז א סך עלטער פון אים און ניט קיין שיינע. ער האט דערזעהן די מעגליכקייט צו פוי־לענצען און לעבען א גוטען טאג, האט ער זיך גאר די מיה ניט געגעבען א טראכט צו טאן וואס עס וועט זיין שפעטער און ער האט מיט איר חתונה געהאט.

לוסי האט געהאפט, אז זי וועט אים נאך דער חתונה איבערמאנדערשען, אז זי וועט אים מיט גוטען און מיט איר שטארקען ענערגישען ווילען באאיינפלוסען ער זאל אנדערש ווערען. אויף אים ווירקען ער זאל זיך פאר־אינטערעסירען מיט'ן שאפ און מיט'ן געשעפט. גלייך ווי זיי האבען חתונה געהאט האט לוסי אנגעהויבען מיט אים איינ'טענה'ן, ער זאל זיך פאראינטערעסירען מיט די ביזנעס. ער זאל קומען אין שאפ און ווערען דער באלעבאס פון שאפ... זי וועט שטיין אין שאטען.. זי וועט בלויז אים העלפען... דער אמת'ער באלעבאס זאל ער זיין". — אבער אלע אירע רייד און באמיהונגען האבען צו גאר ניט געפירט. ער איז נאך דער חתונה געבליבען דער זעלבער ווי פאר דער חתונה. האט זיך אויך נאך דער חתונה ארומגעשלעפט מיט זיינע באקאנטע פרויען. פלעגט שלאפען שפעט. זיך האלטען אין איין פוצען. גוט געפילעוועט זיין שטענדיג גלאנ־ציגע, גלאט־פארקעמטע קעפעלע, אז יעדע הערעלע זאל ליגען אויפ'ן פלאץ. פלעגט גאנצענע טעג ארומפארען אין זיין טייערען אויטאמאביל, גיין צו די בעסטע מא־טינעי־שאוס, און ניט אליין, נאר יעדעס מאל מיט אן אנדערע פון זיינע באקאנטע פרויען. ליגען אין קלובס וואו ער פלעגט שפילען קארטען מיט גוטע ברידער, פאר־ברענגען ביי זיינע באקאנטע פרויען און אין שאפ אפילו זיין פוס ניט אריינשטעקען.

און ניט נאר מיט איר שאפ האט ער זיך ניט אינ־טערעסירט. נאר ער האט זיך מיט איר אליין אויך ווייניג וואס אינטערעסירט. אים איז ווייניג וואס אנגעגאנגען וואס זי פילט און וואס זי לעבט דורך און אז זי פלעגט אין דער פרי, ווען זי פלעגט אוועקגיין אין שאפ און ער פלעגט נאך ליגען אין בעט, אים וועלען קושען גוד־באי, פלעגט ער זיך אויסדרייען מיט'ן פנים צום וואנט, שלעפ־פערדיג ארויסבורטשען א ניט ניחא'דיגען — גוד־באי.. און בלייבען אזוי ליגען מיט'ן פנים צום וואנט.

לוסי'ן פלעגט עס זעהר קרענקען. זי פלעגט זיך פון דעם אויפעסען א לעבעדיגע. זי פלעגט אויף זיך אליין זיין אין כעס, הלמאי זי איז צו אים אזא שוואכ־לינג, אזא שמאטע. פאר וואס זי לאזט זיך פון אים אזוי טרעטען מיט די פיס. זי פלעגט פון כעס און קרינקונג בייסען די ליפען ביז בלוט. פלעגט א סך וויינען און אים סטראשען אז זי וועט פארקויפען דעם שאפ.

⁂

נאכ דעם קריג מיט'ן מאן אין דער פרי האט זי זיך שוין א גאנצען טאג ניט געקאנט בארוהיגען. זי איז ארומ־געגאנגען א צעבראכענע, מיט א שווער־אנגעלאדען הארץ און האט זיך קיין פלאץ ניט געקאנט געפינען. זי האט קיינעם יענעם טאג ניט געקאנט פארטראגען, האט אויף אלעמען געשריען, און אפילו די בייערס. פאר וועמען זי האט שטענדיג געהאט א פארטיגען שמייכל, וועמען זי פלעגט גוט־ברודעריש קלאפען אין פלייצע און פון וועמען זי פלעגט אפילו גוטמוטיג צונעמען א פעטען צווייי־דייי־טיגען וויץ, אפילו זיי האט זי דעם טאג ניט געקאנט פאר־טראגען און די ביזנעס איז איר געגאנגען דעם טאג ניט גוט.

פארנאכט צו איז אין שאפ פלוצלונג אריינגעקומען איר מאן אין באגלייטונג פון א פארשייט־פארפוצטע פרוי־קעלע. איינע פון לואיס'עס באקאנטע פרויען.

לוסי איז דאן געזעסען אין שאו־רום און גערעדט מיט א קאסטאמער און זי האט זיך פארלארען ווען זי האט איר מאן דערזעהן אין דער באגלייטונג פון א פרוי. און איר פנים האבען זיך געביטען אלע קאלירען.

— לוסי, איך האב דיר געבראכט א קאסטאמער. זייט באקאנט: עמא ליפשיץ, און דאס איז מיין פרוי, מיסעס גארדאן, — האט לואי אויפגעלייגט און מיט א שמייכעלע זיך אפגערופען. — אנו, ווייז אקארשט א גוטע דרעס, אבער די בעסטע דרעס וואס דו האסט אין שאפ.

לוסי האט שוין געוואוסט ווער די עמא ליפשיץ איז און דערזעהענדיג זי איז אין איר דאס הארץ אזש ארויס־געשפרונגען פון כעס און אויפרעגונג. די גאנצע בלוט פון איר קערפער האט א שטראם געטאן צו איר קאפ און איר א שלאג געטאן אין פנים. זי האט אבער ניט גע־וואלט מאכען קיין לייטישע געלעכטער, ספעציעל נאך ווען א וויכטיגער קאסטאמער האט זיך געפונען אין שאו־רום, האט זי פארביסען די ליפען און האט קיין ווארט ניט גע־זאגט. זי האט נאך לואי'ן פארגעשטעלט פאר'ן קאס־טאמער, וועלכער איז שוין געשטאנען לעבען עלעווייטאר אוועקצוגיין. זי איז ארויסגעלאפען פון שאו־רום אין שאפ אריין און אריינגעשיקט דעם פארמאן מיט א סעמפעל דרעס.

לואי האט געהייסען עמא'ן אנצופאסען די דרעס, האט אנגעקוואלען פון דעם ווי גוט די דרעס האט עמא'ן געפאסט און ווי שיין זי קוקט אין דער דרעס אויס; האט געהייסען דער אפיס־מיידעל איינצופאקען די דרעס און ניט נעמענדיג זיך אפילו די מיה אריינצוגיין אין שאפ זאגען לוסי'ן גוד־ביי, איז ער מיט עמא'ן אוועק פון שאפ.

לוסי איז אריינגעלאפען אין שאו־רום א צעווייי־טאגטע און א דערדריקטע, האט געביסען די ליפען און האט פון הארצווייטאג און שאנד געפילט ווי צו רייסען שטיקער פון זיך.

די בוכהאלטערין וואס איז געזעסען אין אפיס אי־בער א פאק בילס און עפעס פארשריבען אין א דיקען חשבון־בוך, האט א שמייכעל געטאן צו לוסי'ן און מיט א זיס קול'כעלע א זאג געטאן:

— אה, מיסעס גארדאן, איז דהיס יור האזבענד? איזנ'ט הי סוויט? אה, הע איז סא קיוט!...

לוסי האט געפילט ווי א כאפ צו טאן דעם דיקען, שווערען חשבון־בוך און עסווארפען דער בוכהאלטערין אין קאפ.

— קאלב! שטיק פלייש! דאמבעל! — האט זי מיט א ריטשענדיק קול וואס איז געווען אנגעזאפט מיט געוויין, זיך צעשריען אויף דער בוק־קיפערין און איז אויף שנעל אריינגעלאפען אין דעם לידיס טואלעט צי־מער, ווייל די טרערען האבען איר געשפארט פון די אויגען און געשטיקט אין האלז און זי האט ניט געוואלט אז אלע אין אפיס און אין שאו־רום זאלען זעהן ווי זי וויינט.

אז זי האט זיך אין טואלעט צימער גוט אויסגעוויינט

האָט זי אָפּגעוואַשען דאָס פּנים, אים באַשאָטען מיט פּודער און גלייך ווי זי איז אַריינגעקומען אין אָפּיס האָט זי געהייסען דער טעלעפאָן־מיידעל אָפּצורופען אן איירדשענט וואָס נעמט איבער שעפער צו פאַרקויפען...

⁂

אויף מאָרגען אין דער פרי איז דער קליין־געוויקסיגער הויט־און־ביינערדיגער מר. רובין, דער פאָרמאַן פון די וועגוס דרעס קאָ., געקומען אין שאָפּ פריער ווי אַלע טאָג, אַזוי פרי אַז אַפילו די צווי ברידערלעך, די אונטערפּרעסערס סעמקע און לויקע, די „קיטיצעס", ווי בעני, דער שאָפּ־טשערמאַן, האָט זיי גערופען צוליב דעם וואָס די זיינען ניט געווען קיין גוטע יוניאָן־לייט און פלעגען אויס אַמאָליגער געוואוינהייט קומען שטענדיג צום שאָפּ מיט אַ האַלבע שעה פריער איידער מען האָט אָנגעהויבען אַרבייטען, אַפילו זיי האָבען זיך נאָך נעבען שאָפּ ניט געפונען ווען רובין איז צוגעקומען אָפּשליסען די טיר.

די שלעכטע בשורה און די זאָרג פון דעם וואָס דער שאָפּ פאַרקויפט זיך האָט רובין'ען ניט געלאָזט שלאָפען אַ גאַנצע נאַכט און האָט אים איצט אַזוי פרי געבראַכט אין שאָפּ.

דער פרימאָרגען איז געווען אַ קאַלט־ווינטערדיגער. אַ נאַסער שניי איז געפאַלען און איידער די גרויסע, מיט וואַסער־אָנגעשוואָלענע שטיקער שניי זיינען ארונטערגעפאַלען אויף דער ערד זיינען זיי פאַרוואַנדעלט געווארען אין וואַסער און בלאָטע. דער שניי איז שנעל איבערגעגאַנגען אין אַ רעגען און דער הימעל איז געהאַנגען א שווערער און א שמוציג־טונקעלער.

אין שאָפּ איז נאָך געווען פינסטער און קאַלט. פון ערגעץ א לאָך האָט זיך געלאָזט הערען דאָס גרידשען פון אַ מויז. רובינ'ען איז געוואָרען קאַלעמוטנע און אונהיימליך, האָט ער אפילו ניט אויסגעטאָן דעם רעקל, נאָר האָט אויפ'ן רעקל אָנגעטאָן זיין קורצען שווארצען אַרבייטס־פאַרטוכל און האָט זיך מיט א פאַרזויערט און פאַרקרימט פּנים, ווי ער וואָלט געליטען פון צאָן־ווייטאָג, אַרומגעדרייט איבער'ן שאָפּ און ניט געוואוסט צו וואָס זיך צו נעמען.

ביסלעכווייז זיינען אָנגעקומען די אַרבייטער פון שאָפּ און דער שאָפּ־טשערמאַן, דער שטענדיג גוטמוטיגער בעני, האָט זיך אָפּגערופען מיט אַ שפּאַס:

— וואָס איז דער מער, מיסטער רובין? וואָס עפּעס אַזוי פרי? איר זיינט ארויסגעפאַלן פון בעט?

— שפּאַס, שפּאַס, ע'סט שוין באַלד ניט שפּאַסען... — האָט דער פאָרמאַן רובין מיט אַ פאַרקרימט, זויער פּנים אַ זאָג געטאָן, ניט קוקענדיג אַפילו אויף בעני'ן.

— וואָס איז? עס ווערט שוין סלעק? — האָט בעני זיך נאָך אַלץ געוויצעלט. — נו, א דאגה, וועלען מיר זיך אַביסעל אויסרוהען. איך דאַרף זיך טאַקע אויסרוהען, דאַרף א פּאָר וואָכען וואַקישאָן ווי דאָס לעבען.

— עסט שוין רוהען, עסטו שוין... עסט שוין האָבען געגוג צייט צו רוהען... — האָט דער פאָרמאַן גערעדט טרוקען און אָפּגעהאַקט און אַריינגעגראָבען זיין אומעדיגען פּנים אין דער שטיקעל וואַרע וואָס ער האָט געהאַלטען אין צושניידען.

דעם פאָרמאַנ'ס אָפּגעהאַקטע, ניט־דערזאָגטע ווערטער און אומעטיגער, לאַנג־אויסגעצויגענער פּנים איז עפּעס ניט געפעלן געוואָרען די אַרבייטער. זייערע רייד האָבען ביי זיי ארויסגערופען אַן אומרוהיגקייט און זיי זיינען צו אים מיט זאָרג צוגעשטאַנען.

— וואָס איז, וואָס האָט פּאַסירט?

— גאָר ניט האָט פּאַסירט... דער שאָפּ האָט זיך פאַרקויפט... — האָט דער פאָרמאַן אַלץ גערעדט קורץ, אָפּגעהאַקט, ניט־קוקענדיג אויף די אַרבייטער.

ביי אַלע אַרבייטער האָט זיך ווי עפּעס אָפּגעריסען אין הארצען און זיי זיינען שווייגענדיגע אוועק צו די מאַשינען.

—אַלבעטשע די באַלעבאָסטע אונזערע האָט פאַרקויפט דעם שאָפּ צוליב דעם טייערען מאַנדעל אירען, — האָט זיך אָפּגערופען דזשאָו דער קאַטער. — עפּעס האָט שוין פּאַסירט צווישען איר מיט אים. איך האָב עס נעכטען אויף איר באַמערקט. זי איז ארומגעגאַנגען א גאַנצען טאָג ווי א צעררייצטע חיה און האָט גע'שרפ'עט א וועלט. ניש־קשה, איר מעגט זיך פאַרלאָזען אויף מיר. איך האָב אויף די זאכען אן אויג...

— דאַרפסט ניט בעטשען, — האָט זיך מיט ביינקייט אָפּגערופען דער פאָרמאַן, — דו ביסט ניט דער איינציגער וואָס האָט עס באַמערקט.

— אונזערע גליקען, — האָט זיך פאַרזאָרגט אָפּגערופען אַן אָפּערייטאָר, דער לאַנגער איזי. — פריער האָבען מיר פון איר געהאַט צרות צוליב דעם וואָס זי איז געווען אַן אַלטע מויד, און איצט האָבען מיר צרות פון דעם, וואָס זי האָט חתונה געהאַט... איצט, אין מיטען סעזאָן בלייבען אָהן אַ שאָפּ...

— מילא, נו, איז וואָס זאָלען מיר טאָן, זיך נעמען דאָס לעבען? — האָט שוין בעני דער שאָפּ טשערמאַן גענומען רידען ערנסט, — זעט נאָר, זעט, ווי אַלע האָבען דאָס אַרונטערגעלאָזען די נעזער. וואָס איז? — האָט ער זיך צעשריען אויף די איבעריגע אַרבייטער — די וועגוס דרעס קאָמפּאַני איז דער איינציגער שאָפּ אין אַמעריקע? איז ניט דער שאָפּ, וועט זיין אַן אַנדער שאָפּ. זאָלען נאָר זיין ציגעל, א ציגעלנע וועט שוין זיין... איר ווייסט גאָר וואָס, קיטייצעס, — האָט ער זיך געווענדט צו די אונטערפּרעסערס, די ברידערלעך סעמקע און לויקע, — כאַפּט עס דער וואַטענמאַכער, גיט אַ שנאַפּס און לאָמיר גיין צו דער אַרבייט.

אַלע אַרבייטער האָבען זיך צוזעצט נעבען זייערע מאַשינען און גלייך האָבען די מאַשינען, ווי אַ טשאָטע הינט אָפּגעריסען פון קייטען, זיך צעוואָיעט מיט אַ ברומעריי איבער'ן שאָפּ...

די נייע גענעראַל עקזעקוטיווע פון דער אינטערנעשאָנאַל

זיצענדיג פון רעכטס צו לינקס: — מאָריס ביאַליס, טשאַרלס זימערמאַן, הערי וואַגנער, איזידאָר נאַגלער, ישראל פיינבערג, ערשטער וויס-פּרעזידענט לואידזשי אַנטאָניני, פּרעזידענט דוד דובינסקי, עקזעקוטיוו סעקרעטער פרעדעריק אַמהעי, דזשוליוס האָכמאַן, יוסף ברעסלאַו, סאַלוואַטאָרע ניגנאָ, און עלייעס רייזענבערג; שטעהענדיג, פון רעכטס צו לינקס: הערי גרינבערג, מייער פּערלשטיין, טשאַרלס קריינדלער, סעמיועל שאָר, מעקס קאָהען, יעקב העלער, ראָוו פעסאָטאָ, י. קרעימער, לואיס ליוויי, אַנטאָני קאָסאָגע, גדליהו רובין, סעמיועל אָטאָ און א. וו. קאָטאָווסקי.

באַגייסטערטע רעדעס, דעמאָנסטראַציעס און פּאַראַדען זיינען דורכגעפירט געוואָרען ביי דער קאָנווענשאָן דאָנערשטאַג נאָכמיטאָג, דעם 7טען יוני, ווען עס זיינען דורכגעפירט געוואָרען די נאָמינאַציעס און וואַלען פאַר די באַאַמטע און מיטגלידער פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פאַר דעם קומענדען טערמין.

פּרעזידענט דובינסקי איז נאָמינירט געוואָרען פאַר ווידער ערוויילונג אין אן ענטוזיאַסטישער רעדע פון וויס־פּרעזידענט נאַגלער און די נאָמינאַציע איז געשטיצט געוואָרען פון וויס־פּרעזידענט האָכמאַן, וועלכער האָט אויך אָנגעוויזען אַז דובינסקי איז ניט בלויז דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנעל, נאָר אויך איינער פון די וויכטיגסטע פירער אין דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג. דער עולם האָט דורכגעפירט אַן ענטוזיאַסטישע דעמאָנסטראַציע וועלכע האָט געדויערט איבער פופצען מינוט, און די ערוויילונג איז געמאַכט געוואָרען איינשטימיג דורך אויפשטעלען זיך פון די פלעצער.

ערשטער וויס-פּרעזידענט אַנטאָניני איז נאָמינירט געוואָרען פון וויס־פּרעזידענט דזשוליוס האָכמאַן און איז פון לאָקאַל 89. ער איז ערוויילט געוואָרען איינשטימיג.

דורך אַ רעזאָלוציע וואָס איז אָנגענומען געוואָרען פריער ביי דער זיצונג פון דער קאָנווענשאָן, איז באַשלאָסען געוואָרען צו פאַרגרעסערען די פאַרטרעטערשאַפט פון די אַנדערע דיסטריקטען אויסער ניו יאָרק אויף דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון אַכט אויף צען וויס־פּרעזידענטען, לאָזענדיג די ניו־יאָרקער פאַרטרעטערשאַפט פון צוועלף וויס-פּרעזידענטען ווי געווען.

אין די נאָכפאָלגענדע נאָמינאַציעס פאַר וויס־פּרעזידענטען זיינען נאָמינירט געוואָרען בלויז די נויטיגע צאָל, צוועלף וויס־פּרעזידענטען פון ניו יאָרק און צען פון די אַנדערע שטעט. די זיינען אַלע דעריבער איינשטימיג ערוויילט געוואָרען.

דוד עדעלשטאַט דער סאָציאַלער דיכטער

פון נ. ב. מינקאָוו

עס איז אן אלטע מענשליכע שוואַכקייט צו וועלן זען אַ באַליבטע געשטאַלט אין דער ווייטער טונקעלקייט פון לעגענדאַרישער אַטמאָספערע. שאַרפע שטריכן ווערן אָפּגעווישט, דורכזיכטיקייט פאַרשווינדט, און די געשטאַלט ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ שטימונגספולען סימבאָל, פול מיט הויכען באַדייט.

דער גאַנג פון געשיכטע האָט זיך אָבער אירע ארויפס און אַראָפּס, און ביי אַ געהעריגער געלעגנהייט הויבט מען אָן אָפּצופרעגן די פאַרהערליכונג, דעם הויכען באַדייט פון דער לעגענדאַרישער פיגור. און געטאָן ווערט עס דורך אונטערזוכען און אַנאַליזירען די פאַקטישע דערגרייכונגען, דעם סאַמע מהות פון דער פאַרהייליגטער פערזאָן.

ביי אַזאַ געלעגנהייט ווערען, געוויינליך, פאַרשאַרפט די מיטלען און מעטאָדען פון די וויכוחים ביי בידע צדדים. בידע ווערען געצוואונגען איבערצוטרייבען זייערע מיינונגען. בידע באַמיען זיך צו איבערצייגען און צו מאַכען קלערער זייערע שטאַנדפונקטען, דאָך ווערט די פיגור, צוליב וועמען מען האַמפּערט זיך, ניט קלערער. דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז דאָס, וואָס בידע מיינונגען פון די שטרייטענדע צדדים שיינען צו זיין אמת. אין דעם סאַמע עצם די מיספאַרשטענדניש נעמט זיך זייער אָפּט דערפון, וואָס די צוויי געגענזייטיגע צדדים פירען ניט זייער וויכוח וועגען איינער און דער זעלבער זאַך. איין צד רעדט וועגען אַ „גרויסער געשטאַלט", בעת דער צווייטער צד רעדט וועגען „דערגרייכונגען". אויב מען זאָל אַריבערטראָגען דאָס געזאָגטע אויף דער פערזאָן פון אַ דיכטער, וועט אויסקומען, אַז צוויי באַגריפען ווערען געשטעלט איינס געגען דעם צווייטען: פּאָעטישע געשטאַלט געגען פּאָעטישע דערגרייכונגען.

וועגען דוד עדעלשטאַט'ן האָט זיך געפירט, און פירט זיך אָפּט נאָך איצט, אַזאַ וויכוח. קענענדיג גענוי עדעלשטאַט'ס ביאָגראַפיע און, באַזונדערס, זיינע לידער, וועט קיינעם ניט איינפאַלען די מחשבה, אַז עדעלשטאַט אַליין האָט זיך באַמיט צו שאַפען אַ לעגענדאַרישע אַטמאָספערע ארום זיך, ווי דאָס טרעפט, לײדער, זייער אָפּט מיט דיכטער. עדעלשטאַט איז פאַקטיש געווען אויסערגעוויינליך באַשיידען, אידעאַליסטיש און אָפּפערווויליג, הגם פערזענליך איז אַ דיכטער גאָר אָפּט אַנדערש ווי דאָס מויל פון די פערזען רעדט, איז אָבער עדעלשטאַט געווען צו פאַטאַל־אויפריכטיג און צו גאַנץ, צו אומדיאַלעקטיש, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקען, אַז ער זאָל ניט זיין דאָס זעלבע וואָס זיין ווערט האָט בעזאַגט.

ווען מען זאָל וועלען אַראָפּברענגען די פאַרשידענע געגענזייטיגע מיינונגען וועגען עדעלשטאַט'ס פּאָעטישער געשטאַלט און זיינע פּאָעטישע דערגרייכונגען, צו באַשטימען סך־הכל'ען, וועט מען זיי געפינען אויסגעדריקט אין די ווערטער פון צוויי פּאָעטען פון גאָר אַנדערע עפּאָכעס און קינסטלערישע קלימאַטען. איין מיינונג געהערט צום גרויסען אידישען פּאָעט אברהם רייזען'ען, און די צווייטע — צום פיינסטען פאַרשטייער און אַפּאָסטאָל פון די אימפּרעסיאָניסטישע אינדיווידואַליסטען, זישאַ לאַנדוי.

משה קאַץ ברענגט אין זיין פאָררעדע (געשריבען אַפּריל 15, 1909) צו דוד עדעלשטאַט'ס שריפטען אברהם רייזען'ס פאָלגענדע ווערטער: „ביי אונז אין רוסלאַנד רעדט מען פון עדעלשטאַט'ן ווי וועגען אַ הייליגען. עס גייען אפילו אַרום פאַרשידענע לעגענדעס וועגען זיין לעבען, און אַרבייטער רעדען וועגען אים און זינגען זיינע לידער מיט טרערען אין די אויגען". אין די דאָזיגע ווערטער ברענגט רייזען צום אויסדרוק די פאַרהערליכונג פון עדעלשטאַט'ס פּאָעטישער געשטאַלט מצד די אידישע מאַסען. דאָס איז, אגב, אויך געווען די מיינונג פון דער אידישער אינטעליגענץ.

זישאַ לאַנדוי, ווידער, רירט אָן די פּראָבלעם ניט פון עדעלשטאַט'ס געשטאַלט, נאָר פון זיינע פּאָעטישע דערגרייכונגען און, נאָכמער, פון זיין טאַלאַנט. אין דער הקדמה פון דער אַנטאָלאָגיע „די אידישע דיכטונג אין אַמעריקע ביז יאָר 1919", וואָס לאַנדוי האָט צונויפגעשטעלט, שרייבט ער דאָס פאָלגענדע: „עדעלשטאַט שטאַרבט אין אָנפאַנג פון די ניינציגער יאָרען פון לעצטען יאָרהונדערט. מיט אים איז אונטערגעגאַנגען דאָס אומבאַהאָלפענע, נאַאיווע, וואָס האָט באַצייכענט די ערשטע טריט פון דער אידישער דיכטונג אין אַמעריקע. מיט בלויז פונם האַרצען האָט ער זיינע קינדישע פּאָעזיען געשריבען, מיט אויפריכטיקייט וויען זיינע שורות; אָבער, אויב אויפריכטיקייט איז אַ נויטווענדיגקייט פאַר אַ טאַלאַנט, איז עס אָבער אַן איבעריגער באַלאַסט, פאַר אַ מענשען, וואָס פאַרנעמט זיך מיט ליטעראַטור און וועלכער האָט קיין טאַלאַנט ניט". קיין אַנאַליטיקער פון פּאָעטישע ווערטען איז זישאַ לאַנדוי קיינמאָל ניט געווען, אָבער דורך אים האָט גערעדט דאָס קול פון אַלע יענע, וואָס האָבען זיך געוואָלט באַפרייען פון דער טיראַניע, אַז סאָציאַלע מאָטיווען זיינען אַן אויסשליסליכער מוז פון פּאָעזיע. „ביז דעם אָנפאַנג פון אונזער יאָרהונדערט", שרייבט לאַנדוי, „איז געווען אַ שאַנדע צו שרייבען אַנדערע לידער ווי סאָציאַלע".

פון וואַנען האָט זיך גענומען די פאַרהערליכונג פון דער עדעלשטאַט־געשטאַלט, ווי אויך די ביטול'דיגע באַציהונג צו זיינע פּאָעטישע פאַרדינסטען?

עדעלשטאַט ווי אַ לעגענדע האָט זיך אויסגעשטאַלטיגט אַ דאַנק דריי סיבות. ראשית כל האָט אין דעם געשפּילט אַ וויכטיגע ראָל דער צושטאַנד פון די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסען אין זיין צייט; והשנית, עדעלשטאַט'ס פערזענליך לעבען, קראַנקהייט און פריצייטיגער טויט; און דריטענס, דער סענטימענטאַל־טראַגישער מאָטיוו־כאַראַקטער פון זיין פּאָעזיע.

סיי אין אַמעריקע און סיי אין מזרח־אייראָפּע האָט זיך ערשט דעמאָלט אָנגעהויבען צו פאָרמירען אַ באַוואוסטזיניגער אידישער פּראָלעטאַריאַט. עדעלשטאַט האָט קיין אַרבייטער באַוועגונג ניט געפּתען, ניט אין אייראָפּע, וואָס ער, אַ זעכצען־יאָריגער טרוימער, האָט פאַרלאָזען אין 1881, און ניט אין אַמעריקע, וואו די אַרבייטער באַוועגונג איז אַנטשטאַנען ערשט אין עדעלשטאַט'ס צייטען. די סאָציאַליסטישע טעטיגקייט אין אייראָפּע פון אהרן ליבערמאַנ'ס קרייז און פון זונדעלעוויטש'ן און זיינע חברים אין די זיבעציגער יאָרען האָבען באַאיינפלוסט די אינטעליגענץ, אָבער ווייניג וואָס די ברייטע אידישע מאַסען. די סיבה איז געווען אַ פּשוט'ע. דער ערשטער האָט געפירט זיין פּראָפּאַגאַנדע אין העברעאיש און דער צווייטער אין רוסיש. די אַקאָרשט פּראָלעטאַריזירענדיגע מאַסען זיינען געווען אַ דורשטיג פעלד, וואָס איז געווען גרייט איינצוזאַפּען דעם פרימאָרגען־טוי און די קערנער פון דער ראַדיקאַלער אידייע. אָט־אַ דער פרוכטבאַרער באָדען האָט דורשטיק אויפגענומען די ערשטע רעוואָלוציאָנערע פּאָעטען צוזאַמען מיט דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער אויפקלערונג און אַגיטאַציע, וואָס האָט זיך געהאַלטען אין פאַרשפּרייטען אין דער אידישער שפּראַך. דאָס איז געווען גענוג אויף אויפצונעמען די וועקער, אויפקלערער און רופער. אָבער ניט צו שאַפען דעם אָביעקט, וואָס אַרום אים זאָל זיך לאָזען אויסוועבען די לעגענדאַרישע אַטמאָספערע פון פאַטאָספולען „בלאָסען דיכטער". מאָריס ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזענפעלד, צוויי עלטערע סאָציאַלע פּאָעטען, וועמעס נאָמען און לידער זיינען שוין געווען באַוואוסט און פאַרשפּרייט צווישען די אידישע האָרעפּאַשנע מאַסען, זיינען אַזאַ אָביעקט ניט געוואָרען. עדעלשטאַט איז עס געווען.

דאָס וואָס עדעלשטאַט'ס עלטערע קאָלעגען זיינען ניט פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין לעגענדעס באַווייזט לחלוטין ניט, אַז זייערע פערזענליכע מעלות און לעבענס זיינען געווען פון אַ נידעריגערען גראַד ווי עדעלשטאַט'ס. דער ענגער קרייז אַרום עדעלשטאַט'ן, יענער קרייז פון זיינע חברים און פאַרערער, פון וועמען און דורך וועמען עס האָבען זיך פאַרשפּרייט יענע געוועבען, וואָס לאָזען פון זיך שפּינען באַוואונדערונג, אָן שום קריטישען צוגאַנג — זיי האָבען ניט בלויז אָנערקענט עדעלשטאַט'ן פאַר אַ דיכטער־וועגווייזער, — ווי דאָס איז געווען מיט די נאָענטסטע מענשען אַרום ווינטשעווסקי'ן און ראָזענפעלד'ן — נאָר האָבען געפילט צו אים אַ פּיעטעט. משה קאַץ דערציילט אין זיין פאָררעדע צו דוד עדעלשטאַט'ס שריפטען (געשריבען אַפּריל 15, 1939) וואָס פאַר אַ רושם עדעלשטאַט פלעגט מאַכען אויף יעדען, וואָס האָט אים באַגעגנט: „ווער עס זעט איינמאָל זיין פּנים, ביי יענעם ווערט וואַרעם אין האַרצען, און דאָרט ווערט איבערגעלאָזען אַן איינדרוק אויף אייביג — אַן איינדרוק פון אַ קריסטוס־געזיכט (איבערגעזעצט פון מיר — נ. ב. מ.) אַזוי ווי דערשינען אויף דער וועלט אָפּצוקומען פאַר די זינד פון די פאַרבלאָנדזשעטע מענשען־קינדער".

אין יענער אויפוואַכענדיגער נאַאיווער צייט האָט אַ קריסטוס־געזיכט געקענט באַצויבערען און אָנצינדען עדליכע, אומדערפאַרענע הערצער. „ניט אומזיסט", שרייבט קאַץ ווייטער, „האָט זיך וועגען אים דער קלאַנג פאַרשפּרייט ווייט און ברייט, וואו נאָר עס זיינען פאַראַן ליידענדע און אונטערדריקטע אידישע פּראָלעטאַריער. וועלכע זיינען דורך דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע געקומען צום באַוואוסטזיין; ניט אומזיסט איז ביי אַלעמען די פאַרשטעלונג פונם פּאָעט באַקרוינט מיט דעם קראַנץ פון אַ מאַרטירער" (איבערגעזעצט פון מיר — נ. ב. מ.).

דאָס קריסטוס־געזיכט, באַקרוינט מיט דעם קראַנץ פון אַ מאַרטירער, איז ניט געווען קיין דרויסענדיגער לבוש פון אַ פּאָזיאָר. אויב עדעלשטאַט האָט געהאַט אין זיך אַ שמץ פון זעלבסט־באַוואונדערונג און זעלבסט־באַדויער, איז עס געווען אין הסכם מיט דער אַטמאָספערע פון יענער סענטימענטאַלער צייט, מיט עדעלשטאַט'ס יוגענטליכקייט און מיט דער זעלבסט־באַשטימונג פון אַ דיכטער, וואָס ליידט צוזאַמען מיט פאַרשקלאַפטע און אונטערדריקטע ברידער אין די תהום'ען פון „יאַמער־טאַל". עדעלשטאַט איז געווען, ניט געקוקט אויף זיין יונגקייט, אַן אומקאָמפּראָמיסליכער אידעאַליסט און מאָראַלישער מענש. ווער עס האָט נאָר געשריבען וועגען אים, שטרייכט אונטער, אַז וואָס נעענטער מען האָט געקענט דעם „צום טויט פאַר'משפּט'ן דיכטער", אַלץ מער פלעגט מען אים ליב קריגען, דערפילען אין זיך טיפען דרך ארץ און עהרפורכט צו אים. פּונקט אַזוי ווי דאָס געשעט מערסטענטייל מיט אַנדערע געליבטע און פאַרגעטערטע פערזענליכקייטען. עדעלשטאַט האָט „אומבאַוואוסט געווירקט" מיט „זיטליכקייט, מיט די גוטע מידות, מיט דעם מזג טוב, מיט יענע וואונדערליכע אייגענשאַפטען, וועלכע אַ מענש קען זיך ניט דערווערבען, סיידען דורך יסורים, וואָס לייטערען זיין נשמה, אָדער זיינען איינגעבאָרענע אייגענשאַפטען..." עדעלשטאַט איז געווען אין די אויגען פון זיינע נאָענטסטע און אין די מחשבות פון די ווייטע — אַ מענש פון אַ העכערער מדרגה, „אַ מין אַסקעטען־נאַטור, אין וועלכער די ריינקייט גופא די גוטסקייט גופא. די אָנרופונג גופא אויף דעם צווייטענס יסורים און די פאַראַכטונג צו דער הערשזוכט און צו דער אונטערטעניגקייט ווערט אַ ליידענשאַפט. אַ ברענענדע ליידענשאַפט, אַ שטענדיגער פלאַם. וואָס פאַרצערט אין זיך אַלע אַנדערע ליידענשאַפטען". אַז דאָס אַלץ איז ניט געווען „אַ מאָראַל פון דרויסען... אַן איינגעווירקטער" קען מען זען אפילו אין אַזעלכע אומפּראַקטישקייטען, וואָס ער האָט גאַנץ באַוואוסטזיניג ניט געוואָלט אויסמיידען, הגם ער האָט געהאַט די מעגליכקייטען דאָס צו טאָן.

צווישען דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ פון יענער צייט, צווישען די באַוואונדערער פון מסירת נפש, פון רומפולע קרבנות פאַר דער רעוואָלוציע, האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבען אין דער פרעמדער עמיגראַנטישער אַמעריקען דערזען מיטאָמאָל אַן אַנדער ווירקליכקייט, וואָס האָט זיי געצוואונגען פאַרצוזעצן צו וועבען דעם פאָדים פון פערזענליכער קאַריערע. אויך צווישען דער קיעווער סטודענטען־גרופּע „עם־עולם", וואָס האָט געטרוימט צו גרינדען אין דער פרייער אַמעריקע אַ לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניע אויף קאָמוניסטישע יסודות, — אויך צווישען זיי געפינען מיר מענשען געצוואונגען צו טראַכטען וועגען פּראַקטישע דערגרייכונגען, צוקונפטיגע פּראָפעסיאָנאַלען און וואוילהאָבענדיגע בירגער. איינער פון די אויסנאַמען און אפשר דער איינציגער אויסנאַם פון דער „עם־עולם"־גרופּע איז געווען דוד עדעלשטאַט. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע חברים האָט ער גאָר וואָס די בעסטע באַדינגונגען צו שטודירען, אַ דאַנק דער הילף פון זיין עלטערען ברודער. אָבער עדעלשטאַט האָט ניט געוואָלט לערנען צוליב אַ קאַריערע, און דערנאָך לעבען אויף אימיצענ'ס חשבון. ער האָט געוואָלט לעבען אין הסכם מיט זיינע אידעאַלען: לעבען פון איינענער האָרעוואַניע און זיין איינס מיט זיינע „ברידער פון שקלאַפעריי". עדעלשטאַט'ס אומקאָמפּראָמיסליכע אידעאַליסטישע אויסגעהאַלטענקייט האָט זייער פיל באַנוגענען צו דער „פּיעטעט", וואָס זיי האָבען געפילט צו אים. „מיינע קאַמעראַדען", שרייבט עדעלשטאַט אין זיין „בריוו פון אַ זעלבסטמערדער", זיינען געווען פאַרגעסען מיט דייער

שטודיום, מיט זייער קאריערע, מיט פריוואט־געשעפטען, מיט פרויען־ליבע, מיט געלט־זארגען; איך האב מיט גרויס אנשטרענגונג זיך אויסגעלערענט א מלאכה, דורך וועלכער איך האב געקענט פארדינען מיין ברויט און האב ניט געטראכט וועגען זיך".

עדעלשטאט'ס פאטאלע קראנקהייט — איינער פון די ערשטע קרבנות פון דער דעמאלט פארשפרייטענדיגער פראלעטארישער קראנקהייט — און נאך מער זיין פריציי־טיגער טויט פונם דאן אנערקענטען „בלאסען טרוימער" האבען אויפגעוועקט יענע פילבאדייטענדיגע שורות, וואס האבען איצט געקראגען דאס אויסזען פון פארגעפילען, פאראנזאגען. דאס לעבען, די קראנקהייט, דער טויט פונם „ארבייטער־שקלאף" האט דעם פאטאספולען סענטימענ־טאליסט פארוואנדעלט אין א מארטירער, וואס איז גע־פאלען אויף די „שלאכט־באריקאדען" פון שקלאפען־קאמף „קליגענדיג אין די פרייהייטס־גלאקען". פאדערענדיג און געבענדיג אליין א שבועה:

„שווער ביי דער פרייהייט־פאנע —
רויט פון מארטירער־בלוט, —
אז קיין שטורעם, קיין פיינט, קיין פארצווייפלונג
וועט ניט צעברעכען דיין מוט".

נאך זיין טויט איז דער מארטירערישער „פרייהייטס־דיכטער" געווארען דער אומזעבארער רופער, וועקער, טרייסטער און באקלאגער פון זיינע „ברידער און שוועס־טער". אין די תפיסות און איבער אלע לידענס־וועגען פון אידישע רעוואלוציאנערען אין צארישער רוסלאנד איז ער אויסגעוואקסען, דורך די פארבאטענע לידער, אין א סימבאל. פון די טיפעניש פון טויט־אנגסטען, פון פארצווייפלונג ביז העלדישקייט, פלעגען ארויסציטירען עדעלשטאט'ס רופען און שבועות, טרויער און צארן, וואס האבען פארוואנדעלט דעם „שקלאפען־דיכטער" אין א רומפולער לעגענדע.

געגען עדעלשטאט'ס פאעטישער געשטאלט האט מען מיט יארען שפעטער געשטעלט די פראבלעם פון זיינע פאעטישע דערגרייכונגען. מען האט געזוכט צו מינערען זיין פאעטישען ווערט. געקומען איז עס נאך דער טרא־געדיע פון דער דורכגעפאלענער ערשטער רוסלענדישער רעוואלוציע פון נייינצען הונדערט און פינף. די פארצוויי־פלונג און אנטוישונג, וואס האט זיך אריינגעריסען אין די געמיטער פון א טייל אידישער אינטעליגענץ, האט ארויס־גערופען צום לעבען דעם קריטישען צוגאנג צו סאציאלע דערשיינונגען. אינדיווידועלע מאטיווען האבען ביסלעכ־ווייז פארנומען דאס ארט פון די פריערדיגע אויסשליסליך סאציאלע און קאמפס־לידער. דער אינדיווידואליזם אין דער אידישער פאעזיע האט צוגעגרייט דעם באדען פארן אנקומענדיגען אימפרעסיאניזם, פאר יחידישע איבערלעג־בונגען, פארן אינטימען ליד. צוזאמען דערמיט איז גע־וואקסען די ריין־עסטעטישע פאדערונג. מען האט אנגע־הויבען צו באטראכטען פאעזיע, ווי קונסט אין אלגעמיין, ניט ווי א מיטעל, נאר ווי א זעלבסשטענדיגען צוועק. און פונקט ווי אין עדעלשטאט'ס צייטען איז דער שווער־פונקט אין דער פאעזיע געלעגען אין סאציאלען עלעמענט פון ליד, האט מען איצט אנגעהויבען צו זוכען דעם שווערפונקט אין דער אויסגעפיינטער פאעטישער דיקציע. דער אויסגעאיידעלטער אידישער פערז האט אנגעווארפען פון זיך די אומפארמיידליכע דייטשמעריזמען פון עדעל־שטאט'ס עפאכע. פון באשטימטע רעאליזמען האט מען אנגעהויבען צוזיבערען דאס מוזיקאלישע, דעם האלב־שא־טענדיגען טאן, די שטימונג. מען איז צוגעגאנגען, אומ־פארמיידליכערווייז, צו עדעלשטאט'ס פאעזיע מיט רייך עסטעטישע מאסטען, און, אזוי נאך, האט זיך אנגעהויבען די אפלייקענונג פון איר פאעטישען ווערט. אין דער אפלייקענונג האבען זיך געהערט א סך גערעכטע טענות, אבער אן אנאליטישען צוגאנג. — וואס איז געווען אומ־מעגליך צו דערווארטען פאר יענער צייט — האט מען, אויף א ריין־אימפרעסיאניסטישען אופן, איבערגעטריבען. זישע לאנדוי, כדי צו פארלייקענען עדעלשטאט'ן, האט געבראכט איינע פון די שוואכסטע ציטאטען פון עדעל־שטאט'ס פערז:

„הערט נאר צו, וואס איך וועל זאגען:
ווען איר ווילט קיין קייטען טראגען —
קומט אין אונזער פאלק.
וואס מיר ווילען, — ניט פיל ברייען, —
איז פון שקלאפען־יאך באפרייען
דאס אונטערדריקטע פאלק" (דער וועקער).

אין דער אמת'ן ווערען ווערטען פון א דיכטער בא־שטימט ניט לויט זיינע שוואכסטע שורות, נאר פאר־קערט, לויט זיינע העכסטע דערגרייכונגען. ספעציעל אין דאס אמת ווען מען באטראכט א דיכטער, וועמעס פאעטישע אנטוויקלונג איז איבערגעריסען געווארען ביים סאמע אנהויב. מען קען סאקע ניט שאצען א פאעט לויט דעם, וואס ער וואלט האבען געשאפען, אויב געוויסע סיבות וואלטען אים ניט געשטערט. אבער פון זיין אומ־רייפען שאפען איז נויטיג אפצוטיילען יענע עלעמענטען, וואס אין זיי קומט צום אויסדרוק דעם דיכטער'ס אייגענ־ארטיגקייט. מען מוז אויך נעמען אין באטראכט אלע מעג־ליכע איינפלוסען אויפן דיכטער און זיין כוונה. עדעל־שטאט וועט לעבען אין דער אידישער פאעזיע ניט מיט שורות, וואס לאנדוי ברענגט, נאר מיט שורות, ווי, למשל,

„איך וואלט געוואלט, א פאלק! דיין רויטען זעגעל
נאך מאכען רויטער מיט מיין הארצען־בלוט...
און ווי א לייב מיט זיינע שארפע נעגעל,
דיין פיינט באקעמפען שטאלץ, מיט העלדען־מוט!"

און ניט נאר אין שורות אליין גייט דא, נאר אויך אין יענע ווענדונגען, בילדער, מעלאדיעס, פאטאס און טיף־רירענדיגע פאעטישע זשעסטען, וואס אין זיי ליגט דער צויבער פון עדעלשטאט'ס שאפען.

ניט נאר ווי וועלטענע אקארדען קלינגען די מערק־ווירדיגע שורות, ווי, למשל: „א, גוטער פריינט, ווען איך וועל שטארבען"... „אין שטורעם, אין קאמף האב איך מיין יוגענט פארלארען"... „פארלעש דעם פייער, לייג אוועק דעם האמער"... נאר די לידער גופא טראגען אין זיך יענעם צוזיפשמעלץ פון בילד, קלאנג און טיפען פאטאס, וואס שאפט דאס עכט־ראמאנטישע ליד; יענע ליד, וואס ברענגט טרייסט און דערמוטיגונג אין תפיסה פון לעבען און פארצווייפלטע באגייסטערונג אין קאמף געגען בייזקייט און שלעכטס; יענע ליד, וואס לעבט אין די טיפענישען פון פאלק און וואס פארלירט אפט דעם אייגענעם נאמען, כדי צו ווערען דעם פאלקס נשמה־אייגענטום. אין די דאזיגע גרויסע ווערטען וואלטען ניט געלעבט אין פאלק ביז היינטיגען טאג, טראץ אלע אפליי־קענונגען אזעלכע לידער, ווי:

„א, גוטער פריינט! ווען איך וועל שטארבען,
טראגט צו מיין קבר אונזער פאן —
די פרייע פאן מיט רויטע פארבען,
באשפריצט מיט בלוט פון ארבייטס־מאן!

און דארט אונטער דער פאן דער רויטער
זינגט מיר מיין ליד, מיין פרייע ליד!
מיין ליד „אין קאמף", וואס קלינגט ווי קייטען
פון דעם פארשקלאפטען קריסט און איד.

אויך אין מיין קבר וועל איך הערען
מיין פרייע ליד, מיין שטורעם־ליד!
איך דארט וועל איך פארגיסען טרערען
פאר דעם פארשקלאפטען קריסט און איד!

און ווען איך הער די שווערדען קלינגען
אין לעצטען קאמף פון בלוט און שמארץ —
צום פאלק וועל איך פון קבר זינגען
און וועל באגייסטערען זיין הארץ" (מיין צוואה).

אדער זיין ליד „אין קאמף", וואס, ווי עדעלשטאט דריקט זיך אויס, „קלינגט ווי קייטען":

„מיר ווערען געהאסט און געטריבען,
מיר ווערען געפלאגט און פארפאלגט —
און אלץ נאר דערפאר, וואס מיר ליבען
דאס ארעמע שמאכטענדע פאלק.
— — — — — — — — — —
שמידט אונז אין אייזערנע קייטען,
ווי בלוטיקע חיות אונז רייסט;
איר וועט אונזער קערפער נאר טויטען,
נאר ניט אונזער הייליגען גייסט!"

אדער דאס טראגישע ליד „מיין לעצטע האפענונג", וועמעס ערשטע שורות אליין צערודערען אונזער געמיט:

„אין שטורעם, אין קאמף איז מיין יוגענט פארשוואונדען,
פון ליבע, פון גליק האב איך קיינמאל געוואוסט;
נאר ביטערע טרערען און בלוטיגע וואונדען
האבען געקאכט און געברענט אין מיין ברוסט".

עס זיינען פאראן עטליכע זייער וויכטיגע מאמענטען, וואס מען דארף האבען אין זינען בעת מען וויל פאר־שטיין עדעלשטאט'ס פאעטישע אנטוויקלונג. מיטן אויס־נאם פון זיין איינציגער פאעטישער גליאנקייט, אנגרענ־ציגער אויפריכטיגקייט און מערקווירדיגען פאטאס, זא־בען די דאזיגע מאמענטען באשטימט דעם גאנג פון זיין פאעזיע. דאס זיינען געווען: זיין רוסישע דערציאונג און זיין רוסישער פאעטיש־קולטורעלער באוואוסטזיין; דאס אויסקלייבען צו שרייבען אין אידיש, אין א שפראך, וואס ער האט ניט געקענט; זיין פראלעטארישער שיק־זאל פון אן ארבייטסלאזען אדער פון אן ארבייטער פון די בארימטע שוויץ־שעפער; און צולעצט, זיין קראנק־הייט, וואס האט רואינירט די בעסטע כוחות פונם דיכ־טער בעת ער האט ערשט געהאלטען אין איינלעבען זיך אין דער אידישער שפראך און אין דערפילען זיין אייגע־נעם פאעטישען סטיל.

ווען מען נעמט אין אכט אט די אלע מאמענטען, איז, באמת, צו באוואונדערען עדעלשטאט'ן. געבוירען אין דער טיף־רוסישער שטאט קאלוגא, אין צענטראל רוסלאנד, וואו קיין סך אידען זיינען ניט געווען. ניט קיין אידישע סביבה און ניט קיין אידישע דערציאונג האט עדעלשטאט געקראגען. רוסיש איז געווען זיין שפראך, די אטמאס־פערע, דאס גאנצע לעבען רום. עס איז אויך פון מערק־ווירדיגער באדייטונג דער פאקט, וואס דער פאטער פון דעם צוקונפטיגען אידישען פאעט האט געהייסען מאיסיי איוואנאוויטש און די מוטער — קאטערינא פעאדאראוונא. א געוויסע צייט איז זיין פאטער געווען א גאראדאוואי (א פאליציאנט). אויסגעדינטע ניקאלאיעווסקי סאלדאטען פלעגט מען דערלויבען צו זיין פאליציסטען. אין געוויסע פאלען ווען זיי זיינען געווען אפילו אידען. עס איז אויך מעגליך, אז דער עדעלשטאט'ס פאטער איז געווען פון די קאנטאניסטען, וואס מען פלעגט אין ניקאלאי דעם ער־שטען'ס צייטען כאפען אלס קינדער, די אפרייסען פון טאטע־מאמע, אוועקשיקען טיף אין רוסלאנד און האדעווען זיי אין רוסישען גייסט אדער ביי א פויער, אדער אין קאזארמעס, ביז דאס געכאפטע קינד פלעגט ווערען דער־וואקסען, און דאן פלעגט מען אים אוועקגעבען אין מיליטער דינסט אויף 25 יאר.

עדעלשטאט'ס קוואלען, וואס האבען געפירט צו דער פאעטישער אויפוואכונג, זיינען געווען די מייסטער פון דער רוסישער פאעזיע און פון דעם ראדיקלען רעוואלו־ציאנערען געדאנק. ביז צוויי און צוואנציג יאר, ביז זיין געפינען זיך אין אמעריקא א היבשע צייט, האט ער אלץ געשריבען רוסישע לידער, און ער האט זיך באטראכט פאר א רוסישען פאעט. זיינע ערשטע געדרוקטע לידער זיינען געווען רוסישע לידער: „דאס ליד וועגען פראלע־טאריער" און זיין ליד „בענצי" (פיס). זיי זיינען געווען געדרוקט אין „זנאמיא" (די פאן), וואס איז געגרינדעט און רעדאקטירט געווארען פון לעאָ באנדעס. זיין גאר ערשט ליד האט זיך געדרוקט אין קאלוגע אין „גובערנס־קיע וועדאמאסטי" בעת דער דיכטער איז געווען נאך גאר א יונגער, ארום 14 יאר. אגב איז דאס ליד געלויבט גע־ווארען פון דעם קאלוגער גענעראל־גובערנאטאר, וואס האט איינגעלאדען דעם אומבאקאנטען דיכטער און איז איבערראשט געווארען צו זען א יונג קינד אנשטאט א דערוואקסענעם פאעט.

דער זייער אויפריכטיגער עדעלשטאט, ארבעטענדיג אין די שוויץ־פאבריקען און קומענדיג אין באגעגטען בא־ריר מיט דער פארקשלאפטער עמיגראנטישער מאסע, האט איינגעזען, ווי דאס איז געווען דער פאל מיט א סך אינטעליגענטע רוסיפיצירטע אידישע יונגעלייט, אז צו דער מאסע מוז מען צוקומען ניט מיט רוסיש, וואס זי קען ניט און פארשטייט ניט, נאר מיט אידיש, איר מוטער־שפראך. אויב דער איבערברוך פון איין קולטור־באוואוסטזיין צו א צווייטען איז געווען שווער פאר א סך צוקונפטיגע פובליציסטען, פאלקס־פירער און בויער פון דער ארבייטער באוועגונג, איז עס געווען א סך שווערער, ממש פיינליך, פאר א דיכטער, וועמעס אינסטרומענט איז דאס אויסדערוויילטע, פינקטליכע ווארט. מיט דער גאנ־צער פאעטישער אטמאספערע, וואס דאס ווארט טראגט מיט זיך. פאר עדעלשטאט'ן איז עס געווען באמת אן אי־בערמענשליכע שווערינקייט אנצושרייבען זיין ערשט אי־דיש ליד, אונטערן דרוק און פאדערונג פון זיינע חברים. ניט נאר פשוט'ע ווערטער, גראמען, ווענדונגען און רעד־דענסארטען האבען אים געפעלט, נאר ער האט פשוט ניט געקענט פארגרעסערען זיך געניטן אין די אידישע בוכ־שטאבען. געשריבען אידישע לידער האט ער בלויז פיר יאר, ווארים צו זעקס און צוואנציג יאר האט דער טויט פארענדיגט דאס שיינע ליד: עדעלשטאט. און אין משך פון די דאזיגע פיר יאר האט ער געמוזט זיך אויסלערנען א מלאכה, ליידען הונגער, ארבייטען אין שוויץ־שעפער, אנטיילנעמען אין דער ארבייטער באוועגונג, וואס האט זיך געהאלטען דעמאלט אין בויען, און א גאנצען יאר פאר זיין טויט פארברענגען אין יסורים פון דער צעשטערענ־דיגער קראנקהייט. דאן האט דער קורצער און טראגי־שער פעריאד פון עדעלשטאט'ס שאפען איבערגעלאזען אומפארגעסליכע ווערטען אין דער אידישער פאעזיע. זיין אריבער איז באשטאנען אין טראגיש־אויפריכטיג און פא־טעטיש ארויסדריקען די איבערגליענדיגע רעוואלוציא־נערע ראמאנטיק.

קינסטלערישע שילדערונגען וועגען שניידער און שניידעריי

פון ש. ל. שניידערמאַן

דער אַרבייטס־מענש אַלס העלד אין דער ליטעראַטור דערשיינט ערשט אין די סאַמע נייעסטע צייטען — מיטן אויפקום פון מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט. שריפטשטעלער הויבען אָן אַריינבליקען אין לעבען פון אַרבייטער ערשט דאַן, ווען דער פאַבריקס־מענש פון די פאַרשטעט, וועלכען מען האָט קיינמאָל ניט געזען אויף די הויפּט־גאַסען, באַווייזט זיך מיטאַמאָל אויף דער פּאָליטישער אַרענע און מאַכט אויפטרייסלען דאָס רוהיגע לעבען פון בירגער.

דער טעכנישער פּראָגרעס, דאָס אַריינפירען די מאַשין אין אַרבייטס־וואַרשטאַט, וואָס פאַרוואַנדעלט די פּרימיטיווע האַנדווערקעריי אין אַ מאָדערנער אינדוסטריע, האָט גורם געווען ערנסטע סאָציאַלע אויפטרייסלונגען און דער קינסטלער האָט מיטאַמאָל דערזען אַ קוואַל פון נייער, ביז דאַן נאָך ניט־באַרירטער טעמאַטיק. דער פאַנאַנדערבלי פון דער טעכניק, וואָס איז געווען דער קערן פון קאַפּיטאַליסטישען אויפשוואונג, האָט, אַנשטאַט צו דינען דעם וואויל פון כלל, נאָך מער פאַרטיפט דעם תהום צווישען רייך און אָרים. די מאַשין, אַנשטאַט איינצושפּאָרען דעם שוויס פון אַרבייטער, האָט אים גאָר אַרויסגעשליידערט פון פאַבריק און פאַראורטיילט צו הונגער.

פון דעם דאָזיגען מאָמענט, זינט דער צווייטער העלפט פון 19טען יאָרהונדערט, הויבט דער אַרבייטס־מענש אָן צו דערשיינען אַלס העלד אין דער ליטעראַטור. ער ווערט אָבער פאַרגעשטעלט נאָר פון דער סאָציאַל־פילאָזאָפישער זייט, אַלס אויסגענוצטער, פאַרהונגערטער מענש און אַלס בונטאַר, אַלס מאַשינען־צעשטערער, און ניט אַלס מענש פון אַ באַשטימטער סביבה און אייגענאַרטיגען שטייגער־לעבען. דער אַרבייטער ווערט דורך די שריפטשטעלער געוויזען פון דער גאַס, פון סטרייק־פּלאַץ, פון דער פאַבריקס־האַלע. און אויב דער שרייבער גיט זיך שוין די מי און מאַכט אַ שפּאַציר איבער די פאַר'חושכ'טע געסלאַך פון די אַרבייטער־קוואַרטאַלען, זעען מיר אין די שילדערונגען נאָר אַ שוואַרצע מאַסע פון נויט, דחקות און אומבאַהאָלפענקייט, וואָס קען אַרויסרופען בלויז אַ רחמנות־געפיל.

דאָס זיינען געווען שילדערונגען פון געוויסענהאַפטע שרייבער, פון קינסלטער מיט אַ פילענדיג האַרץ, וועלכע זיינען דערשיטערט געוואָרען אין אַנבליק פון דער דאָזיגער נויט. אָבער שילדערונגען פון מענשען פרעמדע, וועלכע זיינען אַריבערגעקומען פון פרעמדע גאַסען. טראָץ זייער בעסטען ווילען האָבען זיי ניט געקענט טיפער אַריינדרינגען אין לעבען פון אַרבייטס־מענש.

„די וועבער" פון גערהאַרד האַופּטמאַן און „זשערמינאַל" פון עמיל זאָלאַ האָבען אין זייער צייט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ רעוואָלוציע אין די אַנגענומענע באַגריפען וועגען ליטעראַטור. עס איז געווען אַ גרויסע געוואַגטקייט פון די דאָזיגע שרייבער אַריינצופירען אין זייערע ווערק פּשוט'ע וועבער־אַרבייטער און קוילען־גרעבער, אַנשטאַט סאַלאָן־מענשען, סוחרים, באַנקירען, מיליטער־לייט און קינסטלער, וועלכע האָבען ביז דאַן מיט זיך פאָרגעשטעלט די טראַדיציאָנעלע העלדען פון דער ליטעראַטור.

דאָס איז געווען גאַנץ פאַרשטענדליך. די קונסט און ליטעראַטור איז אורשפּרונגליך געשאַפען געוואָרען דורך דעם באַהערשענדיגען, מאַכט־האָבענדיגען קלאַס, און אים געדינט. די מאָלער און שרייבער זיינען געווען אַן אומצעשיידבאַרער טייל פון די פירשטליכע און קעניגליכע הויפען. אין אָט דער דאָזיגער סביבה, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם אויסשליסליכען אָפּנעמער פון דער ליטעראַרישער און קינסטלערישער פּראָדוקציע, האָבען די שרייבער און מאָלער געשעפּט זייערע טעמעס.

דאָס ערשיינען אויף דער ליטעראַרישער אַרענע פון אַזאַ „אַגרונט־מענש" ווי מאַקסים גאָרקי, איז געווען אַן איבעראַשונג, און די פירענדיגע, פּראָגרעסיווע שרייבער פון דער רוסישער ליטעראַטור, די אָדעל־לייט טאָלסטוי, טורגעניעוו און טשעכאָוו האָבען גאָרקי'ן אַרומגערינגעלט מיט פיל צערטליכקייט און געזען אין אים דעם ערשטען שרייבער, וואָס איז אויפגעקומען דירעקט פון דער אָרימקייט.

ביזן היינטיגען טאָג נאָך קען מען אין דער אידישער ליטעראַטור בלויז אויף די פינגער איבערציילען באַוואוסטזיניגע שרייבער, וועלכע זאָלען ציען זייער „יחוס" פון די אַרבייטער־רייען. די אידישע ליטעראַטור איז אין דער הינזיכט אין אַ געוויסער מאָס אַן אויסנאַם.

אויב דער ערשטער דור אידישער שרייבער, די קלאַסיקער, און אַ טייל פון זייערע עפּיגאָנען, זיינען געקומען פון אַן אינטעליגענטיש־באַלעבאַטישער סביבה, איז אָבער דער נייער דור אידישע שרייבער מיט זיינע וויכטיגסטע פאָרשטייער, געקומען פון אַ פאָלקס־סביבה, פון האָרעפּאַשניקעס און אַליין אויך די יוגענט־יאָרען געטיילט צווישען וואַרשטאַט און זעלבסטבילדונג.

אויב אין די ערשטע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם, פּרץ און אברהם רייזען זיינען די הויפּט־העלדען נאָך געווען דער קהל־מענש, דער מנחם מענדעל און דער קלויזניק, זעען מיר אָבער אַלץ ווייטער ווי אין זייערע שאַפונגען הויבט אָן פאַרנעמען אַ פּלאַץ דער באַלעמאָלכע, דער האָרעפּאַשניק, וועלכער איז אייגענטליך דער וויכטיגסטער אָפּנעמער פון דער ליטעראַטור אין דער אידישער שפּראַך.

אַ גאַנץ ספּעציעל אָרט פאַרנעמט אין דער אידישער ליטעראַטור דער שניידער, „עמך, שער און אייזען"... דער שניידער איז אין דער אידישער ליטעראַטור ניט נאָר בלויז אַ פּשוט'ער באַלמעלאָכע, נאָר ער באַקומט אויך אַ סימבאָלישע באַדייטונג, ווי, למשל, די שניידער־ל"ו'ניקעס אין פּרצ'עס „פאָלקסטימליכע געשיכטען", אָדער דאָס הייליגע שניידערל אין שלום אַש'עס „קידוש־השם".

ווי אַזוי ווערען אָבער שניידער און שניידעריי רעאַליסטיש געשילדערט אין דער אידישער ליטעראַטור? וואָס פאַר אַ טיפּען שניידער ווערען אַרויסגערוקט דורך די אידישע שרייבער אין זייערע ווערק? מיר וועלען זיך באַמיען דאָס אַרויסצוברענגען אין אַ ריי בייששפּילען, לויט די ווערק פון די וויכטיקסטע אידישע שרייבער.

מיר הויבען אָן ביי פּרצ'ן, וועלכער האָט צוויי פון זיינע פּאָעטישע שאַפונגען געווידמעט גראָד אידישע שניידערקעס. דאָס ליד „דריי נייטאָרינס" איז שוין פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פאָלקס־ליד, וואָס ווערט געזונגען דורך יונג און אַלט.

„די אויגען רויט, די ליפּען בלאָ,
קיין טראָפּען בלוט אין באַק ניטאָ,
דער שטערען בלאַס, באַדעקט מיט שוויס.
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס —
עס זיצען דריי מיידלאַך און נייען".

די דריי מיידלאַך ביי זייערע ניי־מאַשינען, וואָס זיינען פאַרוואָרפען מיט זידענס און אַטלאַס, חלום'ען בלויז וועגען חתונה־האָבען, באַקומען אַ מאַן, ווייל זיי זעען ניט קיין אַנדערען אויסוועג זיך צו פאַרלייכטערן דאָס שווערע לעבען פון אַ נייטאָרין. אַלע דריי שניידער־מיידלאַך זיינען ביי פּרצ'ן אומגליקליך, האָפנונגסלאָז. איינע „איז מיד", די צווייטע האָט שוין אַ „גרויען צאָפּ", די דריטע „שפּייט מיט בלוט" און טראַכט וועגען טויט.

דאָס דאָזיגע ליד, אין וועלכען עס זעען זיך אַרויס בולט'ע איינפלוסען פון היינריך היינע'ס ליד „די וועבער", האָט אָבער ניט היינע'ס רעוואָלוציאָנערע אַקצענטען. בעת היינע'ס וועבער זאָגען, אַז זיי „וועבען אויס אַ טויטען־טוך" פאַר'ן יונקערישען דייטשלאַנד, זאָגען פּרצ'עס שניידערקעס: „איך ניי און שטעפּ און שטעפּ מיר אויס נאָר גרויע צעפּ", אָדער: „איך ניי מיך קראַנק, איך ניי מיך בלינד"...

דאָס דאָזיגע ליד האָט פּרץ געשאַפען אומגעפער אין יאָר 1901, ווען אידישע שניידערקעס זיינען אין די רייען פון „בונד" געגאַנגען אין דעמאָנסטראַציעס, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע, אָנגעפירט סטרייקס און ניט אין איין שטעטעל געווען די נשמה פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

פּרץ, דער ראָמאַנטיקער, האָט אָבער די דאָזיגע שניידערקעס ניט געזען. טראָץ דעם אָבער איז דאָס דאָזיגע ליד געוואָרען איינס פון די באַליבטסטע לידער דווקא אין די אַרבייטער־רייען און עס פלעגט ניט דורך קיין שום ליטעראַרישע אונטערנעמונג. גראָד ביי פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, אַז עס זאָלען ניט דעקלאַמירט, אינסצענירט אָדער געזונגען ווערען „די דריי נייטאָרינס". דער אידישער אַרבייטער־עולם האָט טראָץ אַלעם געפילט, אַז אין דעם דאָזיגען ליד איז מיט ליבשאַפט און טיפער זאָרג געשילדערט געוואָרען זיין סביבה, וואָס האָט נאָך דאַן געהאַט אַ שוואַכען אָפּקלאַנג אין דער יונגער, אויפקומענדער אידישער ליטעראַטור.

די צווייטע, גרעסטע פּאָעטישע שאַפונג, אין וועלכער י. ל. פּרץ שילדערט שניידערקעס, טראָגט דעם נאָמען „ביי דעם פרעמדען חופּה־קלייד". דאָס איז אַ סצענע פון אַ גרויסען וואַרשעווער מאָדע־מאַגאַזין, וואו עס ווערען גענייט קליידער פאַר רייכע דאַמען און כלה־מיידלאַך.

די טעמע איז ווידעראַמאָל: חופּה, חתונה. די נייטאָרינס רעדען וועגען „זיידענעם חופּה־קלייד מיט די בריליאַנטענע קנעפּ" און ענדיגען מיט די זעלבע אויספירונגען ווי אין די „דריי נייטאָרינס", אַז פאַר זיך נייען זיי אויס ניט מער ווי תכריכים.

אין אָט דער כאָראַלער סצענע פון די נייטאָרינס הערען זיך שוין אויך אַנדערע טענער. טענער פון בונט געגען די שטענדיגע קלאָגערינס:

„וואָס פאַר'סמ'ט איר מיר דאָס לעבען,
זינגט ניט אַזוי שרעקליך!
כ'האָב קיין סאַמעט און קיין אַטלאַס,
נאָר די רויטע בעקלאַך!
כ'האָב קיין שפּיצען, קיין בריליאַנטען,
ווייס איך, וואָס זיי טויגען,
כ'האָב אַ האַלז אַן אַלאַבאַסטער,
צוויי בריליאַנטען אויגען".

אין דער דאָזיגער דראַמאַטישער פּאָעמע איז אויך שוין פאַראַן אַן אַנדייטונג, אַ פאַרשטעלטער עכאָ פון דער צאַרישער טיראַניי, וואָס די שניידערקעס ברענגען צום אויסדרוק אין זייערע לידער ביי דער אַרבייט; איינע פון די נייטאָרינס זינגט וועגען „פּאַוויאַק", וועגען דער תפיסה אויף פּאַוויע גאַס אין וואַרשע:

„און דאָרט צו וואַרינען איז טרויעריג און באַנג,
עס שלאָגט דורך די מויערען דאָס קייטען־געקלאַנג;
עס קלינגט אַזוי טרויעריג דיך־דאַן און דיך־דאַן,
אַ. רירט ניט דאָס זיידענס, ניט טשעפּעט, מאַדאַם"!

דער לייט־מאָטיוו פון דער דאָזיגער פּאָעמע איז אָבער נאָך אַלץ אויסשליסליך די נויט און דער טרוים נאָך אַ מאַן.

די שניידערקעס אין די דאָזיגע צוויי פּאָעטישע שאַפונגען פון י. ל. פּרץ, הגם זיי ווערען שוין פאָרגעשטעלט ביי דער ניי־מאַשין, ביי דער אַרבייט, טראָגען זיי אָבער נאָך אויף זיך דעם סימבאָליש־ראָמאַנטישען הויך פון די שניידער ל"ו' ניקעס, פאַרבאָרגענע צדיקים... די שניידערקעס זיינען גיכער סימבאָלען פון ליידענדיגע אַרבייטס־מענשען, איידער לעבעדיגע, רעאַלע געשטאַלטען. דאָס איז געווען דער חותם פון אָט דער ערב־רעוואָלוציאָנערער צייט, פון איבערגעבליטען דעקאַדענטישען ראָמאַנטיזם, ווען שרייבער האָבען אָפּעריערט מיט סימבאָלען און אַלעגאָריעס. פּרץ איז אין יענער צייט געווען דער טיפּישער פאָרטרעטער פון אָט דער ריכטונג אין דער אידישער ליטעראַטור.

אַנדערש אָבער ווערען שוין געשילדערט שניידער און שניידער־וואַרשטאַטען אין די ווערק פון אידישע שרייבער אין דער צייט פון נאָכן יאָר 1905. וועגען דעם אין אַ צווייטען אַרטיקל.

מ. ל. קאַלושינער

הינטער מיר

האָט ווער מיין מאָרגען אָנגעצייכענט הינטער מיר
איך זאָל דורך הינטערוועגענס גיין?
עס זאָל פאַר מיר די רו ניט עפענען אַ טיר,
און בלייבען אין דער פרעמד נאָר שטיין? —

— מיין שאָטען זאָל ניט פאַלן איבער זון פון טאָג;
צעציטערן זאָל מיין בליק די נאַכט;
— איך זאָל ניט ווערען פאַר דער שוועל פון נויט —
די וואָג

און וועגען עלענד, וועגען מאַכט?

געקומען בין איך בלויז צו זיין פאַר מיר אַ וואונד?
ניט נעמען פון דעם לעבען — פרייד,
מיט נאַכט נאָר זינקען ווי אַ שיף אין ים צום גרונד,
פאַרלוירען גיין אַזוי געקיים?

איך ווייס די וועלט, זי נויטיגט זיך אין מיינע הענט,
איך זאָל איר העלפען אין געבוי!
— פאַרוואָס זשע האָט די וועלט באַרינגעלט מיך
מיט ווענט,
און מאָלט מיין מאָרגען — קאַלט און גרוי?

איינדרוקספולע מאָמענטען ביי אונזער קאָנווענשאַן

(בילדער און שטימונגען)

פון ש. פאַרבער.

די 24טע קאָנווענשאָן פון אונזער אינטערנעשאָנעל איז געשלאָסען. די דעלעגאטען, וועלכע האָבען פאַרטראָטען די הונדערטע טויזענטער מיטגלידער אונזערע, זיינען זיך פאַרנאַנדערגעפאָרען צוריק אין די שטעט און שטעטלעך איבער'ן גאַנצען לאַנד, צוריק צו די ניי־מאַשינען; שנייד־מאַשינען און פרעס־איזענס אין די פרויען קליידער פאַבריקען אָדער אין די אָפיסעס פון דער יוניאָן וואו זיי פירען אָן מיט דער אַרבייט. אָנגעזאָפּט מיט נייעם מוט און גלויבען אין דער גרויסקייט און מאַכט פון דער יוניאָן, וועלען זיי מיט פאַרגרעסערטער ענערגיע זיך אַריינוואַרפען אין דער ארבייט צו פאַרשטאַרקען אונזער אָרגאַניזאַציע. זיי וועלען מיט זייער באַגייסטערונג אָנצינדען דעם פלאַם פון ענטשלאָסענהייט אין די ארבייטער וועמען זיי האָבען פאַרטראָטען ביי דער קאָנווענשאָן.

די קאָנווענשאָן איז געווען אַ היסטאָרישע אין פילע הינזיכטען. זי איז געווען היסטאָריש דערמיט, וואָס זי האָט אָפּגעשלאָסען אַ קאַפּיטעל פון פערציג יאָר עקזיסטענץ פון אונזער אינטערנעשאָנעל — א קאַפּיטעל פון געבורט, וואוקס און רייפקייט; זי איז געווען היסטאָריש מיט דער גרעסטער צאָל דעלעגאטען, לאָקאַל יוניאַנס און דזשאָינט באָארדס וואָס זיינען ווען עס איז געווען פאַרטראָטען ביי אונזערער אַ קאָנווענשאָן. זי איז אויך געווען היסטאָריש מיט די וויכטיגע באַשלוסען וואָס זי האָט אָנגענומען סיי וועגען אָרגאַניזאַציאָנעלע און אינדוסטריעלע פראָגען בנוגע אונזער אייגענער יוניאָן: סיי וועגען אונזער באַציאונג מיט דער אַמעריקאַנער טריידיוניאָן באַוועגונג און אויך וועגען אַלגעמיינע ארבייטער־און פּאָליטישע פּראָבלעמען. נאָך מער אָבער ווי מיט די קאָנקרעטע באַשלוסען, איז די קאָנווענשאָן געווען אַ היסטאָרישע מיט דעם גייסט אירען, מיט דער אייניגקייט וואָס האָט צוזאַמענגעשמידט די אַלע פאַרטרעטער פון די הונדערטע טויזענטער מיטגלידער אונזערע און מיט דעם ערנסט מיט וועלכען זיי האָבען זיך באַציגען צו די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען וואָס זיינען דאָרט אויפגעקומען און פאַרהאַנדעלט געוואָרען, און מער פון אַלעם — מיט דעם גייסט פון העכסטער דעמאָקראַטי וואָס האָט באַהערשט די קאָנווענשאָן, וואו אפילו די אומבאַדייטענדסטע מינאָריטעט, וועלכע איז געווען ווייט ניט באַליבט ביי די פאַרטרעטער, האָבען געקראָגען די פולסטע געלעגענהייט אויסצודריקען זייערע מיינונגען און געדאַנקען.

וואָלט זיך אודאי וועלען אָפּשפּיגלען אין דער „גערעכטיגקייט” כאָטש אין מיניאַטור אָט די היסטאָרישע קאָנווענשאָן אונזערע מיט אַלץ וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען. עס וואָלט זיך וועלען איבערגעבען די מיטגלידער אונזערע וואָס האָבען אַליין ניט געהאַט די געלעגענהייט ביצואוואוינען די קאָנווענשאָן, כאָטש עטוואָס פון דעם עקסטאַז וואָס האָט באַהערשט די דעלעגאטען און געסט אין מאָמענטען פון פייערליכער באַגייסטערונג; דעם כישוף פון די מאָסען דעמאָנסטראַציעס; דעם טיפען ערנסט ביי די ליידענשאַפּטליכע דיסקוסיעס. דאָס צו דערגרייכען אָבער וואָלט מען געדאַרפט איבערדרוקען כמעט דעם גאַנצען קאָנווענשאָן באַריכט, ווייל ביי יעדער זיצונג, ביי יעדער צוזאַמענקונפט דורך די גאַנצע צוויי וואָכען וואָס די קאָנווענשאָן האָט אָנגעהאַלטען, איז פאָרגעקומען עטוואָס וואָס האָט אָנטפּלעקט דעם גייסט פון אונזער יוניאָן. און דאָס איז דאָך אונמעגליך. מיר וועלען זיך דעריבער מוחען באַנוגענען מיט אַרויסרייסען איינצעלנע מאָמענטען, איינצעלנע פאַרטרעטען און בילדער לעך פון דעם גאַנצען פאַרבענרייכען מאָזאַאיק וואָס האָט צוזאַמענגעשטעלט אונזער קאָנווענשאָן און איבערלאָזען עס צו די דערציילונגען פון די וואָס האָבען עס בייגעוואוינט און צו דער פאַנטאַזיע פון די לייענער צו דערגאַנצען דאָס בילד.

דער פאַראַד דורך די גאַסען.

אַ בלויער, לויטערער הימעל הילט איין דעם צענטער פון דער וועלט־שטאָט ניו־יאָרק. די פרילינג זון וואַרפט סנאָפּעס שטראַלען און באַגילט דעם אַש־גרויען אַספאַלט פון די גאַסען. די פענסטער־שויבען אין די טורעמדיגע פאַבריק־געביידען אויף זיבעטע און אַכטע עוועניוס שליידערען שטיפעריש צוריק די פלאַמען־פונקען אויף די אויטאָמאָבילען און פאַרביגעהער.

אַ געוויינליכע מיטאָג־שטונדע אין צענטער פון די קליידער־פאַבריקען און דאָך פילט זיך עפּעס היינט אַן אויסערגעוויינליכע יום־טוב'דיגקייט אין דער לופט. עס פעלט אין דער מאַסע די וואָכעדיגע האַוועניש. די מענשען שפּאַצירען געלאַסען, שטעלען זיך אָפּ פון צייט צו צייט און ציען די העלזער צו מזרח לענג אויס די 39־טע גאַס, ווי זיי וואַלטען אויף עפּעס אַרויסגעקוקט אין גרויס דערוואַרטונג. קעפּ פאַררייסען זיך אין דער הויך צו די אויבערשטע שטאָקען. פילע פענסטער זיינען באַצירט מיט פענדלעך און קאָלירטע פאַסען פאַפּיר. אַ ריזיגער טראַנספּאַראַנט איז פאַרצויגען איבער דער גאַנצער ברייט פון דער עוועניו. אין ווינט וויגען זיך ריזיגע ווערטער: „ווילקאָמען, דעלעגאטען צו דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנעל לידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן”.

פון דער ווייט דערטראָגען זיך קלאַנגען פון אַן אָרקעסטער. די מענשען מאַסע ווערט ווי עלעקטריזירט. בלייבט שטיין פאַרגליווערט אויף ביידע טראָטואַרען. די העלזער אויסגעשטרעקט אין געשפּאַנטער ערוואַרטונג. אַ מורמלען טראָגט זיך דורך אין די רייהען. „זיי קומען!”

פון ראָג באַווייזען זיך אַ רייהע אָמניבוסען. אין פאָראויס — אַ פלאָוט, אַ ריזיגע שפּול באַנוועל אויף אויסגעשפּרייטע שיכטען געוואַנד — דער סימבאָל פון שניידעריי. הינטער דעם אַ צווייטער פלאָוט, אַ העראָאישע פיגור פון אַ פרוי דראַפּירט אין העל קאָלירטען זייד. לאָזונגען וואָס דערציילען וועגען קאַמפען און דערגרייכונגען פון די אָרגאַניזירטע פרויען קליידער ארבייטער. לאָזונגען פאַר דער צוקונפט. הינטער זיי, אָמניבוסען אָנגעפילט מיט פריידיגע ארבייטער־דעלעגאטען. יום־טוב'דיגע פּנים'ער קוקען אַרויס אויף דער ליכטיגער גאַס. אַ מענשען־ים כוואַליעט זיך אויף ביידע טראָטואַרען ווי ווייט דאָס אויג קען כאַפּען. דאָס זיינען אַרויסגעקומען זייערע ברידער און שוועסטער פון די ניו־יאָרקער פאַבריקען, זיי מקבל פּנים זיין. באַגריסען זיי מיט דעם געמיינשאַפטליכען יום־טוב, די פערציג יאָריגע יובילייַ קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנעל.

פענדלעך פאָכען, לוסטיגע צו־רופען, אויגען צינדען זיך אין פייער פון עקסטאַז, עס מישען זיך קאָלירען. עס פלעכטען זיך דורך טענער אין פריידיגער באַגריסונג. יום־טוב אין פרויען קליידער צענטער; יום־טוב אין דער ריזיגער וועלט־שטאָט, אין דעם קאָכעדיגסטען טייל אירען. די אינטערנעשאָנעל גייט ערעפענען איר קאָנווענשאָן.

דער שטראָם פון אויטאָמאָבילען אין די דורכקרייצענדע גאַסען איז אָפּגעשטעלט. פרעמדע קוקען פאַרגאַפט. די שטאָט ניו־יאָרק האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטען, די יוניאָן פון פרויען קליידער ארבייטער דעמאָנסטרירט איר מאַכט און אָנזען.

ערגעץ־וואו, טיף אין האַרצען האָט אַ קטיל נאָכגעלאָזען. ספקות וועלכע האָבען זיך פאַר'גנב'עט אין מח אין דער צייט פון די צוגרייטונגען, זיינען אויסגעוועפּט. גרויס און אָנזעענדיג איז די אינטערנעשאָנעל. אפילו דער ריזיגער, פיל־מיליאָניגער מענשען־ים פון דער ריזיגער וועלט־שטאָט קען איר ניט איבערוועלטיגען און פאַרדעקען. דער שטורעם און רויש פון דער מעטראָפּאָליע קען איר ניט פאַרטויבען. דער יוניאָן יום־טוב האָט די וואָכעדיגע שטאָט באַזיגט....

„איך הער אַמעריקע זינגען ו׳”

מעדיסאָן סקווער גאַרדען. דער ריזיגער זאַל איז אויסגעפּלאַסטערט מיט מענשליכע פּנים'ער. יעדער ברעקעל פּלאַץ, פון האַרט ביי דער בינע ביז הויך אונטער'ן סטעליע, אויף אַלע זייטען, איז אויסגעקלעפּט מיט לעבעדיגע מענשליכע בלומען. שטראַלען־פעדים בינדען צענדליגע טויזענדער אויגען צו דער מיט ליכט־באַגאָסענער בינע.

קלאַנגען קלעטערען און פלעכטען זיך. הילכען אָפּ און גיסען זיך איבער די ווענט פון גאַרדען און דערגרייכען די אויערען פון די טויזענדער ארבייטער אין די אַרומיגע גאַסען וועמען דער ריזיגער זאַל איז געווען צו קליין אַריינצונעמען. פלאַמיגער געדרוס פון די אינטערנעשאָנעל פירער אויף דער בינע, אַרומגעקראַנצט מיט מוזיקאַלישע פראַזען פון שפּיל־אינסטרומענטען, זילבער קלאַנגען פון סאָפּראַנאָ און געבּרום פון באַריטאָן שטימען אין געטליכען געזאַנג, ווערען געענטפערט פון רוישיגע אַפּלאָדיסמענטען און צורופען וואָס הילכען אָפּ ווי ווייטע דונערען. מיט ליכט, קלאַנג און פאַרב וויקעלט זיך פאַרנאַנדער דער פּראָלאָג צו דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנעל לידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן.

און פּלוצלונג:

פאַרשוואונדען די אַלע אויסערליכע עפעקטען. פאַרקלונגען דער גאַנצער ריטואַל. דעמערונג הילט איין דעם גרויסען זאַל. ס'באַווייזען זיך שאָטנס אויף דער בינע. שאָטענס פון פאַרגאַנגענע צייטען קליידען זיך אָן אין פלייש און ביין. די פאַרגאַנגענהייט האָט אויפגעלעבט און איז צוריקגעקומען. די געשיכטע פון אַמעריקע; די ליידען און פריידען פון פאַרגאַנגענע דורות; זייערע קאַמפען, נצחונות און נידערלאַגעס; דער שווערער געראַנגעל צווישען איינצעלנע און קלאַסען; לאַנג פאַרשוואונדענע העלדען און מאַרטירער; אַלץ איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים און דערציילט איר געשיכטע אין בילד און געזאַנג. איך הער און איר הערט — אַמעריקע זינגען.

ביסלעכווייז, ווערט ליכטיגער אויף דער בינע. די שאָטענס נעמען אָן מענשליכע פאָרמען. אכט הונדערט ארבייטער, מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנעל זיינען עס וועלכע פאַרקערפּערען אין זיך, ניט נאָר דעם גייסט נאָר ממש דעם, וועזען פון פאַרגאַנגענע דורות. די שיקאַגאָ מאַרטירער זיינען אויפגעשטאַנען תחית המתים און זייערע שטימען קלינגען ניט פון קבר נאָר פון דער בינע פון מעדיסאָן סקווער גאַרדען. סאַקאָ און וואַנזעטי, דעבס, די קרבנות פון לודלאָו און פון טרייענגעל פייער; די ביינער פון די פּיאָנערן־האַרעפאַשניקעס מיט וועלכע עס זיינען פאַרזייט געוואָרען די סטעפּעס פון דער וועסט, די משופּע'דיגע בערג פון די קוילען און מעטאַל מינען אין פענסילווייניע און קאָלאָראַדאָ, די דורכגעשניטענע וועגען־סטענגעס פאַר די אייזענבאַנען וועלכע זיי האָבען געבויט און באַזיגט, — די אַלע לעבען ווידער אין זייערע יורשים — די ארבייטער מאַסען פון היינט, רעפּרעזענטירט אויף דער בינע דורך די אָרגאַניזירטע פרויען־קליידער ארבייטער. אַ ציטער גייט דורך דורך די צענדליגע טויזענדער צושויער. מיט פייערדיגע ווערטער איז אָנגעשריבען אויף יעדען געזיכט לינקאָלנ'ס רוף אין געטיסבורג: „זיי זאָלען ניט האָבען געשטאָרבען אומזיסט”.

הזכרת נשמות.

די קאָנווענשאָן דערנענטערט זיך צו איר האַלבוועג צייכען. עס איז שבת מיטאָג צייט. די ערשטע וואָך פון דער קאָנווענשאָן מיט אירע דעמאָנסטראַציעס, באַגריסונגס רעדעס, פאַרזיילונגען און קאָקוסען, דורכגעפלאָכטען דאָ און דאָרט מיט טיילווייזע קאָמיטעס באַריכטען, באַשלוסען און דיסקוסיעס, איז אַריבער. די דעלעגאטען זיצען מידע אין קאַרנעגי האָל ביי די טישען און טראַכטען פון די גוטע זאַכען וואָס די אַראַנדזשמענטס קאָמיטע האָט צוגעגרייט פאַר'ן וויק־ענד.

אין זאַל איז הייס. די לופט, אָנגעזאָפּט מיט פייכטקייט, פאַרשלעפּערט. די אויגען קלעפּען זיך. די רעדעס אויף דער פּלאַטפאָרמע קלינגען אָפּ אויף אַן אומזיכטבאַרער קאַנטע פון אונטער־טענער וואָס זשומען אין זאַל.

פּלוצלונג דערהערט זיך אַ שטילער ברומען. מינאָרנע אָרגעל־טענער פילען אָן די לופט. אַ זיסער אָטעם שפּרייט זיך און קלאַמערט אין דעם עולם. דער כאָר מאַרשירט אַריין אין זאַל. די פרויען אין זייערע ווייס־בלויע קאָסטיומען, די מענער אין שוואַרצע אַנצוגען. אַ קירכען אַטמאָספערע באַהערשט דעם זאַל.

אין זאַל ווערט טונקעל. פּראָזשעקטאָרען ליכט פאַרפלייצט דעם צענטער פון דער בינע. פּרעזידענט דובינסקי, אין מיטען פון דעם ליכט קרייז, מיט געבויגענעם קאָפּ און מיט טרערען אָנגעזאָפּטער שטימע איז מזכיר נשמות די געפאַלענע אין אונזערע רייען. אַ מורמעל טראָגט זיך אין זאַל ווי יום־כיפור צו כל־נדרי.

נעמען קלינגען פון אייגענע און נאָענטע. נעמען פון די אַלע וואָס זיינען אין די דריי יאָר זינט דער לעצ־

טער קאָנווענשאָן פון אונז אוועק. יעדער באַצייכענט מיט זיין פּלאַץ וואָס ער האָט פאַרנומען אין דעם לעבען פון אונזער באַוועגונג. פאַרשידען זיינען געווען די מענשען און פאַרשידען דער פּלאַץ וואָס זיי האָבען פאַרנומען. דזשאָהן דייטש און רעימאָנד אינגערסאָל; ש. יאַנאָווסקי און חיים ווינבערג; וויס־פּרעזידענט דעסטי און דער פרישער מאַרטירער פון לאָקאַל 48, וויטאָ טערימאַרקאָ וואָס איז ערשט לעצטען מאָנאַט ערמאָרדערט געוואָרען פון א סקעב באָס אין ברוקלין; און צווישען די אַלע שניידט זיך אריין דער הספד אויף דעם פאַרשטאָרבענעם טשאַרני וולאַדעק, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבען געווידמעט דעם קאמף פאר פריהייט און גערעכטיגקייט און געדינט די אַרבייטער אידעאַלען אויף די פאַרשידענסטע געביטען.

דער עולם שטייט מיט געבויגענע קעפּ און מיט טרערען פאַרנעפּעלטע אויגען צו עהרען דעם אָנדענק פון די געפאַלענע. איבער'ן זאַל טראָגט זיך דער געזאַנג פון כאָר. דער ברומען פון די באַסען און באַריטאָנס, די כליפּענדיגע אַלטען און סאָפּראַנאָס באַגלייט פון אָרגעל זינגען דעם לעצטען געבעט פון דעם רעוואָלוציאָנערען דיכטער דוד עדעלשטאַט, זיין צוואה, „אַ גוטע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבען".

דער עולם שטייט ווי פאַר'כישופט'. די הערצער זיינען צעשמאָלצען אין די פלאַמען פון ווייטאָג און ליבע. אין זכרון טויכען אויף געשטאַלטען פון די פירער און קעמפער וואס זיינען פריהער ארויסגעריסען געוואָרען פון אונזערע רייהען. די גייסטער פון דעם גאַנצען פּיאָנערן־דור פון דער אינטערנעשאָנעל, וועלכע האָבען מיט זייער בלוט געבויט די פונדאַמענטען פון דער איצט מעכטיגער יוניאָן. די געשטאַלטען פון זיגמאַן, שלעזינגער, לאַנדאַן און די אַלע טויזענדער נאָמענלאָזע אומבאַקאַנטע סאָלדאַטען שוועבען אום איבער'ן זאַל. און פּלוצלונג — פון הינטער'ן פאָרהאַנג פון דער בינע, הויך איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמעלטע נידערען ארונטער לאַנגזאַם די פּנים'ער פון זעקס פון אָט די פירער. ריזיגע פּאָרטרעטען פון שלעזינגער, זיגמאַן, באַראָף, הילקוויט, מאַיר לאָנדאָן און וולאַדעק שוועבען אין דער לופט, ווי זיי וואָלטען קומען באַגריסען דער אינטערנעשאָנעל וואָס זיי האָבען געהאָלפען בויען, מיט איר פערציג יאָריגען יובילעי און זיך פרייען מיט איר דערפאָלג.

די עלטערע דעלעגאַטען, די וואָס האָבען די פירער געקענט און וויסען וואָס זיי האָבען אויפגעטאָן פאַר דער יוניאָן, ווערען היגעריסען. איינגע פאַרגעסען אז דאָס איז אַן הזכרת נשמות נאָך די פאַרשטאָרבענע. עס דוכט זיך זיי אַז דאָס זיינען געקומען די אַלטע פירער אין פלייש און בלוט, צו פרייען זיך מיט דער שמחה. איינגע אַפּלאָדירען. באַלד אָבער כאַפּען זיי זיך אויף ווי פון שלאָף. זיי דערמאָנען זיך און ווערען אנטשוויגען. די יונגע דעלעגאַטען קוקען אויף די ניי־אומבאַקאַנטע פּנים'ער אויף די לייוואַנטען און פילען אומבאַוואוסט א ציטער פון פאַרגעטערונג. פּרעזידענט דובינסקי'ס שטימע קלינגט עטוואָס העכער. ער באַקענט די יונגע יורשים מיט די פריערדיגע פירער פון דער יוניאָן. זיין שטימע רופט און פאָדערט:

„איר נייגעקומענע אין אונזער אָרגאַניזאַציע, איר פירער וועלכע האָבען איבערגענומען און טראָגען ווייטער דעם פאַקעל, איר דאַרפט זיך באַקענען ,ניט בלויז מיט דער געשיכטע פון אונזער יוניאָן. נאָר אויך מיט די ביאָגראַפיעס פון אָט די וויכטיגסטע פירער אונזערע. ווען זיי וואָלטען דאָ קענען אַנוועזענד זיין, ווען זיי וואָלטען קענען בייוואוינען דאָס וואָס מיר זעהען דאָ פאַר זיך, וואָס פאַר אַ גרויסע באַלוינונג און גליק דאָס וואָלט פאַר זיי געווען פאַר די פילע יאָרען פון ליידען, אנטוישונג און אנטמוטיגונג וואָס זיי האָבען דורכגעמאַכט?"

דובינסקי'ס שטימע טראָגט זיך איבער'ן זאַל ווי דער רויש פון פאַרשטיקטע פייקלעך ביי א לוית. ער דערציילט די יונגע פון די ליידען און קאַמפען וואָס די פירער האָבען דורכגעמאַכט; פון די פיזישע און גייסטיגע יסורים אונטער וועלכע זיי האָבען געאַרבייט און געקעמפט, קיין מאָל ניט ארויסלאָזענדיג די פאָן פון האַנד.

זיין שטימע ווערט שטאַרקער און מוטיגער. די פאַרגאַנגענהייט טרעט ביסלאַכווייז אָפּ פאַר דער געגענוואַרט. הונדערטע יונגע מוטיגע אויגען קוקען ארויף מיט עהרפורכט צו די בילדער פון די פאַרשטאָרבענע און מיט ליבע צו די וואָס האָבען ווי אַ בריק געדינט צווישען דער שווערער פאַרגאַנגענהייט און דער האָפנונגספולער צוקונפט. דער טרויער טריט אָפּ דעם פּלאַץ דעם רעליגיעזען עקסטאַז. איבעראַל קלינגען אָפּ די טענער פון „נייע מאַרייש".

אמתיע אַרבעטער דעמאָקראַטיע

צוריקבליקענדיג אויף דער קאָנווענשאָן, אויף די פיגורען און פּאַסירונגען וואָס זיינען דורכגעגאַנגען פאַר אונז אין משך פון די צוויי וואָכען, איז שווער אויסצוקלייבען וועלכע מאָמענטען עס זיינען געווען די שטאַרקסטע, וועלכע פּערזאָנען עס האָבען זיך טיפער איינגעשניטען אין זכרון מיט זייערע רעדעס אָדער אויפטריטען. איין איינציגער שטריך אָבער גייט דורך די אַלע זיצונגען וועלכע מען קען ניט פאַרגעסען. איין פיגור איז צענויפגעקניפּט מיט דעם שטריך און קען ניט אָפּגעטיילט ווערען. דער שטריך איז — אַרבעטער־דעמאָקראַטיע אין דעם פולסטען און שענסטען זינען פון וואָרט. די פיגור איז דער טשערמאַן פון דער קאָנווענשאָן, פּרעזידענט דובינסקי.

איך האָב אין מיין לעבען בייגעוואוינט אַ היפּשע ביסעל אַרבעטער צוזאַמענקונפטען, פון קליינע לאָקאַלע פאַרזאַמלונגען ביז אַרבעטער קאָנגרעסען. איך האָב געלערענט צו זען, ניט נאָר דאָס וואָס עס טוט זיך אויף דער זייט בינע נאָר אויך הינטער'ן פאָרהאַנג, דאָרט וואו די שטריקלאַך ווערען געצויגען. אויסערליך, איז ביי די אַלע צוזאַמענקונפטען פאַראַן דעמאָקראַטיע. מען רעדט און מען האַמפּערט זיך. מען דיסקוטירט און מען באַשליסט. די מערהייט רעגירט. אַלץ ווי עס פּאַסט זיך אין אַ דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע.

דאָס איז אָבער בלויז אויסערליך. אַנדערש קוקט עס אויס הינטער די קוליסען. פאַראַן וועגען, „דעמאָקראַטישע", ווי אַזוי צו דערשטיקען מיינונגען, און די וועגען ווערען אָפט גענוצט אומ'ברחמנות'דיג. אונזער אינטערנעשאָנאַל קאָנווענשאָן האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איר אמתיער דעמאָקראַטיע, מיט דער דעמאָקראַטיע וואָס טאָלערירט די מיינונג פון אַ געגנער, אַפילו ווען די מיינונג און דער געגנער זיינען פאַרהאַסט ביז צו גאַל.

דריי מאָמענטען זיינען געווען ביי דער קאָנווענשאָן, וואו אָט די אמת'ע דעמאָקראַטיע האָט זיך ארויסגעוויזען אין איר גאַנצער קראַפט און שיינקייט. די דריי מאָמענטען זיינען געווען ווען די פאַר קאָמוניסטישע דעלעגאַטען זיינען ארויסגעטראָטען געגען רעקאָמענדאַציעס פון די קאָמיטעס וואָס האָבען געהאַט הינטער זיך די באַגייסטערטע צושטימונג פון 99 פּראָצענט פון די דעלעגאַטען. די שטימונג פון דעם עולם איז געווען אַ ביטערע געגען די קאָמוניסטען. געווען צווישען זיי אַ צאָל וואָס האָבען פאַרלאָרען דעם געדולד און ניט געוואָלט זיי אויסהערען. מיט דער גרעסטער קראַפט, אָבער, האָט פּרעזידענט דובינסקי באַשיצט זייער רעכט אויף ארויסברייגען זייער מיינונג. צייטענווייז האָט מען געזען, אַז ער מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג ביי צוקומען זיינע אייגענע געפילען פון כעס און עקעל געגען ביי זווילִיגע פּראָוואָקאַציעס. ער האָט אָבער זייַנע אייגענע געפילען און דעם עולם באַהערשט. די פרייע רעדע פון אַ געגנער, פון וועלכען עס איז געגנער, טאָר ניט אונטערדריקט ווערען.

וויס־פּרעזידענט האָכמאַן באַריכטעט פאַר דער רעזאָלוציאָנס קאָמיטע איבער אַ גאַנצער רייע רעזאָלוציעס וועגען צוויליע פרייהייטען אין אַמעריקע. צווישען זיי, ווערט שאַרף קריטיקירט די דייעז־קאָמיטע פאַר אירע דיקטאַטאָרישע מעטאָדען און פאַר איר רעאַקציאָנערע און איינזייטיגע אונטערזוכונג וואָס זי האָט געמאַכט, ניט אָנרירענדיג די פאַשיסטישע כנופיות. די קאָמיטע זאָגט זיך ארויס פאַר אויפלייזען די דייעז־קאָמיטע און באַשטימען אָנשטאָט איר אַ געמיינשאַפטליכע קאָמיטע פון קאָנגרעס און סענאַט, וועלכע זאָל אויפדעקען די פינסטערע מעשים פון די אַלע באַהאַלטענע שונאים פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע.

באַרוכאָוויץ נעמט דאָס וואָרט. ער באַשולדיגט דער קאָמיטע, אַז זי איז פריינדליך צו דער דייעז קאָמיטע דערפאַר וואָס יענע האָט אונטערזוכט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און ער פאַלט אריין אין טעות צו מאַכען דערפון אַ קאָמוניסטישע אישו. דער עולם ווערט אומרוהיג. די שנאה צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און צו אירע פּאַרטיידיגער רייסט זיך דורך אין געלעכטער און צורופען. איינער מאַכט אַ פּאָינט אָוו אָרדער. וויס־פּרעזידענט זימערמאַן אָבער ווענדעט דובינסקי האָט איבערגעגעבען דעם טשער פאַר דער זיצונג, לאָזט אים ניט אונטערברעכען. עס טרעטען אויך אויף צוויי אַנדערע קאָמוניסטען. כמעט אַ העלפט פון דער גאַנצער צאָל פּאַרטיי־לייט וואָס זיינען דאָ ביי דער קאָנווענשאָן. זיי אַלע קריגען דאָס וואָרט און ווערען אויסגעהערט. די וויס פּרעזידענטען האָכמאַן און אַנטאָניני ענטפערען אויף זייערע טענות. ענט־

פערען שאַרף. האָכמאַנס גאַליגער סאַרקאַזם שניידט ווי מיט מעסערס. עס רעדען אויך דובינסקי און אַנטאָניני. די פראַגע ווערט גענומען צו אַן אָפּשטימונג. אַלע דעלעגאַטען שטימען פאַר דער רעקאָמענדאַציע פון דער קאָמיטע. זעקס שטימען דאַגעגען. זעקס געגען זעקס הונדערט עטלאַכע פערציג. אָבער דאָס רעכט פון די זעקס אויסצודריקען זייער מיינונג איז אומבאַרירבאַר.

ענליכע סצענעס זיינען פאָרגעקומען ביי דער רעקאָמענדאַציע פאַר אַ דריטען טערמין פאַר רוזוועלט'ן אַלס פּרעזידענט און ביים באַשלוס זיך צוריק אָנצושליסען אין דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. די זעלביגע מענשען זיינען ארויסגעטראָטען געגען די רעקאָמענדאַציעס. ביי די ביידע געלעגענהייטען איז דער עולם געווען גוואַלדיג אויפגערעגט. די קאָמוניסטען זיינען אין זייערע רעדעס געווען שענדליך פּראָוואָצירענד. באַצייכענען רוזוועלט'ן אַלס אַרבעטער־שונא און יוניאָן־ברעכער, גלייך נאָכדעם ווי כמעט דער גאַנצער טויזענט קעפּיגער עולם האָט דורכגעפירט אַ דעמאָנסטראַציע פאַר פּרעזידענט רוזוועלט, וואָס האָט אָנגעהאַלטען כמעט אַ האַלבע שעה, האָט זיך געפאָדערט אַן אומגעהייערע חוצפּה. טראָץ דעם אָבער האָט מען זיי געלאָזט רעדען און אויסגעהערט. אַזאַ טאָלעראַנטע האַלטונג פון דער קאָנווענשאָן צו קאָמוניסטען, ספּעציעל פון אינטערנעשאָנאַל מיטגלידער, וועלכע געדענקען נאָך די באַהאַנדלונג וואָס געגנער האָבען געקראָגען פון די קאָמוניסטען אַמאָל, ווען זיי, די קאָמוניסטען, זיינען געווען בעלי בתים פון דער ניו יאָרקער אָרגאַניזאַציע, איז דער שענסטער שטריך וואָס מען האָט געקענט באַגעגענען ביי אַ טרייד יוניאָן קאָנווענשאָן.

און, ווי געזאָגט, איז אָט דער אמת דעמאָקראַטישער גייסט וואָס האָט זיך ארויסגעוויזען ביי דער קאָנווענשאָן, געווען צונויפגעקניפּט און דירעקט פאַרגעשטאַמט פון דעם פירער פון דער אינטערנעשאָנאַל, פּרעזידענט דובינסקי. זיין דעמאָקראַטישע האַלטונג אין גרויסע ווי אין קליינע זאַכען האָט געמוזט האָבען איר ווירקונג אויף אַלעמען ארום. איך ווייס ניט, צום ביישפּיל, פון קיין אַנדער יוניאָן, וואו מען האָט געקענט טרעפען דעם פּרעזידענט זיך פאַראינטערעסירען פּערזענליך מיט דער קלענסטער קלייניגקייט פאַר דער באַקוועמליכקייט פון יעדען איינציגען מיטגליד און זען אַז ער זאָל ניט געקריוודעט ווערען. און דאָס מערקווירדיגסטע אין די אַלע זאַכען איז, וואָס די מיטגלידער נעמען עס אָן פאַר נאַטירליך, זיי פילען גאָר ניט אַז דאָס איז עטוואָס אויסערגעוויינליך. עס איז געוועז מערקווירדיג צו זען דעם פּרעזידענט פון אַ מעכטיגער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן, דעם פירער פון אַ פערטעל מיליאָניגער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, ארומלויפען אין 16טע גאַס אַן אַ היטעל ערב דער עפענונג פון דער קאָנווענשאָן צו זען, אַז יעדער דעלעגאַט זאָל האָבען אַ באַקוועמען פּלאַץ אויפ'ן אָמניבוס צו פאָרען צום מעדיסאָן סקווער גאַרדען; זען דובינסקין זיצען ביי אַ טישעל און עסען דינער אין פאַר־צימער אין קאַסטען קלאָב, אום די אַנדערע זאָלען האָבען פּלאַץ צו זיצען און זען די „פלאָר שאָו". קלייניגקייטען, דוכט זיך. אָבער עס זיינען אָט די קלייניגקייטען וואָס שפּיגלען אָפּ דעם גייסט פון דעם מענשען. עס איז אָט דער גייסט וואָס שפּיגעלט זיך אָפּ אויף די גרויסע זאַכען. די גאַנצע דעמאָקראַטישע פירונג פון דער אינטערנעשאָנאַל איז אַ פּראָדוקט פון אָט דעם גייסט.

אויפן פרידענס־הויף ביי דער וועלט־אויסשטעלונג

קאָנווענשאָנס האָבען אַ טאָפּעלטען צוועק. דער הויפּט־צוועק איז אַ צוזאַמענקונפט פון פאַרטרעטער פון די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אַ סך־הכל פון די דערגרייכונגען און באַשליסען וועגען פּראָגען און פּראָבלעמען. דער צווייטער צוועק איז צו דעמאָנסטרירען פאַר די אייגענע מיטגלידער און פאַר דער אויסערליכער וועלט די מאַכט פון דער יוניאָן, אירע אידעאַלען און די אויפגאַבען וואָס זי האָט זיך געשטעלט.

אויך די קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט געהאַט פאַר זיך די צוויי אויפגאַבען. די ערשטע אויפגאַבע איז דורכגעפירט געוואָרען ביי די זיצונגען אין קאַרנעגי האָל, וואו עס איז איבערגענומען געוואָרען די באַריכטען פון דער גענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד, דער אָרגאַניזאַציאָנעלער באַריכט און דער פינאַנץ־באַריכט; וואו עס זיינען אויסגעהערט געוואָרען די באַריכטען און פאָרלאַגען פון די פירער און פאַרטרעטער פון די פאַרשידענסטע אָפּטיילונגען פון דער אינטערנעשאָנאַל איבער'ן גאַנצען לאַנד; וואו עס זיינען פאַר־האַנדעלט געוואָרען די הונדערטע רעזאָלוציעס איבער

אַלערליי פּראָגעס און פּראָבלעמען. די צווייטע אויפֿגאַבע איז דורכגעפֿירט געוואָרן דורך די דעמאָנסטראַציעס אין האָל ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן; דורך דער אײנדרוקספֿולער ערעפֿענונג פֿון דער קאָנווענשאָן אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען; דורך די באַריכטן וועגן דער קאָנווענשאָן וואָס האָבן פֿאַרנומען פּלומנען אין אַלע צייטונגען איבער׳ן גאַנצן לאַנד. די אײנדרוקספֿולסטע און מעכטיגסטע דעמאָנסטראַציע פֿון דער קאָנווענשאָן, אָבער, איז געווען די פֿאַרזאַמלונג פֿון די הונדערטער און פֿינף און צוואַנציג טויזנט מיטגלידער און פֿרײַנד וויערע אין דעם הויף פֿון פֿרײַדן ביי דער וועלט־אויסשטעלונג, זונטאָג, דעם 2טען יוני.

אַפֿילו די וועלט־אויסשטעלונג, וואָס איז געוואוינט צו ריזיגע מאַסן מענשן, צו לעבעדיגע פֿרעהליכע און יום־טוב׳דיגע מאַסן, האָט נאָך, דוכט זיך, אַזוינס ניט געזען. פֿון אַלע טויערן דורך אַלע אַרײַנגאַנגען האָבן געשטראָמט די יום־טוב׳דיגע מאַסן. אַנגעטאָן אין די ספּעציעלע מיליטערישע, רויט־בלויע היטעלאַך מיט דעם עמבלעם פֿון דער אינטערנעשאַנאַל אויף דער זייט, האָט עס אויסגעקוקט ווי אַן אַרמיי פֿון פֿרידען און פּראָגרעס האָט דעם ריזיגן פֿעלד פֿאַרנומען. די שטראָמען מענשן האָבן פֿון אַלע זייטן זיך אַרײַנגעגאָסן אין דעם גרויסן סקווער. נאָך מיט אַ שטונדע איידער די פּראָגראַם האָט זיך געדאַרפֿט אָנהייבן, איז שוין דער ריזיגער סקווער געווען אין גאַנצן באַזעצט און מאַסן מענשן וואָס האָבן קיין פּלאַץ ניט געפֿונען זײַנען געשטאַנען אַרום דעם צאַם ווי אַ לעבעדיגע וואַנט.

די לופֿט אַרום איז אויך געווען יום טוב׳דיג. דער הימל ווי געפּאָלדירעוועטער האָל בלויער זייד. לייכטע, ווייסע וואָלקענדלאַך געקנייטשט און געטריבן פֿון מילדע ווינטלאַך האָבן זיך פֿויל באַוועגט ביים האָריזאָנט. די זון, אַ לאַכעדיגע, האָט שטיפֿעריש געשליידערט סנאָפּעס גאָלד אויף מענש און ערד. גייסטיגע גליקזעליגקייט און ערדישע פֿרייד האָט זיך געשפּרייט אויף די פּנים׳ער. אַ מין געמיש פֿון שמחת תורה און רוימישער קאַרניוואַל האָט געשאַפֿן אַן אייגנטימליכע אַטמאָספֿערע צווישן די מאַסן.

און אַזוי איז אויך געווען די פּראָגראַם וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אויף דער בינע. לייכטע פֿאָלקסמוזיק, געמישט מיט קלאַסישע קאָמפּאָזיציעס, הומאָריסטישע קופּלעטן פֿלעכטן זיך צונויף מיט דער אָרקעסטראַלער סאָציאַלער קאַנטאַטע „מענש, ערוואַך!" געזונגען פֿון אינטערנעשאַנאַל כאָר באַגלייט פֿון אָרקעסטער. און אום דער עולם זאָל ניט צופֿיל אַוועקגעריסן ווערן פֿון דעם ערנסטן מאָמענט דורך דעם לייכטן, שפּילעוודיגן געפֿיל פֿון רו און צופֿרידנקייט, זײַנען די רעדעס אַזוינע ערנסטע, די טעמעס אַזוינע דרינגענדע, אַז ניט ווילנדיג דערפֿילט יעדער דעם פֿינסטערן דראָהענדן שטורם וואָס טראָגט זיך איבער דער וועלט און סטראַשעט מיט פֿאַרניכטונג אַלץ וואָס איז שיין און ווערטפֿול אין אונזער לעבן. שוין אין זײַן ערעפֿענונגס־רעדע, האָט וויצע־פּרעזידענט פֿיינבערג אָנגערירט די אינטערנאַציאָנאַלע געפֿאַר און גערעדט וועגן העלפֿן באַשיצן די דעמאָקראַטיע אין לאַנד. סענאַטאָר וואַגנער האָט ברייט פֿאַנאַנדערגעוויקעלט די פּראָגראַם פֿון דער רעגירונג פֿאַר באַוואָפֿענונג און גלייכצייטיג די באַשיצונג פֿון די אַרבעטער־רעכטן און דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פֿון די מאַסן. אין דעם זעלבן זין האָט אויך גערעדט מרס. רוזוועלט.

פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, איז דער דריילינג וואָס טיילט אָפּ דעמאָקראַטיע פֿון טיראַניי. אָט דער דריילינג באַהערשט די אינטערנעשאַנאַל, די דעמאָקראַטישסטע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, און האָט זיך בולט אַנגעוויזן ביי איר גרעסטער דעמאָנסטראַציע אין פֿרידענס־הויף פֿון דער וועלט־אויסשטעלונג. די ערשטע דאַמע פֿון לאַנד, די פֿרוי פֿון דעם פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניגטע שטאַטן, קומט אַדרעסירן אַן אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונג און רעדט צו די אינטים, ניט פֿון אויבן אַראָפּ נאָר ווי אַ גלייכע צו גלייכע, וועגן דער באַדײַטונג פֿון דעמאָקראַטיע, וועגן די רעכטן און פֿליכטן פֿון יעדן יחיד; וועגן דער געפֿאַר פֿון אָנפֿאַרליערן אײנעמס רעכטן און פֿאַראַנטוואָרטליכקייטן צו ווערן עס איז, מעג ער זײַן אַפֿילו דער בעסטער און גרעסטער. אויסגעצייכנט האָט דעם געדאַנק אויסגעדריקט פּרעזידענט דובינסקי ווען ער האָט פֿאָרגעשטעלט מרס. רוזוועלט. ער האָט געזאָגט:

„אונזער אָרגאַניזאַציע, די אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן . . . האָט אַ מערהייט פֿון אירע מיטגלידער, פֿרויען וועלכע אַרבעטן זייט ביי זייט מיט מענער־אַרבעטער אונטער די זעלביגע אַרבעטס־באַדינגונגען און אין פֿולשטענדיגער גלייכהייט.

„פֿאַר די צענדליגע טויזנטער פֿרויען האָט אונזער יוניאָן געבראַכט אין משך פֿון איין דור, פֿרייהייט פֿון ליידן און סוועט שאַפּ; אַ מאָס פֿון עקאָנאָמישער זיכערקייט און מענשליכע אַרבעטס־באַדינגונגען. אָט די פֿרויען פֿייערן איצטער דורך זייער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן אַ גרויסע געשעהעניש אין דעם לעבן פֿון זייער אָרגאַניזאַציע — דעם פֿערציגסטן געבורטס־טאָג פֿון איר עקזיסטענץ. עס איז זייער פֿאַסיג און מיר זײַנען גליקליך צו האָבן ביי דער געלעגנהייט פֿון דעם יום־טוב, ביי דעם יום־טוב פֿון דער גרעסטער פֿרויען טרייד יוניאָן אין אַמעריקע, די ערשטע דאַמע פֿון לאַנד, וועלכע איז אַליין אַ שטאַרק־גלויביגע אין אַרבעטער־רעכט און אין פֿרויען־גלייכהייט אין יעדן לעבנס־געביט . . ."

ניט־גודס יוניאָן אין קאַמף אויף אַלע פֿראָנטן

די ניט־גודס אַרבייטער יוניאָן לאָקאַל 155, אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון ברודער לואיס נעלסאָן, איז איצט פֿאַרנומען מיט צוויי וויכטיגע אויפֿגאַבן. ערשטענס, גייט באַלד אויס דער אַגרימענט מיט די בעלי־בתים אין דער ניט־גודס אינדוסטריע אין ניו יאָרק און די יוניאָן גרייט זיך אויף יעדן פֿאַל וואָס זאָל פֿאָרקומען, צו האַנדלען שנעל און טיכטיג. צווייטענס, האָט די יוניאָן אין זינען די אינטערעסן פֿון די ניט־גודס אַרבייטער איבער׳ן גאַנצן לאַנד, באַגרייפֿנדיג, אַז די אינדוסטריע אין אַלע מאַרקעטס איז ענג צונויפֿגעבונדען און פֿאַרקניפּט און די לאַגע פֿון די אַרבייטער אין איין שטאָט מוז זיך אָפּשפּיגלען און באַווירקן די סטאַנדאַרדס פֿון די אַרבייטער אין גאַנצן לאַנד. לאָקאַל 155 האָט דעריבער אויף זיך גענומען די אויפֿגאַבע צו העלפֿן מיט אַלע כחות די ניט־גודס סטרייקער אין דער פֿאַבריק פֿון גאַנטנער און מאַטערן אין סאַן פֿראַנציסקאָ וועלכע פֿירן אַן אַ ביטערן קאַמף געגען אַ לאָק־אַוט פֿון זייער פֿירמע פֿאַר די לעצטע עטליכע מאָנאַטן.

גענעראַל סטרייק אויטאָריזירט

וועגן די צוגרייטונגען פֿאַר באַנייען דעם אַגרימענט אין ניו יאָרק, וועלכער גייט אויס דעם 15טען יולי, האָט דער מענעדזשער, לואיס נעלסאָן, באַריכטעט וועגן דער לאַגע צו דער קאָנווענשאָן און די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסן צו געבן דעם לאָקאַל יעדע מאָראַלע און פֿינאַנציעלע שטיצע אין פֿאַל די בעלי בתים זאָלן בלײַבן אײַנגעשפּאַרט אין די פֿאַרהאַנדלונגען און עס זאָל מוזן קומען צו אַ גענעראַל סטרייק אין טרייד.

די יוניאָן האָט אויך געהאַלטן אַ קאָנפֿערענץ פֿון די שאָפּ־טשערלייט פֿון טרייד אין יוניטי הויז, שבת, דעם 15טען יוני. נעלסאָן האָט ביי דער קאָנפֿערענץ איבערגעגעבן די שאָפּ־טשערלייט די פֿאָדערונגען פֿון דער יוניאָן און די געגען־פֿאָדערונגען פֿון די בעלי־בתים, און אָנגעוויזן ווי גערעכט און מעסיג די פֿאָדערונגען פֿון דער יוניאָן זײַנען. די שאָפּ־טשערלייט האָבן אײנשטימיג אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, געבענדיג דער פֿירערשאַפֿט פֿולמאַכט צו רופֿן אַ גענעראַל־סטרייק אין טרייד אויב דאָס זאָל זײַן נויטיג.

די שטימונג צווישן די טשערלייט ביי דער קאָנפֿערענץ איז געווען אַ מונטערע און אַנטשלאָסענע. די פֿאָדערונגען וואָס זייער יוניאָן שטעלט די בעלי־בתים צו דעם נײַעם אַגרימענט זײַנען: 1) אַז די דזשאָבערס אין דער אינדוסטריע זאָלן זײַן פֿאַראַנטוואָרטליך פֿאַר די באַדינגונגען פֿון די אַרבייטער אין די שעפּער וואָס מאַכן זייער אַרבייט, און 2) אַ וואָך וואַקיישאָן מיט געצאָלט פֿאַר אַלע אַרבייטער אין טרייד סיי זיי אַרבייטן צו יענער צייט אָדער ניט. נעלסאָן האָט אָנגעוויזן, אַז עס זײַנען די דזשאָבערס אין טרייד וואָס מאַכן די גרעסטע פּראָפֿיטן פֿון דער פּראָצע פֿון די אַרבייטער און עס איז ניט מער ווי רעכט, אַז זיי זאָלן טראָגן זייער טייל פֿאַראַנטוואָרטליכקייט פֿאַר די באַדינגונגען, פּונקט ווי דאָס איז שוין אײַנגעפֿירט געוואָרן אין די קלאָוק און דרעס טריידס. ער האָט אויך אָנגעוויזן, אַז ווען די יוניאָן זאָל נאָכגעבן די געגען־פֿאָדערונגען פֿון די בעלי־בתים, וואָלטן די אַרבייטער פֿאַרלאָרן אַלע געווינסטן וואָס זיי האָבן געוואונען דורך שווערן קאַמף און קרבנות.

די קאָנפֿערענץ איז אויך אַדרעסירט געוואָרן פֿון וויצע־פּרעזידענט טשאַרלס זימערמאַן, וועלכער האָט פֿאַרטראָטן דער אינטערנעשאַנאַל. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער רעזאָלוציע וועגן שטיצן די ניט־גודס אַרבייטער אין פֿאַל פֿון אַ סטרייק וואָס איז אָנגענומען געוואָרן ביי דער קאָנווענשאָן און האָט אויך פֿאַרזיכערט אַז לאָקאַל 22, פֿון וועלכן זימערמאַן איז מענעדזשער, וועט איצט, ווי אַלע מאָל, זײַן גרייט צו העלפֿן די ניט־גודס אַרבייטער אין זייער קאַמף, ניט נאָר פֿינאַנציעל, נאָר אויך אַקטיוו אויף דער פּיקעט־ליין. זימערמאַנס פֿאַרשפּרעכן איז אויפֿגענומען געוואָרן פֿון די פֿאַרזאַמעלטע מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

אויך די פֿילאַדעלפֿיער ניט־גודס אַרבייטער יוניאָן לאָקאַל 190 האָט דורך אײנעם פֿון אירע פֿאַרטרעטער ביי דער קאָנפֿערענץ, ברודער מייער עדעלסאָן, פֿאַרשפּראָכן פֿולע שטיצע דער ניו יאָרקער שוועסטער־יוניאָן, אָנווײַזנדיג אַז דער פֿילאַדעלפֿיער לאָקאַל איז אָרגאַניזירט און אויפֿגעבויט געוואָרן מיט דער הילף פֿון נעלסאָן און דעם ניו יאָרקער לאָקאַל.

די קאָנפֿערענץ האָט דאַן אײנשטימיג אָנגענומען די פֿאָלגענדע רעזאָלוציע:

„מיר ווייסן, אַז אַלס קאָנסטרוקטיווער און סטאַביליזירענדער כח אין דער אינדוסטריע איז אונזער פֿירערשאַפֿט ניט פֿאַראינטערעסירט אַרײַנצוברענגען דאָרט כאָאָס און אומאָרדנונג. אויב מיר זאָלן געצוואונגען זײַן צו רופֿן אַ גענעראַל־סטרייק אין טרייד, וועט עס דעריבער זײַן בלויז איבער דער אײַנגעשפּאַרטקייט פֿון די בעלי־בתים און די ניט נאָכגעביגע שטעלונג וואָס זיי זאָלן האָבן גענומען...

„אין אָנבאַטראַכט פֿון די פֿאַקטן, אויטאָריזירן די שאָפּ־טשערלייט און גיבן פֿולמאַכט דער פֿירערשאַפֿט צו נעמען די נויטיגע שריט און מיר שטעהען גרייט צו יעדער מינוט צו פֿאַרמירען אונזערע רייען אויף דער פּיקעט־ליין און דורך קאַמף צו רעאַליזירען די גערעכטע פֿאָדערונגען פֿון די ניט־גודס אַרבייטער".

קאַמף געגען גאַנטנער און מאַטערן

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם קאַמף געגען דער יוניאָן־ברעכערישער פֿירמע פֿון סאַן פֿראַנציסקאָ, גאַנטנער און מאַטערן, וועלכע האָבן אויסגעשלאָסן זייערע אַרבייטער, האָט לאָקאַל 155 איבערגענומען די הויפּט־פֿירערשאַפֿט פֿון דעם קאַמף געגען דער פֿירמע אין די מזרח־שטאַטן. עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן אַן איסטערן אָפֿיס פֿון דער סטרייק קאָמיטע, אין אָפֿיס פֿון דער ניט־גודס אַרבייטער יוניאָן אין 1027 בראָדוויי, ברוקלין, פֿון וואַנען עס ווערט אָנגעפֿירט די סטרייק־טעטיגקייט אין ניו יאָרק און די ארומיגע געגענדען. די יוניאָן היט קודם כל אַז קיין ניו יאָרקער שאָפּ זאָל נישט מאַכן די סטרייק־אַרבייט פֿאַר דער פֿירמע. זיי האָבן דורכגעפֿירט אַ רייהע פּיקעט־דעמאָנסטראַציעס ארום אָפֿיס פֿון דער גאַנטנער און מאַטערן פֿירמע אין ניו יאָרק, און זיי זוכן צו געווינען די סימפּאַטיע פֿון די סטאָר־קיפּערס און די קאַסטאָמערס ניט צו קויפֿען די בעידינגס־סוטס געמאַכט פֿון די טרייק־ברעכער.

אין פֿאַרבינדונג מיט דעם גאַנטנער און מאַטערן סטרייק, האָט לאָקאַל 155 דורכגעפֿירט אַן אײנדרוקספֿולע דעמאָנסטראַציע ביי דער קאָנווענשאָן פֿון דער אינטערנעשאַנאַל אין קאַרנעגי האָל ווען דזשעני מעטהיעס, וועלכע פֿירט אָן דעם סטרייק, האָט באַריכטעט צו דער קאָנווענשאָן. אַ צאָל מיטגלידער פֿון דער ניט־גודס אַרבייטער־יוניאָן, אָנגעטאָן אין בעידינג סוטס, האָבן מאַרשירט דורכ׳ן זאַל מיט פּלאַקאַטן אויספֿאָדערנדיג די פֿאַרזאַמעלטע ניט צו נוצן די סטרייק־ברעכערישע סחורה פֿון דער פֿירמע און לאָזן וויסן זייערע פֿרײַנד און שכנים און אויך די יוניאָנס אין די שטעט און שטעטלאַך פֿון וואַנען זיי קומען, אַז די פֿירמע איז אויף דער „אַנפֿעיר ליסט" פֿון דער יוניאָן.

פּרעזידענט דובינסקי האָט פֿאַרזיכערט די דעמאָנסטראַנטן, אַז די אינטערנעשאַנאַל וועט ניט שפּאָרן קיין מי און קיין געלט אָנצופֿירן דעם קאַמף געגען דער פֿירמע, ביז אַ זיג. מעג עס אַפֿילו נעמען יאָרן לאַנג, וועט די יוניאָן דעם קאַמף קיין פֿאַל ניט אויפֿגעבן.

פֿונ׳ם אינטערנאַציאָנאַלען אַרבעטער־לעבן

פֿון דר. יוסף קיסמאַן.

אין מאָמענט, ווען עס ווערן געשריבן די שורות, איז נאָך נישט אונטערגעשריבן געוואָרען דער פֿרידען צווישן דער באַזיגטער פֿראַנקרייך און דעם זיגרייכען נאַצי־לאַנד. עס זייַנען ביז איצט אַפֿילו נישט באַקאַנט די גענויע באַדינגונגען פֿון דעם שלום־אָפּמאַך, וואָס היטלער און מוסאָליני האָבען אויסגעאַרבעט פֿאַר זייער אומגליקליכען קרבן. דאָך ווייסט מען אָבער דאָס אײנע, אַז אַ טויט־אורטייל איז דער היטלער־פֿרידען פֿאַר פֿראַנקרייך, אַ טויט־אורטייל פֿאַר דער דעמאָקראַטיע פֿון אייראָפּע.

וועט פֿראַנקרייך אונטערשרייבען איר אייגענעם טויט־אורטייל? על כל פנים — יאָ. אָבער — אַפֿילו אָן דעם היטלעריסטישן שלום־אָפּמאַך איז די דעמאָקראַטיע אין פֿראַנקרייך שוין איצט אַ געמאָרדעטע, זייַנען די לעבענס־רעכט פֿון די אַרבעטער שוין אָפּגעווישט, זייערע אָרגאַניזאַציעס, זייערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַוועגונגען שוין ליקווידירטע.

אין דער שפּיץ פֿון דער רעגירונג אין פֿראַנקרייך שטייט היינט אַ קליקע פֿון די סאַמע שוואַרצסטע רעאַקציאָנערען און פֿאַשיסטען, מענשען, וואָס האָבען נאָך מיט יאָרען צוריק געמאַכט קאָנספּיראַציעס געגען דער פֿראַנצויזישער דעמאָקראַטיע, געשמידט קאָמפּלאָטען, אַרויסצורופֿען אַן אינערלאַכע איבערקערעניש, מיט דער הילף פֿון די פֿאַשיסטישע רעזשימען אין איטאַליע און דייטשלאַנד — דער אמת׳ער אייגענטער קאָלום. דאָס האָט מען זיי אַרויסגעשטעלט איצט אַלס די רעגירערס פֿון דער באַזיגטער פֿראַנקרייך, כלומרשט צוליב דעם כּדי זיי זאָלען נושא חן זײַן ביים פֿאַשיסטישען זיגער. פֿאַקטיש אָבער דערפֿאַר, ווייל די פֿאַשיסטישע רעאַקציע אין פֿראַנקרייך האָט געהאַלטען דעם איצטיגען מאָמענט פֿאַר׳ן ריכטיגען אַרויסצולעגען דעם פֿאַשיסטישען יאָך אויף די געפּענטעטע מאַסען.

פֿאַשיזם טריאומפֿירט. דאָס איז מער ווי אַ מיליטערישער זיג, מער ווי פּאָליטישע פֿרעמד־הערשאַפֿט איבער פֿראַנקרייך — דאָס איז דער גרעסטער סאָציאַלער איבערברוך פֿון זינט עס עקזיסטירט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג. צי וועלן טאַקע די זיגער, היטלער און מוסאָליני, פֿאַרנעמען מיליטעריש דאָס גאַנצע לאַנד, צי וועלען זיי דערלאָזען לפֿנים אַ געוויסע זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג, איז אייגענטליך שוין אַלץ איינס. אָט איז דאָס בילד פֿון אייראָפּע, ווי זי באַווייזט זיך אין איצטיגען מאָמענט:

פֿונ׳ם ווייטען נאָרוועגישען צפֿון, מיט זײַן אייביגען אייז און שניי, ביז צום ליבליכען דרום פֿון דער פֿראַנצויזישער ריוויערא, מיט איר אייביק בלויען הימעל, פֿונ׳ם ענגלישען קאַנאַל ביז צו די באַלטישע מלוכות און די ברעגעס פֿון בוג, ווייקסעל און דניעסטער — מיט איין וואָרט: איבער דער גאַנצער לענג און כמעט איבער דער גאַנצער ברייט פֿון אייראָפּע — פֿלאַטערט די פֿאָן מיט דער סוואַסטיקע. און אויף יענער זייט פֿון דער נאַצישער גרענעץ שפּרייט זיך אויס, ביז צום פּאַסיפֿישען ים, דאָס „סאָציאַליסטישע" זעקסטעל פֿון ערד־קוגעל, — סטאַלינ׳ס מלוכה, מיט אירע צענדליגער מיליאָן פֿאַרשקלאַפּטע פֿעלקער אין אייראָפּע און אַזיע...

אַ סרויעריג בילד!

אָבער די מלחמה איז נאָך לאַנג נישט פֿאַרענדיגט. די בריטישע אימפּעריע מיט אירע קאָלאָסאַלע רעסורסען שטייט אין קאַמף און — אויפ׳ן עקאָנאָמישען פֿעלד האָט זיך דער פֿאַשיזם נאָך נישט באַגעגענט מיט זײַן תּריפֿה־שונא, מיט׳ן אַרבעטער־קלאַס פֿון דער ציוויליזירטער מערב־אייראָפּע.

דאָס איז אַן אומבאַזיגבאַרע מאַכט. אָבער — דערווייל איז פֿינסטערע נאַכט איבער אייראָפּע.

אַ קאָנטינענט, אַ גאַנצער, פֿון סקעב־אַרבעט

פֿאַראַן איצט אויף דער וועלט דרײַ סיסטעמען פֿון דיקטאַטור: נאַציזם—פֿאַשיזם—באָלשעוויזם. אין דער טעאָריע זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידנקייטן צווישן די דאָזיגע דרײַ סיסטעמען, אין פּראַקטישען לעבען זײַנען זיי פֿאַר די אַרבעטער און פֿאָלקס־מאַסען דאָס אייגענע: טאָטאַלע שקלאַפֿערײַ.

אויף דער מאַפּע פֿון אייראָפּע זײַנען נאָך פֿאַרבליבען איניגע קליינע לענדער, כלומרשט זעלבסטענדיגע און אומאָפּהענגיגע. איז דאָס אָבער ערשטענס נישט מער ווי אַ פּאַפּירענע זעלבשטענדיגקייט. פֿאַקטיש געפֿינען זיי זיך אין די נעגעל פֿון די טאָטאַליטאַרע מלוכות; צווייטענס, זײַנען די מערסטע צווישען זיי שוין סיי ווי סיי פֿאַשיסטישע (די באַלקאַנישע מלוכות).

נאַציזם האָט אַ טענדענץ אָפּצומעקען די קאָמפּליקאַציעס פֿון לעבען, די פֿאַרשידענקייטען, וואָס זײַנען נאַטירליכע ערשיינונגען פֿון פֿרייער אַנטוויקלונג. דאָס גאַנצע לעבען מוז ווער „גלייכשאַלטען", כּדי עס לייכטער צו צוטרעטען מיט׳ן גראַביאַנישען שטיוועל פֿון דיקטאַטור. וועט היטלער שוין פֿאַרטיג ווערען מיט דער פֿאַפּירענער זעלבשטענדיגקייט פֿון די פֿאַרבליבענע מלוכות אין אייראָפּע און — מיט די פֿאַרשיידענקייטען אין די דרײַ טאָטאַליטאַרע סיסטעמען (אויב עס זײַנען נאָך פֿאַראַן אַזעלכע) וועט ער זיך אויך אַן עצה געבען. ביי מוסאָליני׳ן וועט אים די „גלייכשאַלטונג" נישט אָנקומען שווער און וואָס ס׳איז שייך זײַן פֿריינד און וואָפֿען־ברודער סטאַלין איז די גרויסע אָפּרעכענונג צווישען די בײדע דיקטאַטאָרס סיי ווי סיי אָפּגעלעגט געוואָרען נאָר אויף אַ קורצער צייט...

ווי אַזוי דאָס זאָל נישט זײַן, בלייבט אָבער דער ביטערער פֿאַקט, אַז די גאַנצע פּראָדוקציע פֿון אייראָפּע איז פֿאַרוואַנדעלט געוואָרען אין . . . סקעב־אַרבעט. אָט דער פֿינסטערער גורל האָט געטראָפֿען דעם קאָנטינענט, וואָס איז די מוטער פֿון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע; די לענדער מיט די העכסט אַנטוויקעלטע אינדוסטריעלע פּראָדוקטיוו־קרעפֿטען; די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, וואָס זײַנען געווען די פּיאָנערען פֿונ׳ם פּאָליטישען אַרבעטער־קאַמף און פֿון טרייד־יוניאָניזם פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

גראָד אין דער לעצטער צייט, ערב דעם אָנפֿאַל פֿון די נאַצישע באַנדעס, האָט די פֿראַנצויזישע יוניאָן־באַוועגונג אָנגעהויבען צו קומען צו זיך, נאָך די שווערע דערשיטערונגען, וואָס זי האָט געליטען צוליב דעם פֿאַרלוירענעם גענעראַל סטרייק אין יאָר 1937 און צוליב דער אָפּשפּאַלטונג פֿון די קאָמוניסטען. אויך די יוניאָנס אין די קלענערע לענדער, וואָס זײַנען פֿאַרפֿלייצט געוואָרען פֿונ׳ם נאַצישען אימפּעריאַליזם — נאָרוועגיע, דענמאַרק, האָלאַנד און בעלגיע — זײַנען געווען גוט־אויסגעבויטע און טיף פֿאַרוואָרצעלטע אָרגאַניזאַציעס אין דער אַרבעטערשאַפֿט. איבעריג צו זאָגען, אַז די גאַנצע טרייד יוניאָניסטישע באַוועגונג אין די פֿאַרכאַפּטע לענדער און בכלל די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין אַלע אירע פֿאָרמען איז חרוב ונחרב געוואָרען.

די מעכטיגע טרייד יוניאָן־באַוועגונג פֿון ענגלאַנד האָט מער פֿאַרבינדונג מיט דער בריטישער וועלט־מלוכה ווי מיט׳ן אייראָפּעאישען קאָנטינענט. זײַנען פֿאַרבליבען נאָך די באַוועגונגען אין צוויי פֿרייע לענדער אין אייראָפּע — שווייץ און שוועדען. וועלכע באַדייטונג קען האָבען די אָרגאַניזירטע אַרבעט אין אָט בײדע קליינע אינזלען אינמיטען אַ ים פֿון סקעב־אַרבעט! און איבער אָט די בײדע לענדער שוועבט דערצו נאָך די שווערד פֿונ׳ם בלוטדורשטיגען און פֿון זיג פֿאַר׳שכור׳טען פֿאַשיזם!

ס׳איז קיין צווייפֿעל נישט, אַז די נאַציס וועלען באַלד איינשפּאַנען די אַרבעטערשאַפֿט פֿון די פֿאַרכאַפּטע לענדער, אַז זי זאָל אַרבעטען פֿאַר דעם נייעם באַלעבאָס, פֿאַר דעם זיגרייכען פֿאַשיזם. אין ערשטער ריי — געווער אין דער מלחמה געגען ענגלאַנד. אָבער אויך אַרטיקלען פֿון אַלגעמיינעם געברויך פֿאַר׳ן וועלט־מאַרק. מיט רעכט באַרימען זיך די דייטשען, אַז זיי זײַנען גוטע אָרגאַניזאַטאָרס. זיי וועלען דאָס ווייזען אַז איבעריגען מאָל ביים צוזאַמענשטעלען די פּראָדוקציע אין די ערשטערע לענדער. די אינדוסטריע אין די חרוב׳ע געגענטען וועט באַלד אויפֿלעבען און אַרויסוואַרפֿען אויפ׳ן וועלט־מאַרק מאַסענהאַפֿט פּראָדוקטען פֿון — סקעב־אַרבעט.

נאָכ׳ן זיג פֿון די נאַציס האָט מען דערפֿילט אין אַמעריקע, אַז דער ברייטער אָקעאַן איז נישט מער קיין גענוג זיכערער שוץ געגען רויבערישע אָנפֿאַלען פֿונ׳ם אייראָפּעאישען פֿאַשיזם. דער אַרבעטער־קלאַס פֿון אַמעריקע אָבער — און ספּעציעל די יוניאָן־באַוועגונג — האָט, ווייזט אויס, נאָך נישט דערפֿילט, אַז אויך פֿאַר די רעכט און די פֿרייהייטען פֿון אָרגאַניזירטער אַרבעט אין אַמעריקע איז דער ברייטער ים נישט קיין גענוג זיכערער שוץ, אַז אייראָפּעאישע שקלאַפֿען־אַרבעט איז די גרעסטע געפֿאַר פֿאַר׳ן הויכען לעבענס־סטאַנדאַרד, צו וועלכען ס׳האָבען זיך דערשלאָגען די אַמעריקאַנער אַרבעטער נאָך אַזוי פֿיל יאָרען פֿון אַרבעט און קאַמף.

אָט דאָס איז טאָטאַלע מלחמה

דער דייטשער „בליץ־קריג" האָט געגעבען דער וועלט אַ לעקציע, וואָס עס מיינט „טאָטאַלע מלחמה". די חכמה פֿון סטראַטעגיע, דער סוד פֿון זיג אין אַלע מלחמות איז: צו קאָנצענטרירען די גאַנצע מאַכט פֿון מאָרד־וואָפֿען אויף איינצעלנע פּונקטען פֿונ׳ם שונא׳ס לאַנד. דאָס איז אַזוי געבליבען ביז צום היינטיגען טאָג. מער נישט די וואָפֿען פֿון מאָרד און פֿאַרניכטונג אין אונזער צייט זײַנען פֿולקאָמענערע, שוידערליכערע געוואָרען ווי ווען ס׳איז ביז אַהער אין דער געשיכטע פֿון מלחמות. אַלע אַנטדעקונגען פֿון דער וויסענשאַפֿט, דער גאַנצער פֿאַרשריט פֿון דער טעכניק, מיט איין וואָרט — אַלץ וואָס די מענשהייט האָט אַרויסגעבראַכט אין הונדערטער יאָרען ציוויליזאַציע, איז געשטעלט געוואָרען אין דינסט פֿון מאַסען־מאָרד.

אָבער די איבערוואָג פֿון באַוואָפֿענטען כּח איז נאָך נישט אַלץ. די מאָרד־מאַשינעס צושטערען נישט בלויז מענשליכע לעבענס און דאָס האָב און גוטס פֿון דער וועלט, זיי צושטערען אויך — זיך אַליין, און זיי ווערען [illegible] צעשטערט פֿון דעם שונא. מוז מען איינשטעלען די גאַנצע פּראָדוקציע פֿונ׳ם לאַנד אויף שאַפֿען געווער הינטער׳ן פֿראָנט בשעת עס פֿלאַקערט דער קאַמף אויפ׳ן פֿראָנט. סוף כּל סוף ווערט אַנטשיידען די מלחמה נישט דורך דעם ערשטען באַוואָפֿנטען כּח, וואָס ווערט אַרייַנגעוואָרפֿען אין פֿייער, נאָר דורך דעם רעזערוו אין מענשען און מאַשינעס, וואָס שטראָמען אָן אויפֿהער אויף די שלאַכטפֿעלדער. דאָס איז פֿריער אויך אַזוי געווען. מער נישט, אין פֿריערדיגע צייטען איז דער פּראָדוקציע־אַפּאַראַט נישט געווען אַזאַ קאָמפּליצירטער ווי אין אונזער היינטיגער צייט.

איינשטעלען די פּראָדוקציע פֿאַר דעם צוועק פֿון מלחמה, הייסט איבער־אָרגאַניזירען דאָס גאַנצע לעבען. אין ערשטער ריי מיינט דאָס — פּלאַנמעסיגקייט פֿון אַרבעט. מען טאָר נישט מער אויסאַרבעטען גלאַט אין דער וועלט אַריין פּראָדוקטען, פֿאַר וועלכע מען קריגט קונים אויפ׳ן מאַרק. די גאַנצע דעה אין דער פּראָדוקציע האָט די רעגירונג. מען מוז שטרענג אויסרעכענען, אויף וואָס אויסצונוצען די רויע מאַטעריאַלען, וועלכע געפֿינען זיך אין לאַנד. מען מוז אָבער אויך אַכטונג געבען אויף דער מענשליכער אַרבעט גופֿא, אַז זי זאָל נישט אַוועקגעגעבען ווערען אויף איבעריגע לוקסוס־אַרטיקלען.

פּלאַנמעסיגקייט צו פּלאַנמעסיגקייט איז נישט גלייך. אויף אַלע געביטען הייסט פּלאַנמעסיגקייט — גרעסערע שפּאָרזאַמקייט. וואָס ס׳איז אָבער שייך אַרבעטס־קראַפֿט, הייסט פּלאַנמעסיגקייט: די שטאַרקסטע אויסנוצונג, ביז פֿאַרשווענדונג. און אַזוי איז טאַקע געאַרבעט געוואָרען אין דייטשלאַנד, אָן אַ שיעור און אָן אַ גרענעץ.

דורך זיבען יאָר האָט דער נאַציזם צוגעגרייט די איצטיגע מלחמה. מענער, פֿרויען און קינדער האָבען געאַרבעט בייטאָג און בײַנאַכט, אין פֿאַבריקען, אויף די פֿעלדער, אונטער דער ערד. מען האָט אויפֿגעבויט די מלחמה־מאַשינעריע מיט׳ן גאַנצען קאָנצענטרירטען כּח פֿון אַ זיבעציג־מיליאָנען פֿאָלק, מיט׳ן כּח פֿון זייערע מוסקלען, מיט׳ן שכל פֿון זייערע געהירן, מיט׳ן בלוט פֿון זייער הארצען. און כּדי די מלחמה־בעסטיע זאָל געהאַלטען ווערען אין גוטען מוט, איז פֿאַבריצירט געוואָרען אַ בלוטדורשטיגע „ליטעראַטור" און „קונסט" און פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַלטען אין איין דונערען דורך זיבען לאַנגע יאָרען איבער די כוואַליעס פֿון דער לופֿט; פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט נישט קיין גלייכען אין דער גאַנצער ביז־איצטיגער געשיכטע פֿון די מענשען. מיט איין וואָרט: די גאַנצע ווירטשאַפֿט איז פֿאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מלחמה־ווירטשאַפֿט, דאָס גאַנצע פֿאָלק אין סאָלדאַטען, דאָס גאַנצע לעבען אין — מלחמה־לעבען.

אָט דער קאָנצענטרירטער כּח פֿון זיבען־יאָריקער שקלאַפֿען־אַרבעט פֿון עטליכע צענדליג מיליאָן מענשען האָט איבערגעריסען אויף די פֿעלדער פֿון פֿלאַנדערן און צפֿון־פֿראַנקרייך און — דער רעזולטאַט איז באַוואוסט.

מענשליכע אַרבעט אין דינסט פון מענשען־מאָרד.

מיר האָבען אויבען אָנגעוויזען, ווי פיל מענשליכער כח עס מוז אָוועקגעגעבען ווערען אין דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט פאַר דעם „אידעאַלען" צוועק צו מאָרדען מענשען און צו פאַרניכטען זייער האָב און גוטס.

אין דייטשלאַנד האָט דער נאַצישער רעזשים געשאַפען אַ גהינום פאַר דער מענשליכער אַרבעט. מען אַרבעט אָן אַ שיעור לאַנגע שטונדען, פאַר קליינע לוינען, וואָס ווערען דערצו נאָך פון צייט צו צייט רעדוצירט. אויף די קליינע לוינען ווערען אחוץ דעם נאָך אַרויפגעלעגט שווערע טעקסעס און „פרייוויליגע"ביישטייערונגען פאַר פאַרשידענע צוועקען פון דער נאַצישער פּאַרטיי. אַ גאַנץ באַדייטענדער חלק פון דער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע ווערט געשאַפען גאַנץ אומזיסט אין די אַרבעטס־לאַגערען פון „פרייוויליגען" אַרבעטס־דינסט, צו וועלכען עס ווערען געצוואונגען מיט געוואַלט יונגע מענשען איבער'ן גאַנצען לאַנד.

אין די דעמאָקראַטישע לענדער פון מערב־אייראָפּאַ האָט דער קאַפּיטאַל נישט געקענט גיין אויף די וועגען פון נאַצי־לאַנד. אָבער אויך אין מערב־אייראָפּאַ זיינען די באַדינגונגען פון אַרבעט אויסערסט פאַרשאַרפט געוואָרען, אין אינטערעס פון דער מלחמה־פּראָדוקציע.

אין פראַנקרייך האָבען די קאַפּיטאַליסטען געפּראָוואָוועט אויסנוצען ליקווידירען די סאָציאַלע געזעצען, וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרען פון דער בלום־רעגירונג. זיי האָבען זיך גענומען צו דער דאָזיגער אַרבעט ביד חזקה. די האָבען זיך אָבער באַצייטענס צוריקגעכאַפּט, צוליב דעם ווידערשטאַנד פון די אייגענע יוניאָנס און, נאָך מער, אונטער דער ווירקונג פון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אין דער פאַרבינדעטער ענגלאַנד. האָט מען זיך געמוזט באַנוגענען מיט'ן פאַרלענגערען די אַרבעטס־צייט, מיט'ן פאַרווערען סטרייקס, מיט רעדוצירען צאָלונגען פאַר אָווערטיים־אַרבעט און מיט אַרויפלעגען טעקסעס אויף'ן אַרבעטס־לוין.

אַ שפּאַר ביסעל אַנדערש איז געווען די לאַגע אין ענגלאַנד.

אין אָט דעם לאַנד, וואָס פאַרמאָגט די מעכטיגסטע טרייד־יוניאָן באַוועגונג פון דער וועלט, האָט די רעגירונג פּראָקלאַמירט אַלס איינעם פון די וויכטיגסטע פּרינציפּען פון דער פּראָדוקציע פאַר נאַציאָנאַלער פאַרטיידיגונג: די האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט מיט די יוניאָנס. ס'איז געשאַפען געוואָרען אַ ספּעציעלער טרייד־יוניאָן־קאָונסיל ביים לייבאָר־מיניסטעריום. ווען ס'איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אין פּאַרלאַמענט אַ ביל, מיט וועלכען עס זיינען געגעבען געוואָרען דעם אַרבעטס־מיניסטער באַזונדערע פולמאַכטען ביים אָרגאַניזירען די מלחמה־פּראָדוקציע, האָט די רעגירונג תיכף צוגעשטימט צו אַן אַמענדמענט פון דער לייבאָר־פּאַרטי, אַז אין אַלע וויכטיגע פראַגען (ווי פאַרלענגערען די אַרבעטס־צייט א. ד. גל.), מוז דער אַרבעטס־מיניסטער קודם אָנפרעגען ביים טרייד־יוניאָן־קאָונסיל. די קאָלעקטיווע אָפּמאַכען זיינען אין ענגלאַנד ווייטער רעספּעקטירט געוואָרען, אפילו דאָס רעכט פון סטרייק איז נישט אָנגערירט געוואָרען אין ענגלאַנד; כמעט אין אַלע אינדוסטריען זיינען געהעכערט געוואָרען די לוינען פון די אַרבעטער.

אַזוי איז די מלחמה־פּראָדוקציע דורכגעפירט געוואָרען אויף דריי וועגען: אין דייטשלאַנד — דורך שקלאַפען־אַרבעט; אין פראַנקרייך — ביי שטאַרק באַגרענעצטער יוניאָן־פרייהייט; אין ענגלאַנד — דורך פרייער יוניאָן־אַרבעט און אין דער ענגסטער קאָאָפּעראַציע צווישען די יוניאָנס און דער רעגירונג.

ווער איז שולדיג — קאַפּיטאַל צי אַרבעט?

די מורא'דיגע מפּלה, וועלכע ס'האָבען געליטען די עלאַיס אויף די פראָנטען פון פלאַנדערן און פראַנקרייך, איז איינגעהילט אין אַ טיפער מיסטעריע. פאַראַן אַ סך סודות, וועלכע וועלען אפשר קיינמאָל נישט אויסגעפּלאַפּלט ווערען פון אַנטאַגאָניסטען איינגעקלערט ווערען. מיר מיינען דאָ אין ערשטער ריי די פראַגען פון „פינפטע קאָלומס" און „טראָיאַנישע פערד". ס'ווערט אָנערקענט פון דער גאַנצער וועלט, אַז די זעלנער פון די עלאַיס האָבען זיך געשלאָגען מיט וואונדערפולען העלדען־מוט. זיי זיינען געפאַלען אין גרויסע מאַסען, אַלס מאַרטירער פאַר זייער דעמאָקראַטישער פרייהייט, פאַר זייער רעכט צו לעבען אַלס פרייע מענשען. קיין פאַררעטעריי זיינען פון זיי נישט באַגאַנגען געוואָרען. אין די הויכע און אין די העכסטע קרייזען פון די עלאַיס איז אָבער נישט געווען איבעריג גרויסע באַגייסטערונג פאַר'ן זיג פון דעמאָקראַטיע. ווי מען זאָגט, זיינען דאָס פיינליכע סודות, וועלכע מען וועט אפשר קיינמאָל נישט אויסגעפינען אויסצושפּרעכען. אויך די פראַגע פון סטראַטעגיע ווילען מיר דאָ אין גאַנצען לאָזען אין אַ זייט; זאָלען זיך מיליטער־לייט ברעכען דעם מוח איבער אָט דער פראַגע.

אונז פאַראינטערעסירט אָבער מער ווי אַלץ די פראַגע פון אַרבעט־סיסטעם אין די דעמאָקראַטישע לענדער און אין די טאָטאַליטאַרע לענדער. ס'איז קיין ספק נישט, אַז געזיגט האָט די שטאַרקערע דייטשע מלחמה־פּראָדוקציע איבער דער שוואַכערער מלחמה־פּראָדוקציע פון די עלאַיס. די נאַציס האָבען געשטעלט אין קאַמף טענקס און עראָפּלאַנען אין אַ סך אַ גרעסערער מאָסע ווי די עלאַיס. נאַצי־לאַנד איז אָרעם אין געלט און אין נאַטירליכע רעסורסען, ענגלאַנד און פראַנקרייך באַלאַנגען צו די רייכסטע לענדער פון דער וועלט. פונדעסטוועגען איז נאַצי־לאַנד אויסערגעוויינליך שטאַרק צוגעגרייט צום קאַמף אויף לעבען און טויט, בשעת די רייכע דעמאָקראַטישע לענדער האָבען אַרויסגעוויזען אַ טראַגישע שוואַכקייט, ממש אָנמעכטיגקייט אין זייער מלחמה־צוגרייטונג. ווער איז שולדיג אין אָט דעם אומגליק?

פאַר פיינט פון דעמאָקראַטיע איז דער ענטפער ניט שווער צו געפינען: די דעמאָקראַטיע איז שולדיג, און ספּעציעל די סאָציאַלע אַרבעטער־געזעצען אין די דעמאָקראַטישע מלוכות — די געזעצליך באַגרעניצטע אַרבעטס־צייט, „קאָלעקטיוו באַרגיינינג", טרייד־יוניאָניזם מיט זיינע שטענדיגע פאָדערונגען פון קירצערע שטונדען און העכערע לוינען. די דערקלערונג איז אַ פּשוט'ע: די באַדערפעניש פון דער מאָדערנער מלחמה זיינען אַזוינע גרויסע, אַז נאָר מיט אומאָרגאַניזירטער אַרבעט, מיט ביליגער אַרבעטס־קראַפט, אָדער נאָר מיט גאַנץ אומזיסטיגער אַרבעט, קען געשאַפען ווערען דער נויטיגער מאַטעריאַל פאַר נאַציאָנאַלער פאַרטיידיגונג. קיין שום נאַציאָנאַלער בטחון איז נישט בכחו אַריבערצוטראָגען די לאַסטען פון מלחמה־צוגרייטונג, אויב די אַרבעט ווערט געהעריג באַצאָלט. אויף'ן מיליטערישען פראָנט האָט געזיגט דער סיסטעם פון נאַצישער שקלאַפען־אַרבעט איבער דעם סיסטעם פון פרייער יוניאָן־אַרבעט.

אויב עס ווערט אָנגענומען פאַר ריכטיג דער דאָזיגער „בפירוש'ער באַווייז", וועלכען ס'האָט געבראַכט דער ביז־איצטיגער רעזולטאַט פון דער מלחמה אין אייראָפּאַ, דאַן מיינט דאָס נישט מער און נישט ווייניגער ווי אָט וואָס: אַרבעטער־געזעצען און טרייד־יוניאָניזם זיינען אַ געפאַר פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיגונג, אַ געפאַר פאַר'ן קיום פון פרייע לענדער. אין אָט דעם זין ווערט טאַקע אָוועקגעשטעלט די פראַגע פון פאַרשיידענע געגנער פון „ניו דיעל" אין אַמעריקע. „דאָס טאָר זיך נישט איבער'חזר'ן דאָ אין לאַנד", שרייט אויס אַ געוויסע ניו יאָרקער צייטונג אין איר עדיטאָריעל. ניו דיל איז, הייסט עס, אַ געפאַר פאַר דער זיכערקייט פון אַמעריקע; מען מוז זיך אומקערען צו שקלאַפעריי...

אַרבייטסלאָזיגקייט און פעטע פּראָפיטען אין מלחמה־צייט

קוקט מען אָבער אַריין אַ ביסעל טיפער אין דער מלחמה־פּראָדוקציע פון די עלאַיס, דאַן שאַפט זיך אַ גאַנץ אַנדער בילד. לאָמיר דאָ איבערגעבען נאָר עטליכע ציפערען פון ענגלאַנד:

ביים אָנהויב פון דער מלחמה זיינען געווען אין ענגלאַנד אַריבער 1 מיליאָן מיט 300 טויזענט רעגיסטרירטע אַרבעטסלאָזע. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכען, האָט זיך ענגלאַנד תיכף גענומען שאַפען אַ גרויסע אַרמיי. גרויסע מאַסען אַרבעטער זיינען געוואָרען סאָלדאַטען. וואָס ווייטער די מלחמה איז אָנגעגאַנגען, אַלץ מער אַרבעטער זיינען אַריינגעצויגען געוואָרען אין דער אַרמיי. און נאָך דעם אַלעמען האָט די צאָל רעגיסטרירטע אַרבעטסלאָזע אין חודש מערץ פון איצטיגען יאָר באַטראָפען — 1 מיליאָן מיט 200 טויזענט פּערזאָן!

אויב מען האָט זיך, אַלזאָ, גענויטיגט אין מער אַרבעטס־צייט פאַר דער מלחמה־פּראָדוקציע, האָבען נישט געפעלט אין ענגלאַנד קיין פרייע אַרבעטס־הענט! פאַר וואָס האָט מען זיי ניט גענומען?

וואָס ס'איז אָבער שייך די קאָסטען־פראַגע אין געלד, איז עס אַ פאַקט, אַז לויט די אייגענע סטייטמענטס פון דער בריטישער אינדוסטריע אין ענגלאַנד זיינען געמאַכט געוואָרען פון'ם קאַפּיטאַל אומגעהויער גרויסע געווינסען אין דער מלחמה־פּראָדוקציע! ס'איז כדאי דאָ צו דערמאָנען נאָר איין כאַראַקטעריסטישען פאַקט: ווען די נאַציס האָבען פאַרכאַפּט נאָרוועגיע, זיינען די פּרייזען פון געוויסע מעטאַלען אין ענגלאַנד פאַר דער מלחמה־אינדוסטריע תיכף געשטיגען מיט צענדליגער פּראָצענטען (קופּער, למשל, מיט 100 פּראָצענט). אָט דער גרעסטער אומגליק, פון'ם שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיגונג, איז אויסגענוצט געוואָרען פון קאַפּיטאַליסטישע ספּעקולאַנטען פאַר זייערע פּראָפיטען.

אויב מען זוכט חסרונות אין דער מלחמה־פּראָדוקציע פון די דעמאָקראַטישע לענדער, קען מען זי געפינען נאָר אויף דער זייט פון קאַפּיטאַל מיט זיינע מיליאָנען־פּראָפיטען, נישט אויף דער זייט פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעט מיט די טיילווייזע לוין־העכערונגען, וואָס באַטרעפען גראָשענס אין אַרבעטער־בודזשעט.

ס'איז טאַקע נישט דערלאָזבאַר, אַז די אינדוסטריע, וואָס דאַרף פאַרטיידיגען דעם קיום פון דער נאַציע, זאָל ליגען אין די הענט פון פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטען. אָט וואָס עס דערווייזט די צו שוואַכע מלחמה־צוגרייטונג אין ענגלאַנד און פראַנקרייך.

און אפשר איז דאָס נאָך נישט אַלץ. מעגליך, אַז פאַר די ריזיגע דעפעקטען אין דער מלחמה־צוגרייטונג פון די עלאַיס איז אויך פאַראַנטוואָרטלאַך עפּעס אַ פינצטער קאָלום אין די הויכע קרייזען, וועלכער איז דערווייל נאָך באַהאַלטען אונטער אַ טונקעלען שלייער.

„ראַסיסטישע" אַרבייטס־באַדינגונגען אונטערן נאַצישען יאָך

דער בולעטין פונם אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטס־אַמט גיט איבער עטליכע דאַטעס וועגען די אַרבייטס־באַדינגונגען פון די „מינדערע" ראַסען אין פּוילען און טשעכאָסלאָוואַקיע אונטער דער נאַצישער הערשאַפט: ביי שטאַטישע און מלוכה'שע אַרבייטען באַקומען פּאָליאַקען דעם האַלבען לוין ווי דייטשע אַרבייטער פאַר דער זעלבער אַרבייט. פּוילישע אַרבייטער־ספּעציאַליסטען קריגען צוויי דריטעל לוין ווי דייטשע ספּעציאַליסטען פאַר דער זעלבער אַרבייט. עס מוז דאָ נאָך באַמערקט ווערען, אַז אפילו דער גאַנצער לוין, וואָס ווערט געצאָלט דעם „פּול־ראַסיגען" דייטשען אַרבייטער, קלעקט אויך ניט צום לעבען. אַ האַלבער אָדער צוויי דריטעל חלק פונם לוין איז אפילו צום הונגערען צו ווייניג.

אַ קורצע צייט אידער די נאַציס זיינען אַריין אין טשעכאָסלאָוואַקיע, זיינען אויפגענומען געוואָרען אין דייטשלאַנד אַ גרויסע צאָל טשעכישע אַרבייטער מיט פעסטע קאָנטראַקטען אויף אַ באַשטימטער צייט פאַר פעלד־אַרבייטען. נאָכדעם ווי די נאַציס האָבען פאַרכאַפּט טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט די רעגירונג די קאָנטראַקטען ערקלערט פאַר בטל. די אַרבייטער לאָזט מען ניט צוריק אַהיים פאָרען און מען צווינגט זיי, ווי שקלאַפען, צו אַרבייטען שווער פאַר גאַנץ קליינע לוינען, ביי אַ לאַנגער אַרבייטס־צייט.

לויט דער דאָזיגער לאַגע אין מזרח־אייראָפּע קען מען זיך שוין גרינג אויסמאָלען, וואָס פאַר אַ מין אַרבייטס־רעזשים די נאַציס וועלען איינפירען אין זייערע ניי דעראָבערטע לענדער אין מערב־אייראָפּע.

אַרבייט און קאַפּיטאַל אונטער דיקטאַטאָרישען מלחמה־רעזשים אין ענגלאַנד

באַלד נאָכדעם ווי די נאַציס זיינען אַריינגעפאַלען אין האָלאַנד און אין בעלגיע, איז אויך אין ענגלאַנד די גאַנצע פאָלקס־ווירטשאַפט, דאָס גאַנצע לעבען פון פאָלק בכלל געשטעלט געוואָרען אונטער דער אַבסאָלוטער הערשאַפט פון דער רעגירונג. דאָס געזעץ פון 22טען מאַי („עמוירדזשענסי פּאַוערס דעפענס אַקט") גיט דער רעגירונג די אומבאַגרעניצטע מאַכט סיי איבער דער מלוכה אַלס אַ גאַנצע סיי אפילו איבערן לייב און לעבען פון יחידים. אויף דער טאָטאַלער מלחמה פון נאַציזם האָט אויך די ענגלישע דעמאָקראַטיע געמוזט ענטפערען מיט אַ טאָטאַלען רעזשים איבערן באַדראָטען לאַנד. לויט דעם דאָזיגען געזעץ דיקטירט די רעגירונג די אַרבייטס־באַדינגונגען און דער אַרבייטער מוז אַרבייטען, ניט פרעגענדיג אויף שטונדען און לוין. די רעגירונג מעג אָבער אויך דעם אַרבייטער אָוועקשיקען פון זיין היים אויף אַ פּלאַץ, וואו זי נויטיגט זיך אין זיין אַרבייט. זי מעג שיקען אַרבייטער פון לאַנדאָן קיין אויסטראַליע, אַז זיי זאָלען זיך שטעלען אַרבייטען דאָרטען, אָדער קיין קאַנאַדע, און די אַרבייטער מוזען פאָלגען, אַזוי ווי סאָלדאַטען אויפן פראָנט מוזען קעמפען דאָרטען וואו מען באַפעלט זיי. פאַרגעסען זיינען די קאָלעקטיווע אָפּמאַכען. מען אַרבייט היינט אין ענגלאַנד שוין 12 שעה אַ טאָג און לענגער און מען אַרבייט זיבען טעג אַ וואָך. מיט איין וואָרט: אַלע בירגער פון ענגלאַנד זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין סאָלדאַטען, דאָס גאַנצע פאָלקס־לעבען איז — מלחמה־לעבען ווי אויפ'ן פראָנט.

אָבער דאָך איז „טאָטאַלע מלחמה" אין ענגלאַנד ניט דאָס אייגענע ווי אין דייטשלאַנד אָדער אין וועלכער עס איז אַנדערער דיקטאַטור־מלוכה. אין ענגלאַנד האָט מען ניט ליקווידירט קיין יוניאָנס, מען האָט זיי אפילו ניט געשטעלט אונטער אַ באַזונדערער אויפזיכט. מאַרקערט,

אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג

»«

(איבערדרוק)
פון ש. פ.

אויפריכטיגע פריינד פון דער אַרבייטער באַוועגונג האָבן שוין לאַנג איינגעזען און געוואָרענט, אַז די שפּאַלטונג אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג און דער ברודער־קאַמף וואָס ווערט אָנגעפירט פון די געגנערישע טיילען שטעלען אין געפאַר אַלע געווינסען וואָס די אַרבייטער האָבן זיך דערשלאָגן דורך די סאָציאַלע געזעצן אין משך פון די לעצטע עטליכע יאָר. דעם מאָנאַט זיינען פאָרגעקומען צוויי פּאַסירונגען וואָס האָבן באַוויזען די ריכטיגקייט און די אַקטועלקייט פון אָט דער געפאַר.

פון אַלע אַרבייטער געזעצן וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען דורך דער צייט פון דער ניו דיל אַדמיניסטראַציע אין וואַשינגטאָן, איז דער וואַגנער לעיבאָר רילעישאָנס עקט, דער וויכטיגסטער פאַר די אָרגאַניזירטע אַרבייטער, און דערפאַר דאָס פאַרהאַסטעסטע געזעץ ביי די פאַרביסענע רעאַקציאָנערען איבער'ן גאַנצען לאַנד. דער לעיבאָר רילעישאָנס געזעץ איז דער פונדאַמענט, אויף וועלכען אַלע אַנדערע סאָציאַלע געזעצן מוזען זיך שטיצן, ווייל דער געזעץ גיט לעגאַלע אַנערקענונג די יוניאָנס און צווינגט די בעלי בתים צו אַנערקענען זיי און פאַרהאַנדלען מיט זיי איבער אַרבייטס באַדינגונגען. אַפילו די פּראַקטישע דורכפירונג פון דעם שטונדען־שכירות געזעץ, די עלטער פּענסיע און אַרבייטסלאָזען פאַרזיכערונג געזעץ וועלען דורכגעפירט ווערען אין לעבען בלויז אויף אַזוי פיל, ווי עס וועלען זיין מעכטיגע יוניאָנס וואָס וועלען כסדר היטען אַז זיי זאָלען דורכגעפירט ווערען. ווי די פּראַקטיק האָט באַוויזען אין פאַל פון פילע אַנדערע אַרבייטער געזעצן.

דאָס ווייסען אויך די פאַרביסענע געגנער פון אַרבייטער, ווי די נעשאַנאַל אַסאָסיאיישאָן אָוו מאַנופעקטשורערס, די טשעמבער אָוו קאָמערס און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון אינדוסטריאַליסטען און פינאַנסירען. זייער פּרעסע, זייערע פאַרטרעטער אין קאָנגרעס און סענאַט און אַלע אַנדערע אַגענטען זייערע האָבן דעריבער קאָנצענטרירט זייער שטאַרקסטען פייער אין דער אַטאַקע אויף דעם לעיבאָר רילעישאָנס געזעץ.

האָט מען דאָך געקענט ערוואַרטען, אַז אויך די פירער פון די אַרבייטער וועלען פאַרשטיין די וויכטיגקייט פון דעם געזעץ און וועלען אים פאַרטיידיגען מיט אַלע מיטעל געגען די אַטאַקעס פון די בעלי בתים. אין אָנהויב איז טאַקע געווען אַזוי. ווען די טרויעריג־באַרימטע „סמיטה קאָמיטע" האָט אריינגעבראַכט אירע מאַיאָריטעט רעקאָמענדאַציעס צו אַמענדירען דעם וואַגנער אַקט, זיינען געגען די אַמענדמענטס אַרויסגעטראָטען די פירער סיי פון דער סי. אַי. אָ. און סיי פון דער אַמעריקען פעדערישאָן אָוו לעיבאָר. די פּראָגרעסיווע עלעמענטען אין לאַנד זיינען דעריבער געווען זייער רואיג. מען איז געווען זיכער, אַז די ענדערונגען וועלען קיין מאָל ניט קריגען אַ מאַיאָריטעט אין קאָנגרעס. ספּעציעל האָט מען גערעכענט, אַז די געזעץ־געבער אונזערע וועלען ניט וואַגען צו שטימען פאַר דעם אין אַ יאָר פון אַלגעמיינע וואַהלען. דעם מאָנאַט איז אָבער געשען דאָס וואָס קיינער האָט נישט געקענט פאָראויסזען. דער פּרעזידענט פון דער א. פ. אָו ל., וויליאַם גרין, האָט געגעבען זיין צושטימונג צו די סמיטה אַמענדמענטס נאָכדעם ווי קאָנגרעסמאַן סמיטה האָט איינגעשטימט איינצושליסען עטליכע ענדערונגען וואָס די פעדערישאָן האָט פאַרלאַנגט. מיט דער גוטהייסונג און ברכה פון דער גרעסטער אַרבייטער־פעדעראַציע פון לאַנד, איז דער געזעץ־פּראָיעקט אָנגענומען געוואָרען אין קאָנגרעס מיט צוויי־דריטעל מערהייט.

די אַמענדמענטס וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען דערהרג'ענען פּאַקטיש דעם לעיבאָר רילעישאָנס געזעץ. דער געזעץ גיט די קאָורטס דאָס רעכט אויסצוהערען אַפּילס געגען באַשלוסען פון דער לעיבאָר באָארד און באַשטימען אויב זיי האָבן געאורטיילט ריכטיג לויט די באַוויזען. דער געריכט קען דאַן אומוואַרפען דעם אורטייל פון דער באָארד. דאָס מיינט, אַז יעדעס מאָל ווען אַ באָס וועט איינאָרדענען אַ קאָמפּאַני יוניאָן, וועט אָנטזאָגען אַרבייטער אָדער דיסקרימינירען געגען זיי דערפאַר וואָס זיי זיינען געטרייע יוניאָן־לייט אָדער באַגיין אַנדערע פאַרברעכענס געגען געזעץ, און די באָארד וועט אים באַפוילען אויפצוגעבען די פּראַקטיק, וועט דער באָס קענען אַפּעלירען אין די געריכטען און וועניגסטענס פאַרציהען די דורכפירונג פון דעם אורטייל יאָרען־לאַנג. אָנטזאָגטע אַרבייטער וועלען דערווייל בלייבען אויסער אַרבייט. אַן אַנדער ענדערונג איז, אַז מאָגען שכירות פאַר פאַרלאָרענער צייט קען מען בלויז פאַר איין יאָר און ניט מער. דער אַרבייטער וועט דעריבער מוזען מיד ווערען זיך לאָדענדיג און אויפגעבען דעם קאַמף. דער פּונקט וואָס שליסט אויס פון די בענעפיטען פון געזעץ יעדען אַרבייטער „וואָס איז באַגאַנגען אומגעזעצליכע טאַטען אָדער באַנוצט זיך מיט גוואַלד־מיטלען אין אַ סכסוך מיט אַרבייטס־געבער" גיט פּאַקטיש באָסעס אַ מעגליכקייט צו אָנטזאָגען זיך צוריקנעמען צו דער אַרבייט אַלע אַקטיווע סטרייקער. עס איז גענוג ווען איינער ווערט פאַר'משפּט אויף אַ פּרעים אָפּ, אַז ער האָט געשלאָגען אַ סקעב, אַז ער זאָל ניט קענען קריגען זיין דזשאָב צוריק. ווי אַזוי אַזוינע „פּרעים אָפּס" ווערען געמאַכט אויף סטרייקער, ווייס יעדער אַרבייטער וואָס האָט אַמאָל געסטרייקט. די אַנדערע ענדערונגען אין דעם געזעץ זיינען אויך ניט פיל בעסער. דאָך האָט פּרעזידענט גרין זיי גוטגעהייסען צוליב דעם צווייפעלהאַפטען זיג וואָס דאָס גיט אים ביים צווינגען די באָארד צו אַנערקענען פאַך־יוניאָנס ווען אַ מאַיאָריטעט אַרבייטער פון איין פאַך אין אַ גרויסע פאַבריק פאָדערט עס.

עס איז פאַר יעדען אײנעם קלאָר, אַז ניט גרין און ניט אַן אַנדער פירער פון דער פעדערישאָן וואָלטען ווען עס איז איינגעשטימט אויף אַזוינע ענדערונגען אין געזעץ, ווען ניט דער פאַרשאַלטענער ברודער־קריג אין די אַרבייטער־רייען.

לואיס בייַנקט נאָך די „גוטע האָוווער־יאָרען"

די צווייטע געשעהעניש דעם מאָנאַט, וואָס, לויט מיין מיינונג, דאַרף צוגעשריבען ווערען צו דעם ברודער־קריג אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג, איז דזשאָהן ל. לואיס' פּלוצלונגע, ניי־אויפגעפלאַמטע ליבע צו הערבערט הואָווער.

זאָגט אייך. וואָס איר ווילט. כאָטש די וואָס האָבן געקענט לואיס'ן אין די גוטע אַלטע צייטען, האָבן אים קיין מאָל נישט געהאַלטען פאַר אַ געוואַלדיגען ראַדיקאַל; כאָטש עס איז אַן אַלגעמיין באַקאַנטער פאַקט, אַז ביז דער שפּאַלטונג אין דער פעדערישאָן איז לואיס געשטאַנען אידעאָלאָגיש פיל נענטער צו ביל האַטשעסאָן און זיין גרופּע רעפּובליקאַנער, ווי ער איז געשטאַנען צו די פּראָגרעסיווע עלעמענטען; האָט דאָך קיינער זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט ביי דער איצטיגער לאַגע אין לאַנד, אין מיטען זיין רעוואָלוציאָנערער ראָליע אין דער סי. אַי. אָ., אַרויסקומען פאַרטיידיגען דעם געוועזענעם הונגער־פּרעזידענט פון אַמעריקע — הואָווער'ן מיט זיינע ברעד־ליינס; מיט זיין עצה צו די מיליאָנען אַרבייטסלאָזע צו פאַרקויפען עפּעל; אַז ער וועט אַרויסקומען פאַרטיידיגען דעם געוועזענעם פּרעזידענט וועלכער האָט פאַרשפּראָכען „אַ הון אין יעדען טאָפּ" און געבראַכט דאָס לאַנד צו אַ שטופע, אַז אַפילו „קרופּניק מיט נישט" איז געוואָרען אַ לוקסוס אין פילע אַרבייטער־היימען.

די ליבעס ערקלערונג צו הואָווער'ן האָט לואיס געמאַכט ביי אַ קאָנפערענץ פון דעם „פאַרבאַנד פאַר דער פאַרבעסערונג פון די קאָלירטע ראַסען", וואָס איז געהאַלטען געוואָרען אין פילאַדעלפיע ערב דער קאָנווענשאָן פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. אין זיין רעדע, איז לואיס געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי צו ערקלערען הואָווער'ן פאַר דעם וואָס האָט פאַרענדיגט דעם קריזיס אין לאַנד און באַשולדיגען רוזוועלט'ן, אַז צוליב אים און זיינע פּאָליסיס איז דער קריזיס פאַרלענגערט געוואָרען מיט זיבען יאָר מער. „רוזוועלט — האָט לואיס געזאָגט — האָט געמאַכט דעפּרעסיע און אַרבייטסלאָזיגקייט אַ כראָנישע ערשיינונג אין אַמעריקאַנער לעבען... בלויז זעלבסטזיכטיגע פּאָליטישענס באַשולדיגען הואָווער'ן. הואָווער'ס פּאָליסיס צו קאָאָפּערירען מיט אַנדערע פעלקער האָבן געהאַט אַ מעכטיגע ווירקונג אין אָנהויבען די ערהאָלונג נאָך אין 1932".

ווי אַנדערש קען מען ערקלערען אַזאַ ערשיינונג אין דעם אַמעריקאַנער טרייד יוניאָן לעבען ווי בלויז מיט דעם, וואָס דער האַס צו דער אַמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר און צו אַלץ וואָס האָט מיט איר מגע ומשא האָט ביי לואיס'ן איינפאַך אָוועקגערויבט דאָס לעצטע ביסעל שכל הישר? שוין ניט רעדענדיג וועגען אידעאַליזם און אָנשטענדיגקייט, איז דאָך לואיס אַלעמאָל געווען אַ פּראַקטישער פירער, ווי ער אַליין פלעגט זיך באַצייכענען, סאַ ווי האָט ער ריזיקירט זיין גאַנצען פּרעסטיזש, זיין נאָכפאָלגערשאַפט אין דער סי. אַי. אָ., וועלכע ער ווייסט זייער גוט אַז די איבערוועגענדע מערהייט זייערע, איז פאַר רוזוועלט און דעם „ניו דיל".

און לואיס האָט נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטען אויף אַן ענטפער טאַקע פון זיינע אייגענע יוניאָנס. אַכצען פאַרטרעטער פון לאָקאַל יוניאָנס אין דער טעקסטיל אינטערנעשאָנאַל און אין דער יונייטעד ריטייל און האָלסעיל עמפּלאָיס אָוו אַמעריקע האָבן גלייך אָוועקגעשיקט שאַרפע פּראָטעסט־טעלעגראַמען געגען לואיס'ס רעדע צו די זעקס וויים־פּרעזידענטען פון דער סי. אַי. אָ. אויפפאָדערענדיג זיי צו ערקלערען עפענטליך, אַז לואיס האָט אין דעם פאַל ניט גערעדט פאַר דער אָרגאַניזאַציע נאָר פאַר זיך אַליין. אין דער טעלעגראַמע זאָגען זיי:

„מיט דער טיפסטער ערגערניש און ענטוישונג האָבען מיר געלייענט דעם סטעיטמענט וואָס די פּרעסע שרייבט־צו צו פּרעזידענט דזשאָהן ל. לואיס, פאַרדאַמענדיג דעם ניו דיעל וועלכער זאָל האָבן ,געמאַכט דעפּרעסיע און אַרבייטסלאָזיגקייט פאַר אַ כראָנישען פאַקט אין אַמעריקאַנער לעבען', פאַרדאַמענדיג דעם פּרעזידענט'ס פאַרטיידיגונגס־פּראָגראַם אַלס פאַנטאַסטישער פאַרשלאַג פון אַ מוח אין פולען אינטעלעקטועלען צוריקטריט', און פאַרטיידיגענדיג די ברויט־ליינס פון הואָווער'ס רעזשים.

אָט די אָנזיכטען האָבן ניט די שטיצע פון אונזערע מיטגלידער און סיידען עס וועט געמאַכט ווערען קלאָר אַז זיי רעפּרעזענטירען ניט מיט זיך די סי. אַי. אָ. און זיינען בלויז די פּערזענליכע אָנזיכטען פון דזשאָן ל. לואיס. וועלען זיי שעדיגען דעם וואוילזיין פון אונזערע יוניאָנס".

בידע פליגלען איינשטימיג אויף דער שוץ־פּראָגראַם פאַרין לאַנד

אויף איין פּונקט שיינט צו הערשען איינשטימיגקייט צווישען די פירער פון בידע פליגלען אין דער אַמעריקאַנער טרייד יוניאָן באַוועגונג. דאָס איז איבער דעם פּראָגראַם פון שוץ און באַוואָפענונג פאַר'ן לאַנד. דער עקזעקוטיוו־קאָונסיל פון דער פעדערישאָן און די גענעראַל עקזעקוטיווע פון דער סי. אַי. אָ. האָבן בידע זיך אַרויסגעזאָגט דעם מאָנאַט, פאַר דער רעגירונגס־פּראָגראַם פון באַוואָפענונג און גלייכצייטיג געפאָדערט אַ פאַרטרעטערשאַפט פון די אַרבייטער אויף די גרופּען וואָס וועלען באַשטימען די פּאָליסי און אַז די לעבענס־באַדינגונגען און אַרבייטס־סטאַנדאַרדס זאָלען באַשיצט ווערען.

אַז די אַרבייטער באַוועגונג איז בלוטיג פאַראינטערעסירט אין דעם אופן ווי אַזוי די באַוואָפענונגס־פּראָגראַם וועט דורכגעפירט ווערען פון דער רעגירונג, איז דוכט זיך איבעריג אָנצואווייזען. איבער די געשעהענישען אין אייראָפּע איז די גאַנצע הילפס־פּראָגראַם פאַר די אַרבייטסלאָזע אריינגעשטויסען געוואָרען אין די קאָנטראָ־ ...

די יוניאָנס זיינען ווייטער טעטיק אַזוי ווי ביז איצט און די רעגירונג זוכט אויך ווייטער זייער קאָאָפּעראַציע. דער מיניסטער פון אַרבייט בעווין, וועלכער האָט, לויט דעם נייעם „פּאַוער"־געזעץ, די פונקציע פון אַ מין אַרבעטס־דיקטאַטאָר, איז אַליין אַ פירער פון די טרייד יוניאָנס און זיין טעטיגקייט איז איינשטימיג אינדאָרסירט געוואָרען פון אַלע יוניאָנס.

די ענגלישע טרייד יוניאָנס נעמען אָן פרייוויליג די ציטווייליגע „דיקטאַטור" פון זייער אַרבייטס־מיניסטער און — די ווייסען, פאַרוואָס. גרויסבריטאַניע פירט איצט דעם אָפּשיידענדיגען קאַמף פאַר דער רעטונג פון דער מענשליכער ציוויליזאַציע. וואָלט דער איצטיגער קאַמף פאַרלוירען ווערען, דאַן איז נישט טרייד יוניאָניזם פאַרלוירען, דאַן וואָלט בכלל מער ניט זיין קיין פּערזענליכע פרייהייט, קיין מענשליכע ציוויליזאַציע. וואָלט זי אָבער דעם קאַמף געווינען, דאַן וועט אויך דער אַרבייטער קלאַס אַ סך מער געווינען ווי די רעכט און פרייהייטען פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ער טוט צייטווייליג פאַרצייכענען...

פון באוואפענונג און לאנד־פארטיידיגונג. ביליאנען דאלאר וועלן אויסגעגעבן ווערן אויף מלחמה־מאטעריאלן. עס ווערן געעפענט גרויסע באשעפטיגונגס־מעגליכקייטן אין די באוואפענונג אינדוסטריען. אן דעם ענטפער אויף דער פראגע, ווער עס זאל בענעפיטירן פון די שטראמען גאלד וואס עס ווערן אריינגעגאסען אין די אינדוסטריען, און ווער עס זאל טראגן די לאסט פון צאלען די בילס דורך שטייערן, העגנט אפ דער לעבענס־מצב פון די אמעריקאנער ארבייטער־מאסען פאר די קומענדע יארען. די אינדוסטריאליסטען און די קאפיטאליסטען האבן זייער אלטע פארמולע: „די פראפיטען — די בעלי בתים, דער שטייערן־לאסט — אויף די פלייצעס פון די ארבייטער”. אז זיי האבן גאנץ היבשען ערפאלג אין קאנגרעס ביים דורכפירען אט די פראגראם קען מען זען פון דעם פינאנץ־ביל וואס איז דעם מאנאט אנגענומען געווארען. די גאנצע משא פון נייע שטייערן איז ארויפגעלייגט געווארען אויף די פלייצעס פון די ארימסטע ארבייטער. א פארהייראטער וואס פארדינט דורכשניטליך קנאפע 40 דאלאר א וואך און סינגעל־לייט וואס פארדינען 16 דאלאר א וואך וועלן דארפען צאלען אינקונפטס־שטייערן; די שטייערן אויף פילע לעבענס־מיטעל זיינען געהעכערט. דערפאר אבער האט מען נאך קיין הויכען אפצאל פון מלחמה־פראפיטען ניט איינגעפירט. אויך די טעקסעס אויף די געשוואלענע פראפיטען פון טראסטס און גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זיינען ניט געהעכערט געווארען.

דערמיט אליין באנוגענען זיך נאך אבער ניט אונזערע קאפיטאנען פון אינדוסטריע. זיי זוכען אויסצונוצען די געלעגענהייט אויף צו שאפען א ריזיגען רעזערוו פון יונגע, געשולטע בעל מלאכות וואס זאלען קענען קאנקורירען פאר'ן דזשאב און האלטען די שכירות וואס נידעריגער. איין פראיעקט אזא וויל, אז די רעגירונג זאל אויסבילדען צוויי מיליאן יונגע לייט אלס מעכאניקער אין די שווערע אינדוסטריען. די אויסבילדונגס־קאסטען וועלן געדעקט ווערען פון שטייערן און די נייע בעל מלאכות וועלן ארויסגעווארפען ווערען אין מארק צו קאנקורירען מיט די איבער אנדערהאלבען מיליאן ארבייטסלאזע מעכאניקער וואס זיינען נאך איצטער דא אין לאנד, לויט דער ערקלערונג פון פאול מעקנאט, דער רעגירונגס סעקיוריטי אדמיניסטראטאר.

פארשטייט זיך, אז ווען די יוניאנס זאלען זיין גוט פארטראטען אויף די באוואפנונגס־ראטען פון דער רעגירונג, וועלען אזוינע זאכען ניט קענען פאסירען. דערווייל האבען ביידע גרופען פון דער טרייד יוניאן באוועגונג געפאדערט פארטרעטערשאפט אין די קאונסילס.

די רעגירונג געפינט אויך פאר נויטיג צו האבען ארבייטער פארטרעטער אין די באוואפענונגס־ראטען, אום צו פארזיכערען אז די פראדוקציע וועט ניט אונטערבראכען ווערען דורך ארבייטער־סכסוכים. איבער דעם האט פרעזידענט רוזוועלט באשטימט סידני הילמאן, אלס מיטגליד פון דעם ראט פאר נאציאנאלער פארטיידיגונג. פארשטייט זיך, אז די א. פ. אוו ל. איז גאר נישט צופרידען מיט דעם וואס א וויס־פרעזידענט פון דער סי. אי. א. האט געקראגען די באשטימונג. עס גייט ארום א קלאנג, אז אום מפייס צו זיין דער פעדערישאן פלאנעוועט פרעזידענט רוזוועלט צו באשטימען דעניעל טאבין, פרעזידענט פון דער טימסטערס אינטערנעשאנאל, צו אן אמט אין אן ענליכער קאמיסיע און די אידייע איז, אז ווען די צוויי וועלען זיך באגעגענען אין זייער ארבייט, וועט אפשר דורך דעם אינדירעקט געשאפען ווערען א דערנענטערונג צווישען דער פעדערישאן און דער סי אי. א. הלוואי וואלט עס אמת געווען.

סטרייקס, סכסוכים און סעטעלמענטס דעם מאנאט

700 ראדיא אפערייטארס און מעסענדזשערס וואס ארבייטען פאר דער ר. סי. עי. קאמיוניקיישאנס זיינען דעם מאנאט ארונטער אין סטרייק אויס פראטעסט געגען דער סוספענדירונג פון 125 ארבייטער פאר פארלאזען זייערע דזשאבס אן ערלויבעניש צו גיין צו א מיטינג פון דער יוניאן. די יוניאן האט באשולדיגט די קאמפאני אין אויסשליסען די ארבייטער. די קאמפאני לייקענט עס. די פארהאנדלונגען פאר באנייען דעם אגרימענט מיט דער קאמפאני איז אפגעבראכען געווארען, צוליב דעם וואס מען האט זיך ניט געקענט אייניגען וועגען דער העכערונג אויף די שכירות וואס די ארבייטער זאלען קריגען.

הונדערט אכט און זיבעציג באס־דרייווערס וועלכע ווערען באשעפטיגט פון פיר קאמפאניס וואס אפערירען פון דיקסי טערמינאל, זיינען ארונטער אין סטרייק. דער סכסוך איז איבער שכירות. דער קאנסיליאיישאן דעפארטמענט פון דער רעגירונג זוכט צו פארמיטלען צווישען די צוויי לאקאלס פון דער בראדערהוד אוו רעילוועי טריינמען צו וועמען די דרייווערס באלאנגען און די קאמפאניס.

צוויי טויזענט טראקלייט, מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל בראדערהוד אוו טיעמסטערס, זיינען דעם מאנאט ארונטער אין סטרייק אפ־סטייט ניו יארק און האבן אפגעשטעלט די גאנצע טראק־דעליווערים אין די שטעט. די ארבייטער פאדערן א פופציג שטונדיגע ארבייטס־וואך און וואקעישאנס מיט געצאלט; טאפעלט געצאלט פאר זונטאג און יום טוב־ארבייט און מאנכע קלענערע פאדערונגען. די פארהאנדלונגען פאר א נייעם אגרימענט איז אפגעבראכען געווארען און די ארבייטער זיינען ארונטער אין סטרייק.

אין די פארהאנדלונגען פאר א נייעם אגרימענט צווישען דער אויטאמאביל ארבייטער יוניאן מיט דער דזשענעראל מאטארס קאמפאני, איז עס געקומען צו א דעדלאק און עס האבן זיך ארומגעטראגען קלאנגען, אז די יוניאן פלאנעוועט צו געבען דער קאמפאני די פינף טעג נאטיס וואס דער מישיגען געזעץ פאדערט אידער עס ווערט ערקלערט א סטרייק.

די לאגע שיינט צו זיין זייער ערנסט. די רעגירונג איז באזונדערס אינטערעסירט אויסצומיידען איצט דאס אפשטעלען די ארבייט אין דער אינדוסטריע וועלכע איז נויטיג פאר דער באוואפענונג. דריי קאנסיליאייטארס פון וואשינגטאן טוען אלץ וואס זיי קענען צו פארמיטלען דעם סכסוך. דער סכסוך איז וועגען א העכערונג אויף די שכירות. די יוניאן פאדערט אן אלגעמיינע העכערונג פאר אלע 150,000 ארבייטער וואס די קאמפאני באשעפטיגט אין אלע אירע פאבריקען. די קאמפאני שטימט־צו צו געבען איינצעלנע העכערונגען, אבער ניט אלגעמיין.

דער סטרייק פון די שיף־בוי ארבייטער אין קוירני, ניו דזשורזי, איז דעם מאנאט געסעטעלט געווארען, נאכדעם ווי די פירער פון דער יוניאן האבן אפעלירט צו די סטרייקער אנצונעמען די העכערונג וואס די קאמפאני האט פארגעלעגט אום ניט צו שטערען דער רעגירונג אין איר באוואפענונגס־פראגראם. די קאמפאני בויט איצט קריגס־שיפען פאר דער רעגירונג.

די ארבייטער האבען געשטימט פאר צוריקגיין צו דער ארבייט אויף די באדינגונגען, פיר צו איינס. מיט צוויי טעג פריהער האבען די ארבייטער מיט א גרויסער מערהייט צוריקגעוויזען דעם זעלביגען אנבאט פון דער קאמפאני, טראץ דער רעקאמענדאציע פון זייערע פירער עס אנצונעמען.

די ניו יארקער פאקעטבוך מאכער יוניאן האט דעם מאנאט באנייט דעם אגרימענט מיט דער אסאסיאיישאן פאר די נעקסטע צוויי יאר. די ניו יארקער פאקעטבוך מאכער זיינען אפגעשפאלטען פון זייער אינטערנעשאנאל און זיינען ניט אנגעשלאסען אן קיין צענטראלער קערפערשאפט. קיין איינצעלהייטען וועגען די באדינגונגען אין דעם נייעם אגרימענט זיינען ניט פארעפענטליכט געווארען. די פירער פון דער יוניאן באהויפטען, אז די באדינגונגען „זיינען פאקטיש די זעלביגע ווי אין דעם אלטען אגרימענט וואס איז אויסגעגאנגען דעם 30טען יוני.

א שארפער סכסוך האט זיך ענטוויקעלט דעם מאנאט צווישען די מארין־ארבייטער יוניאנס מיט די שיף־קאמפאניס, אלס רעזולטאט פון דער איראפעאישער מלחמה. די נעשאנאל מעריטיים יוניאן האט אריינגעשיקט א פראטעסט צו פרעזידענט רוזוועלט און דער מעריטיים קאמישאן, איבער דעם וואס די ענגלישע רעגירונג באשטייט אז צווישען די מאטראזען וואס ארבייטען אויף אמעריקאנער שיפען וועלכע גייען נאך בערמודא, זאלען ניט זיין קיין דייטשען. דער סכסוך איז איבער די יונייטעד סטעיטס לאין, וועלכע האט א קאנטראקט מיט דער ענגלישער רעגירונג צו באטרייבען שיפען צווישען אמעריקא און בערמודא.

דזשאזעף פ. רייען, ווידער, פרעזידענט פון דער לאנגשארמענס יוניאן, האט ערקלערט אז מען וועט ניט דערלאזען דיסקרימינירען געגען איטאליענישע לאנגשארמען, ביים אנלאדען שיפען מיט פראכט פאר די עלייעס. ער האט באהויפטעט, אז אזא פאדערונג איז געמאכט געווארען פון די ענגלישע שיף־קאמפאניס זינט איטאליע האט ערקלערט קריג. די פארטרעטער פון די ענגלישע שיפס־קאמפאניס האבען געלייקענט, אז אזא פאדערונג איז ארויסגעגעבען געווארען. אלץ וואס זיי האבען געפאדערט, לויט זייער ערקלערונג, איז אז באוואוסטע פאשיסטישע סימפאטיקער זאלען ניט באשעפטיגט ווערען ביים אנלאדען שיפען מיט קריגס־מאטעריאלען אויס מורא אז די זאלען ניט סאבאטירען די ארבייט.

גינסטיגע און אומגינסטיגע אנטשיידונגען דעם מאנאט

אין אן אנטשיידונג פון דעם אפעליט דיוויזשאן פון סופרים קאורט איז גע'פסק'ענט געווארען אז באדינער אין געביידעס וואו עס ווערט באטריבען אינטערסטעיט האנדעל, פאלען ניט ארונטער אונטער דעם פעדעראלען שכירות־ און שטונדען־געזעץ. דאס הייסט, אז כאטש די ארבייטער אין די פאבריקען פון דער געביידע שאפען ארטיקלען פאר'ן האנדעל צווישען שטאטען און מוזען דעריבער קריגען די באדינגונגען וואס דער פעדעראלער געזעץ שרייבט פאר, זיינען אבער די אנגעשטעלטע אין דער געביידע, ווי עלעוויטאר אפערייטארס, פארטערס און ענליכע, באשעפטיגט בלויז אינערהאלב דעם סטעיט און פאלען נישט אונטער דעם געזעץ.

די אנטשיידונג נעמט אוועק אין ניו יארק ביי אומגעפער פופציג טויזענט ארבייטער דעם שוץ פון פעדעראלען שטונדען־שכירות געזעץ. די אנטשיידונג איז ארויסגעגעבען געווארען אין א טעסט־קעיס אויף אן אפיל פון א וואטשמאן און א קארפענטער וואס זיינען באשעפטיגט אין דער גארמענט סענטער־געביידע אויף זיבעטע עוועניו. די צוויי ארבייטער האבען געקלאגט די אייגענטימער פאר אנדערטהאלבען מאל געצאלט פאר אווערטיים ווי דער שטונדען־שכירות געזעץ שרייבט פאר.

דער פעדעראל סוירקוט קאורט פון ניו יארק האט דעם מאנאט צוריקגעוויזען אן אפיל פון דער וועסטינגהויז עלעקטריק און מאנופעקטשורינג קאמפאני געגען א באפעל פון דער לעיבאר באארד אז זי זאל אויפלעזען איר קאמפאני־יוניאן אין איר פאבריק אין בלומפילד, ניו דזשורזי, וואו עס ארבייטען 2,500 ארבייטער. ווען דער לייבאר רילעישאנס געזעץ איז אנגענומען געווארען, האט די וועסטינגהויז קאמפאני כלומרשט אויפגעלייזט די קאמפאני־יוניאן און זי האט זיך גלייך רעארגאניזירט אלס אן אומאפהענגיגע יוניאן פון די ארבייטער. די לעיבאר באארד האט באשלאסען, אז דאס איז די זעלביגע יענטע נאר אנדערש געשלייערט; אז דאס איז די זעלבע קאמפאני־יוניאן אונטער א נייעם לייבעל און האט באפוילען דער קאמפאני איר אויפצולייזען. די קאמפאני האט אפעלירט געגען דער אנטשיידונג און פארלארען.

באאמטע פון צוויי טימסטער לאקאלס פאראורטיילט פאר געלט אויספרעסונג

סאל שוסטער, פרעזידענט פון דעם טימסטער לאקאל 202 איז דעם מאנאט פאר'משפט געווארען צו טורמע אויף א טערמין פון 10 ביז 20 יאר פאר אויספרעסען געלט פון מארקעט־לייט אונטער סטראשונקעס צו רופען סטרייקס. דער ביזנעס־אגענט פון דעם זעלבען לאקאל, ארטור וואלדארף, איז אויך געפונען געווארען שולדיג פאר אויספרעסען געלט פון הערינג־הענדלער.

כאראקטעריסטיש איז וואס דער ביזנעס־אגענט וואלדארף האט שוין א גאנץ לאנגען רעקארד פון פארברעכענס ביי דער פאליציי. נאך אין 1922 איז ער פאראורטיילט געווארען פאר מאכען א האלד־אפ. דאך האט עס אים ניט געשטערט צו האלטען אן אמט אלס ביזנעס־אגענט אין דער יוניאן, וואו לויט די עדות פון דער אנקלאגע האט ער אויסגעפרעסט טויזנטער דאלאר פון זיינע קרבנות אין משך פון די לעצטע פיר יאר.

לאקאל 807 פון דער טימסטערס יוניאן איז געפונען געווארען שולדיג אין אויספרעסען געלט און איבערטרעטען דעם אנטי־טראסט געזעץ און איז פאר'משפט געווארען צו צאלען צען טויזענט דאלאר שטראף. צוויי ביזנעס־אגענטען פון דעם לאקאל, וויליאם קעמפבעל און אוסטין פארעי, זיינען פאר'משפט געווארען צו צוויי יאר טורמע יעדער. פיר און צוואנציג אנדערע האבען געקראגען קלענערע שטראפען.

אין פאל פון לאקאל 807, איז עס, ווי עס שיינט, ניט געווען א פאל פון אומערליכקייט אדער רעקעטירינג. די פאראורטיילטע, שיינט עס, זיינען קרבנות פון געוויסע יוניאן־רולס וואס זיינען אנגענומען געווארען צו באשיצען די מיטגלידער געגען דער קאנקורענץ פון טראק־דרייווערס פון אויס אוו טאון. דער לאקאל האט געהאט א רול, אז ווען א פרעמדער דרייווער ברענגט א טראק סחורה נאך ניו יארק, מוז דער אייגענטימער דינגען א ניו יארקער דרייווער אויסצולאדען און אנלאדען דעם טראק אין ניו יארק. אט דאס איז ערקלערט געווארען אלס פארברעכען געגען דעם שערמאן געזעץ און דערפאר זיינען זיי באשטראפט געווארען.

קאנווענשאן פאראייניגט יונג און אלט

פון ש. שווארץ

דער אויבערפלעכליכער בעאבאכטער האט בלויז באמערקט די דעמאנסטראטיווע און עמאציאנעלע פאזען פון אונזער קאנווענשאן, דאס איז אויך נאטירליך, ווייל די מער ערענסטערע טעטיגקייטען זיינען ניט אזוי ספעקטאקולאר. דיסקוסיעס, באריכטען, רעקאמענדאציעס און אפשטימונגען איבער אינדוסטריעלע און פאליטישע פראגען, מעגען זיין פון גרויסער פראקטישער וויכטיגקייט אבער זיי פארכאפען ניט די אויג. וואס אבער ניט פילע האבען באמערקט, איז די גרויסע דערגרייכונגען פאר דער יוניאן און די פראקטישע רעזולטאטען וואס עס האבען געמוזט ברענגען, גאר פילע פון די דעמאנסטראציעס, אפלאדיסמענטען, געזאנג און „הקפות" איבערן זאל, וואס די טויזענטער ארבייטער האבען דורכגעפירט אין משך פון דער קאנווענשאן ביי פארשידענע געלעגענהייטען. איך וויל דא בלויז בארירען איין סארט אזוינע דעמאנסטראציעס און די ווירקונג וואס דאס מוז האבען אויף די ארבייטער און דער יוניאן. איך מיין דא די דעמאנסטראציעס פון די פארשידענע אפטיילונגען פון דער אינטערנעשאנאל, די קלאוקמאכער און דרעסמאכער אין ניו יארק, די פארשידענע אפטיילונגען פון די אנדערע מארקעטס אויסערן שטאט, די מידעלשע יוניאנס, ווי די אונטערוועש, קינדער דרעס ארבייטער, קינסטליכע בלומען ארבייטער און די אלע אנדערע, וועלכע האבען דעמאנסטרירט ווען זייערע פארטרעטער האבען באריכטעט ביי דער קאנווענשאן וועגען זייערע דערגרייכונגען און פראבלעמען.

טראץ דעם וואס דורך די לעצטע זיבען יאר, זינט די ארגאניזאציאנס כוואליעס פון אונזער אינטערנעשאנאל האבען זיך אריבערגעגאסען די ברעגען פון די אלטע אינדוסטריעלע צענטערס און האבען פארפלייצט כמעט דאס גאנצע לאנד, פארשלינגענדיג נייע צענטערס פון פראדוקציע און איינשטעלענדיג דארטען יוניאן קאנטראל און יוניאן באדינגונגען, איז געקומען א נייע, פיל בעסערע פארשטענדיגונג צווישען די ארבייטער איבער די פראבלעמען וואס דאס ברענגט מיט זיך דער יוניאן; טראץ דעם וואס אפילו דער צוריקגעשטאנענסטער ארבייטער באגריפט שוין איצט, אז עס איז נישט א פראגע פון בלויזע קאנקורענטען און אוועקנעמען ביי זיי די ארבייט, נאר הויפטזאכליך א פראגע פון איינשטעלען איינהייטליכע ארבייטס־באדינגונגען אום אלע ארבייטער אין דער אינדוסטריע זאלען קריגען א יושר'דיגען חלק ארבייט און פארדינען אויף א לעבען; איז דאך ביז דער איצטיגער קאנווענשאן נאך אלץ פארבליבען ביי מאנכע ארבייטער א מין מיסטרויען צו די ארבייטער אין זעלבען טרייד אין אנדערע שטעט און געגענדען. דאס איז געווען צו מערקען, סיי ביי אונזערע אלטע וועטעראנען, די קלאוק און דרעסמאכער פון ניו יארק און אנדערע עלטערע מארקעטס, און סיי ביי די ארבייטער פון די אנדערע געגענדען. די פיאנערען פון אונזער יוניאן, די עלטערע קלאוק און דרעסמאכער, האבען נאך אלץ געפילט אן אינסטינקטיווען שרעק פאר די „שיקסעס" וועלכע קומען אוועקנעמען די בראדלען. די יונגע ארבייטער פון אוט־אוו־טאון, האבען געקוקט אויף די ניו יארקער ארבייטער ווי אויף גזלנים וועלכע זוכען בלויז אוועקנעמען די ארבייט פאר זיך און ארויסטרייבען זייערע בעלי־בתים פון ביזנעס.

זיכער האט די יוניאן פיל געטאן דורך די לעצטע יארען, אויפצוקלערען די ארבייטער איבער די פראבלעמען. דורך ווארט און שריפט, דורך אונזער פרעסע, דורך לעקציעס ארגאניזירט מיט דער הילף פון בילדונגס־דעפארטמענט. דורך ביכלאך און בראשורען וואס דער דעפארטמענט האט פארעפענטליכט און פארשפרייט און דורך אלערליי מעגליכע מיטלען, האט די יוניאן געזוכט און מיט ערפאלג, אויפצוקלערען די מיטגלידער און אנווייזען זיי, אז זיי זיינען ניט קיין קאנקורענטען, נאר ברידער און שוועסטער, וועלכע האבען די זעלביקע אינטערעסען. עס איז אבער א גרויסער אונטערשייד פון לערנען פון ביכער און לערנען פון ערפארונג. דאס לעצטע איז א פיל שנעלערע און ווירקזאמערע מעטאדע צו פארניכטען איינרעדענישען און אריינברענגען קלארקייט און פארשטענדיגונג. די דעמאנסטראציעס ביי דער קאנווענשאן, האבען דערגרייכט אט דעם ציל.

עס מארשירען די ניו יארקער קלאוקמאכער

עס איז דער דריטער טאג פון דער קאנווענשאן. די נייע דעלעגאטען, די יונגווארג פון אויסען שטאט און פון די יונגע לאקאלס, די „נ. ר. א. בעיביס" האבען זיך שוין אקלימאטיזירט ביי דער קאנווענשאן וואס זיי זעהען צום ערשטען מאל. עס זיינען שוין פארגעקומען עטליכע דעמאנסטראציעס. אין די דעמאנסטראציעס האבען זיך אבער באטייליגט אלע דעלעגאטען. אין דעם געמיש זיינען מער שווארצע און בלאנדע קעפ, ווי גרויע; מער יונגע פנים'ער ווי געקנייטשטע. אבער אט דערהערט זיך ווידער א געקלאפעריי. אלע דרייען אום די אויגען צום טיר. אין די דורכגאנגען מארשירט א פראצעסיע, ריטמיש אין טאקט מיט מוזיק. זיי פארפלייצען דעם גאנצען זאל. דוכט זיך די זעלביגע ארבייטער, די זעלביגע דעלעגאטען, אבער דאך ניט די זעלבע. דא מארשירען די פיאנערען פון אונזער יוניאן. די קלאוקמאכער, פילע פון וועלכע האבען נאך מארשירט אויף דער פיקעט ליין אין דעם ערשטען גענעראל סטרייק אין 1910. פרעזידענט דובינסקי באגריסט די דעמאנסטראנטען און שטעלט זיי פאר די פארטרעטער פון דעם צווייטען דור יוניאן לייט. ער שילדערט די קאמפען וואס האט די בויער פון דער יוניאן האבען דורכגעמאכט, די קרבנות וואס זיי האבען געבראכט בים צוגרייטען דעם באדען פאר דעם פרעכטיגען יוניאן בנין וואס מיר האבען היינט.

עס רעדט וויס־פרעזידענט פיינבערג, דער גענעראל מענעדזשער פון דער קלאוק דזשאינט באארד. אליין א וועטעראן פון די פארגאנגענע קאמפען, שילדערט ער די שוועריגקייטען און דערגרייכונגען פון דער יוניאן, בארירט די פראבלעמען מיט וועלכע די קלאוקמאכער ראנגלען זיך היינט צו טאג און גיט איבער די פראגראם וואס די יוניאן האט אויסגעארבייט ווי אזוי צו לעזען אט די פראבלעמען. ער רעדט וועגען די טראדיציעס פון די קלאוקמאכער, וועגען זייער אידעאליזם. איך באטראכט די פנים'ער פון די יונגע דעלעגאטען ביי די טישען, די מיידלאך וועלכע נייהען די קלאוקס אין די ניי־ארגאניזירטע מארקעטס און איך זע א ניי ליכט ארויסשיינען פון זייערע אויגען. אט דאס זיינען די „גזלנים", וועלכע זייערע באסעס האבען זיי פרובירט איינרעדען, אז זיי ווילען אוועקנעמען זייער ארבייט און זייער ברויט? עס וועקען זיך אין זייערע הערצער נייע געפילען — געפילען פון פארשטענדניש און סאלידאריטעט צו זייערע ברידער און שוועסטער ארבייטער אין די קלאוק שעפער, וועלכע האבען זייער יוניאן געבויט און באשיצען זייערע סטאנדארדס.

די ניו יארקער דרעסמאכער

שטייט אויפן בינע וויס־פרעזידענט דזשוליוס האכמאן, דזשענעראל מענעדזשער פון דער דרעס דזשאינט באארד אין ניו יארק. ער שילדערט די שווערע לאגע פון די דרעסמאכער אין ניו יארק צוליב דעם מאנגעל אין ארבייט. גלייכצייטיג, ווייזט ער אן, אז די דרעסמאכער יוניאנס זיינען היינט צו טאג פונקט אזוי שטארק ווי די זיינען געווען מיט דריי יאר צוריק, טראץ דער פארגרעסערטער ארבייטסלאזיגקייט. שטארק, סיי אין דער צאל מיטגלידער און סיי אין דער מאראל פון די מיטגלידער און זייער איבערגעבענהייט. ער זאגט:

„איך דענק, אז די דרעסמאכער יוניאן קען באמת אנגערופען ווערען „אן אלטע און זייער יונגע יוניאן". אין איר איצטיקער פארמע, גרויס און איינפלוס, זיינען מיר פאר דער אויסערליכער וועלט, בלויז זיבען יאר אלט. אין דער אמת'ן, זיינען מיר פיל עלטער. מיר געדענקען די אמאליגע סטרייקס פון 1909, 1912 און 1913, 1916, 1919..."

שילדערענדיג די געשיכטע פון דער ניו יארקער דרעסמאכער יוניאן, גייט האכמאן איבער צו די איבלען אין דער אינדוסטריע. זיינע אויגען פלאמען אויף. ער ווייזט אן, אז די אמת'ע צרה פון וועלכער דער ניו יארקער דרעס מארקעט ליידט, איז ניט אזוי פיל די ביליגערע ארבייט פון די אוט־אוו־טאון שעפער, ווי די אומפאראנטווארטליכקייט פון די קאפיטאנען פון דער אינדוסטריע, וועלכע זיינען בלויז פאראינטערעסירט אין די באלדיגע פראפיטען און טוען גארניט צו פארבעסערן דעם מארקיט און די פראדוקציע. ווען האכמאן רופט אויס: „מיר האבען פאר זיך א שווערע פראבלעם, אבער מיר האבען ניט מורא פאר די רעזולטאטען. מיר ווארענען דא אז מיר וועלען ניט צוריקגעבען קיין איינציג געווינס וואס מיר האבען אין אונזער איצטיגען אגרימענט. מיר זיינען גרייט צו פארהאנדלען, אבער מיר זיינען אויך גרייט צו קעמפען ווען נויטיג — און זיינען" ברעכט אויס א שטורעם פון אפלאדיסמענטען איבערן גאנצען זאל.

און מערקווירדיג. די אפלאדיסמענטען קומען פון אלע ווינקלען. פון די דעלעגאטען און פירער פון די ניו יארקער דרעסמאכער אין די פראנט רייען און פון די דעלעגאציעס פון די אנדערע דרעס מארקעטס, פון ארום ניו יארק אזוי גוט ווי פון די ווייטע שטעט. די דרעסמאכער פון אוט־אוו־טאון האבען פלוצלינג באגריפען פיל בעסער ווי ביז איצט וואס עס איז באמת די אבזיכט פון דער יוניאן, ווען זי באשטייט אויף שטרענגערען קאנטראל פון דער ארבייט. ניט אוועקנעמען זייער ארבייט, ווילען זייערע חברים ארבייטער פון ניו יארק, נאר בעסער מאכען פאר אלעמען, באזארגען אז וואו דרעסעס ווערען געמאכט, זאלען די ארבייטער מאכען א לעבען און די אינדוסטריע אלס גאנצע זאל זיך אנטוויקלען און פארבעסערען.

און ווי א סימבאל פון דער איינינקייט פון אלע ארבייטער, מיטגלידער פון אונזער גרויסער אינטערנעשאנעל, גיט וויס־פרעזידענט האכמאן איבער צו פרעזידענט דובינסקי א מתנה פון דער דרעס דזשאינט באארד און אירע לאקאלס, א קונסט פארטרעט פון אים, געמאלען פון דעם וועלט־בארימטען ארטיסט דזשאהן סלאון, אלס אויסדרוק פון ליבע און אנערקענונג צום פירער פון דער אינטערנעשאנעל צו וועלכער מיר אלע באלאנגען. די באגייסטערונג שטייגט איבער אלע גרענעצען.

די דעמאנסטראציעס פון די אוט־אוו־טאון דעלעגאציעס

אויב דער יונגער דור מיטגלידער האט פיל געלערענט דורך די דעמאנסטראציעס פון די פיאנערען פון אונזער יוניאן, פון די קלאוק און דרעסמאכער אין ניו יארק און די אנדערע ערשטע מארקעטס, וועגען די פראבלעמען, די אבזיכטען און די טראדיציעס פון אונזערע ערשטע ארגאניזאציעס, האבען אויך די עלטערע מיטגלידער פיל געלערענט וועגען דעם איבערגעבענהייט, אידעאליזם, פראבלעמען און שוועריגקייטען וואס עס האבען אונזערע יונגע ארגאניזאציעס מיט וועלכע זיי זיינען ביז דער קאנווענשאן געווען גאר ווייניג באקאנט.

וועמען איז ניט באקאנט דער אינסטינקטיווער שרעק וואס די ניו יארקער קלאוק און דרעס ארבייטער פילען ווען מען דערמאנט די „שיקסעס", דעם „אוט־אוו־טאון"? גאר פילע פון זיי האבען צוגעשריבען אלע צרות פון וועלכע זיי ליידען, אלע שרעק און פורעניות, זייער ארבייטסלאזיגקייט און קליינע פארדינסטען, צו דער קאנקורענץ פון די ארבייטער אין די אנדערע מארקעטס. גאר פילע פון זיי האבען זיך פארגעשטעלט אט די יונגע ארבייטער אלס סקעבס, אומבאוואוסטזיניגע ארבייטער, וועלכע האבען גאר קליינע השגות וועגען יוניאן, וועגען קאמף וועגען סאלידאריטעט פון די ארבייטער. און דא, פלוצלונג, האבען זיי דערזען פאר זיך גאר אנדערע מענשען ווי די וואס זיי האבען זיך פארגעשטעלט אין זייער פאנטאזיע. זיי האבען דערזען פאר זיך זייער אייגענעם דור ווי ער האט אויסגעקוקט מיט 30 יאר צוריק. יונג, מוטיג, אידעאליסטיש און אויפריכטיג. גרייט צום קאמף פאר א בעסערען לעבען, באגייסטערט פון די זעלביגע אידעאלען, כאטש נאך ניט קלאר קריסטאליזירט.

און די עקאנאמישע סיטואציע איז אויך ניט אין גאנצען ווי זיי האבען זיך פארגעשטעלט. אט באריכטעט וויס־פרעזידענט וואנדער פון דעם איסטערן אוט־אוו־טאון דעפארטמענט. די טעריטאריע פון זיין דעפארטמענט איז ארום ניו יארק און א מאסע מיטגלידער האבען זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט צו קומען צו דער קאנווענשאן און באטייליגען זיך אין דער דעמאנסטראציע. א יונגער, ענערגישער, פרייליכער עלעמענט. קיין סימן פון קליינשטעטלדיגקייט. די מארשירען ווי אן ארמיי אונטער דער לייטונג פון זייערע פירער, מיט געזאנג און ריטם. טאמער וואלט מען אבער געמיינט, אז זיי האבען גאר קיין שוועריגקייטען ניט, אז די זיינען [illegible], ווייל זיכער, דערציילט זייער מענעדזשער:

„ארגאניזירען אין די לעצטע דריי יאר, איז געווען א זייער שווערע ארבייט. ארבייטסלאזיגקייט און די אומזיכערע אינדוסטריעלע לאגע, האט פיל געשטערט... אונזערע שעפער זיינען קיינמאל ניט געווען סטאביל.

אַפילו אונטער נאָרמאַלע באַדינגונגען, איז דער פּראָצענט שעפּער וואָס גייען אַרויס אָדער ציהען זיך אַריבער אין אַנדערע שטעט אונגעהייער גרויס אין דער טעריטאָריע. די בעלי בתים טענה'ן, אַז די יוניאָן טרייבט זיי אַרויס פון ביזנעס... גענוג צו דערמאָנען, אַז פון די 600 שעפּער וואָס מיר האָבען, זיינען אין משך פון די לעצטע דריי יאָר 200 אַרויס פון ביזנעס אָדער האָבען זיך אַריבערגעצויגען אין אַנדערע שטעט. טראָץ דעם אָבער איז די צאָל מיטגלידער און שעפּער נים פאַרקלענערט געוואָרען. נייע שעפּער זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען דורך דער צייט. 400 סטרייקס און סטאָפּעדזשעס, מאַנכע פון זיי זייער ביטערע זיינען אָנגעפירט געוואָרען. צוויי הונדערט שעפּער זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען און זיבען טויזענט נייע מיטגלידער זיינען אַריינגענומען געוואָרען אין דער יוניאָן.״

זיצען די ניו יאָרקער וועטעראַנען און טראַכטען זיך: אויך זיי די יונגע, די ניי אָרגאַניזירטע פון אויסען שטאָט האָבען שוין אויך אַן אוט-אָוו-טאָון פּראָבלעם. ניטאָ קיין אַנדער מיטעל ווי אָרגאַניזירען און מער אָרגאַניזירען. באָסעס, וועלען אימער לויפען פון דער יוניאָן. נים די אָרגאַניזירטע אַרבייטער פון אוט-אָוו-טאָון זיינען די גרויסע קאָנקורעסטען נאָר דער סקעב און סוועט שאָפּ. אים אויסצוראָטען, מוזען מיר זיך אַלע פאַראייניגען און מיט אַלע כחות אַרבייטען פאַר הונדערט פּראָצענט יוניאָן. אַ זייער וויכטיגע לעקציע.

אַן ענליכע בילד שאַפט זיך פון באַריכט פון וויס־פּרעזידענט עליעס רייזבערג, מענעדזשער פון קאָטאָן גאַרמענט טרייד דעפּאַרטמענט. ער ווייזט אַן אַז דער דעפּאַרטמענט האָט איצט 15 טויזענד מיטגלידער אין 37 לאָקאַלס; ער ווייזט אַן אַז דורך די לעצטע דריי יאָר איז די צאָל אַרבייטער אין די יוניאָן שעפּער געשטיגען מיט 60 פּראָצענט און די צאָל אַרבייטער אין אָפּען שעפּער איז געפאַלען אויף 66 פּראָצענט.

עס פירען אויך דורך דעמאָנסטראַציעס אונזערע ניו יאָרקער מיסעלייניאַום לאָקאַלס. דער אונטערוועש און נעגלידזשי אַרבייטער לאָקאַל 62 מיט וויס פּרעזידענט סעמיועל שאָר אַלס זייער מענעדזשער, דער טשילדרען און הויז דרעס לאָקאַל 91 מיט וויס פּרעזידענט הערי גרינבערג, די קאָרסעט און בראַזיר אַרבייטער מיט זייער מענעדזשער אברהם סניידער; די קינסטליכע בלומען אַרבייטער לאָקאַל 142 אָנגעפירט פון זייער מענעדזשער דזשאָזעף טאַוויס און אַנדערע.

דעם שטאַרקסטען איינדרוק אָבער אויף דער קאָנווענשאָן מאַכען די דעמאָנסטראַציעס פון די פאַרטרעטער פון אונזערע איינגסטע אָרגאַניזאַציעס, די גראַטסענע עופה'לאך פון אונזער אינטערנעשאָנאַל.

קאַרנעגי האָל האָט פלוצלינג אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַן עכט־אַמעריקאַנער „טשאַטאַקוואַ״ אין דער דעמאָנסטראַציע ערשיינען דאָ שוין נים קיין אימיגראַנטען, נאָר עכטע אַמעריקאַנער זין און טעכטער. פאַר וועמען דער וואָרט יוניאָן איז נאָך ביז נים לאַנג צוריק געווען די פאַרקערפּערונג פון אַל דאָס בייז, כמעט דער טייפעל אַליין. אָנגעטאָן אין די קאָסטיומען פון זייערע סטעיטס אין אָווער־אָלס און היטלען מיט לעמפּלאַך פון קוילען גרעבער, אין קורצע קליידלאַך מיט שטיוועל פון קאַו־בויס און קאַו־גוירלס, אין בריטע קרינאָלינעס פון זייערע פּיאָנערישע מאַמעס, וועלכע האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אין בוידען איינצעמען די ווילדע וועסט, מאַרשירען די יונגע קעמפער פון דער סאַוטה וועסט. כוואַטסקע, לעבעדיגע יונגען און מיידלאַך וואָס האָבען ערשט נים לאַנג צוריק אויסגעפונען אַז יוניאָן איז איינענטליך די אויסברייטערונג פון דער דעמאָקראַטיע פאַר וועלכער זייערע אור־עלטערען האָבען געקעמפט, אויך איפן עקאָנאָמישען געביט. עס מאַרשירען פאַרביי די אָטריאַדען פון די פאַרשידענע סטעיטס מיט די פאָנען פון זייערע סטעיטס, זינגענדיג זייערע סטעיט־הימנען. שטייט זייער פירער, מייער פּערלשטיין אויף דער בינע און קלייבט נחת. שטייהען די קלאָוק און דרעסמאַכער פון ניו יאָרק און פילען אַז אָט די אַרבייטער זיינען זייער אייגען בלוט און פלייש, נים קאָנקורענטען...

און אָט ערשיינט אויף דער בינע וויס־פּרעזידענט מאָריס ביאַליס. ער באַריכטעט וועגען שיקאַגאָ און דער מיטעל־וועסט. שיקאַגאָ, איז אַן אַלטע יוניאָן שטאָט. אָבער אין דעם דיסטריקט זיינען פאַראַן אַ סך נייאָרגאַניזירטע צענטערס. אַלס ביישפּיל פון דער טעטיגקייט פון דער מיטעל־וועסט דיסטריקט, ברענגט ער אויף דעם פאַרבייטערטען סטרייק וואָס אונזער יוניאָן האָט אָנגעפירט לעצטעס יאָר געגען דער „אַלפּינאַ גאַרמענט קאָ.״ פּרעזידענט דובינסקי שטעלט פאַר איינע פון די דעלעגאַטען פון דעם נייעם לאָקאַל פון די אַלפּינאַ אַרבייטער, מיס סטעלאַ טעיט. איינע וואָס איז ערשט גאָר נים לאַנג אַ מיטגליד פון דער יוניאָן. איינע פון די איבערגעגעבענסטע סטרייקער, און איר רעדע, פּשוט, נים געקינצעלט, עלעקטריזירט דעם גאַנצען עולם. דאָ איז נאָך אַן עקזעמפּלאַר פון אונזערע נייע רעקרוטען — די וועטעראַנען פון מאָרגען.

די פּשטות פון איר רעדע, איז רירענד. זי דערציילט איבער די געשיכטע פון דעם סטרייק און די רעוואָלוציע וואָס די האַנדלונג פון די בעלי בתים האָט געמאַכט אין די מחות פון אָט די אַרבייטער. זי האָט געלערענט די באַדייטונג פון קלאַסען־אינטערעסען פון לעבען אַליין און זי גיט עס איבער אין אירע אייגענע תמימות'דיגע ווערטער. זי דערציילט:

„די אַלפּינאַ גאַרמענט קאָמפּאַני, וועלכע באַשעפּטיגט אַרום טויזענד אַרבייטער און איז איינע פון די גיגאַנטען אין דער אינדוסטריע, האָט אַלע מאָל עקספּלואַטירט אירע בעלי מלאכות. אין נאָמען פון עפישענסי, האָבען זיי גענוצט יעדען מעגליכען מיטעל צו פּראָדוצירען זייער סחורה ביליג. וואָס די קאָמפּאַני האָט גערופען „עפישענסי״ האָבען די אַרבייטער אַלע מאָל געמוזט באַצאָלען דערפאַר, ענטוועדער דורך פאַרשטאַרקערען ספּיד אַפּ, אָדער דורך אַ שרעקליכען שנים אויף די פּרייזען.

„ווען דער געזעץ האָט איינגעפירט דעם 25 סענט מינימום, אין אָקטאָבער 1938, האָט די קאָמפּאַני אָנטזאָגט די לאַנגזאַמע בעלי מלאכות און איבערגעלאָזט ביי דער אַרבייט בלויז די שנעלע אָפּערייטאָרס. זיי האָבען אַרויסגעוואָרפען הונדערט אַרבייטער דערפאַר וואָס זיי האָבען נים געקענט פאַרדינען 25 סענט אַ שטונדע. דאָס איז ווי אַזוי די קאָמפּאַני האָט אונז געבראַכט די בענעפיטס פון דעם מינימום שכירות געזעץ. מיר האָבען געמוזט סטרייקען 16 לאַנגע וואָכען צו געבען דער קאָמפּאַני אַ לעקציע, אַז דער געזעץ איז נים געשאַפען געוואָרען בלויז פאַר דעם נוצען פון דער קאָמפּאַני.

„טראָץ דעם וואָס די קאָמפּאַני האָט אַרויסגעוואָרפען 100 פון די לאַנגזאַמערע אַרבייטער, האָבען פילע פון די שנעלערע אַרבייטער נים געקענט פאַרדינען די 25 סענט אַ שטונדע און זיינען שטענדיג געווען אין טויטשרעק, אַז יעדער טאָג איז דער לעצטער פאַר זייער מעגליכקייט צו פאַרדינען אויף ברויט. די מיידלאַך פלעגען דעריבער אָפּקלינגען דעם זייגער, צייכענענדיג זייערע קאַרטלאַך נים די ריכטיגע שטונדען וואָס זיי האָבען געאַרבייט, נאָר לויט דעם וויפיל שכירות זיי האָבען פאַרדינט. אין פילע פאַלען, פלעגען אָפּערייטאָרס, וואָס האָבען געאַרבייט 45 שטונדען דורכן וואָך, קריגען באַצאָלט בלויז פאַר 30 שטונדען. מיר האָבען אויסגעפונען צו אונזער באַדויערען, אַז כאָטש דער מינימום שכירות געזעץ האָט אַן ספק געבראַכט גוטעס, האָט די קאָמפּאַני ביז דעמאָלט אַוועקגענומען דאָס גאַנצע גוטעס צוזאַמען מיט די פּראָפיטען וואָס דאָס האָט געבראַכט.

„אונזערע קריוודעס זיינען געוואַקסען און האָבען ענדליך אויפגעריסען אין אַ נים אָרגאַניזירטען זיך סטרייק. מיר האָבען גאָר נים געוואוסט וועגען אַ יוניאָן. מיר זיינען זיך בלויז געזעסען דריי טעג און זיינען געווען ענטשלאָסען צו זיצען ביז ער וועט סעטלען. פּלוצלונג, האָט די קאָמפּאַני באַשלאָסען צו פאַרהאַנדלען מיט אונז און, צו אונזער גרויסען ערשטוינען, האָבען זיי איינגעשטימט צו געבען אונז אַ סך פאַרשפּרעכענס, וועלכע זיי האָבען נאָכדעם געבראָכען. זיי האָבען פאַרשפּראָכען אַ העכערונג פון 25 פּראָצענט אויף די פּרייזען און אויסגלייכען אַלע קריוודעס. וואָס מיר האָבען דעמאָלט נים געוואוסט, איז אַז די קאָמפּאַני האָט איבערגעכאַפּט אַ לאַנג דיסטאַנס טעלעפאָן פון דעם אינטערנעשאָנאַל פאַרטרעטער אין מישיגען, ברודער יוסף צוקערמאַן, אין וועלכען ער האָט געלאָזט וויסען אַז ער קומט אין אַלפּינאַ. מאַנכע פון אונז, ווען מיר האָבען אויסגעפונען פאַר וואָס די קאָמפּאַני איז פּלוצלונג געוואָרען ליבעראַל, האָבען באַשלאָסען, אַז אויב די מורא פאַר דער יוניאָן האָט געקענט מאַכען דער קאָמפּאַני אונז עפּעס געבען, דאַן וועט די קאָמפּאַני געבען פיל מער אויב מיר וועלען זיך אָרגאַניזירען. און צו אונזער גליק, האָט די אינטערנעשאָנאַל דערהערט אונזער געשריי פון דאָרט ווייט, אין צפון מישיגען.

„מיר האָבען זיך גענומען אָרגאַניזירען. זיי האָבען אַרויסגעוואָרפען מאַנכע פון אונזערע פירער אָבער מיר האָבען געלערענט צו האָבען צוטרוי צו דער יוניאָן און מיר האָבען געזען ווי אַזוי די יוניאָן פאַסט אויף אויף אונזערע פירער.

„נאָכדעם ווי מיר האָבען צוויי מאָל באַוויזען אַז מיר זיינען אַ מאַיאָריטעט, האָט די קאָמפּאַני נאָך אַלץ זיך אָנטזאָגט אויסצופאָלגען דעם געזעץ און פאַרהאַנדלען מיט אונז. זיינען מיר אַרויס אין סטרייק. דאַן האָבען מיר אויסגעפונען עטוואָס, וואָס מיר האָבען פריער קיין מאָל נים געוואוסט. מיר האָבען געלערענט וואָס גלויבען אין דער יוניאָן מיינט באמת. מיר זיינען באַקעמפט געוואָרען פון אַלע זייטען. פון די ציימונגען, פון דער פּאָליציי אין מאַנכע שטעט, מאַנכע פון אונזערע סטרייקער זיינען געשלאָגען געוואָרען מיט קלאָבס; 180 סטעיט פּאָליסלייט האָבען אַריינגעמאַרשירט אויפצוהאַלטען „אָרדענונג״. די קאָמפּאַני האָט אונז געזאָגט, אַז מיר זיינען אין אמת'ן גאָר קענעדער און זייער לאָיער, מר. פעלדמאַן האָט פאַרזיכערט, אַז מיר פּאַסען זיך בלויז אויף ריי‍ניגען פּאָדלאָגעס. אַלס „פּאָדלאָגע ריי‍ניגער״ האָבען מיר זיכער אָפּגערייניגט דעם מר. פעלדמאַן...

„גלייכצייטיג האָט די רעאַקציאָנערע סטעיט לעיבאָר באָארד פון מישיגען פאַנאַנדערגעשיקט אַ פאַלשען פינאַנציעלען באַריכט וואָס די קאָמפּאַני האָט זיי צוגעשטעלט. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרען צו ברעכען אונזער מוט. מיר אָבער זיינען געווען ענטשלאָסען צו געווינען. די קאָמפּאַני איז באַשטאַנען, אַז די יוניאָן זאָל אונז זאָגען, אַז אויב מיר גייען נים צוריק צו דער אַרבייט אויף אירע באַדינגונגען, וועט זי צומאַכען די שעפּער אויף אייביג. ברודער פלאַטקין, אָרגאַנאַיזער פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט אונז געבראַכט די באַדינגונגען פון דער קאָמפּאַני אַן וועלכע באַמערקונגען און מיר האָבען איינשטימיג געענטפערט „מיר וועלען נים סעטלען אָן דער יוניאָן; זאָל די קאָמפּאַני שליסען די שעפּער אויב זי וויל. מיר קענען לעבען אָן דער קאָמפּאַני אָבער די קאָמפּאַני קען נים עקזיסטירען אָן אונז״; מיר זיינען געווען איבערצייגט אַז וואָס מיר דאַרפען איז אַ יוניאָן. און איצט איז די אינטערנעשאָנאַל אין אויבער־מישיגען און זי וועט דאָרט שוין זיין.

„מיר זיינען געבוירען געוואָרען אין יוניאָניזם מיט ספקות אין אונזערע מחות און מיט מורא אין אונזערע הערצער. אין גוס רעגען, אין שטורעמס וואָס האָבען געבראַכט שניי ביז די קני, האָבען מיר געפּיקעט די שעפּער טאָג און נאַכט, און אָפט געשלאָפען נעבען פאַבריק. איר האָט פאַרטריבען אונזערע צווייפלען און אונזער מורא. ווען איך האָב געפּיקעט, און די אַנדערע מיט מיר, האָבען מיר געפילט אַז גאָט, אַמעריקע און די יוניאָן זיינען אַלע איינס. היינט צו טאָג האָבען מיר אונזער קאָנטראַקט און אונזער יוניאָן. אונזערע פירער זיינען צוריקגענומען געוואָרען אין די שעפּער. מיר האָבען אַ פערציג שטונדיגע אַרבייטס־וואָך און קיין אַרבייט שבת. מיר האָבען אונזער פרייז קאָמיטע, אונזער גריוועאַנס קאָמיטע און אונזער שאָפּ קאָמיטע.

„דאָס אַלץ דערפאַר, וואָס איר, וועלכע האָבען אונז נים געקענט, דורך פּרעזידענט דובינסקי און וויס־פּרעזידענט ביאַליס האָבען געהאָלפען אונז עפענען די אויגען און שפּייזען אונז אום דער הונגער זאָל אונז נים פאַרטרייבען צוריק אין די שעפּער.

„פאַר צוואַנציג יאָר האָבען מיר געאַרבייט פאַר דער אַלפּינאַ גאַרמענט קאָמפּאַני. פילע פון אונז זיינען פריצייטיג אַלט געוואָרען פון דער פינצטערניש און אָרעמקייט וואָס עס האָט אונז אַרומגערינגעלט. מיר זיינען געווען פרעמדע אין לאַנד אין וועלכער מיר זיינען געבוירען געוואָרען. איצט, זיינען מיר ווידער אַמעריקאַנער. און מיר וועלען עס קיינמאָל נים פאַרגעסען, סיי דעם אופן ווי איר האָט אונז געהאָלפען אין אונזער שטונדע פון נויט און סיי ווי אַזוי איר האָט אונז אומאַרעמט ווי ברידער און שוועסטער ווען מיר זיינען צו אייך געקומען.״

⁂

אָט דאָס איז דער נייער עלעמענט וואָס איז אַריינגעקומען אין אונזערע רייען דורך די לעצטע עטליכע יאָר. דאָס זיינען נים קיין קאָנקורענטען וואָס קומען אוועקנעמען אונזער ברויט, נאָר מעכטיגע צוגאָבען צו אונזער אַרמיי. דאָס איז דער יונגער דור, מיט וועלכען מיר מעגען שטאָלצירען. די קאָנווענשאָן האָט צוריפגעבראַכט די אַלטע פּיאָנערען פון אונזער יוניאָן מיט די נייע וואַקסיגע גרינע צווייגען. זיי האָבען זיך געגענזייטיג דערקענט און פאַרשטאַנען. פאַרשטאַנען און פאַראייניגט אין אַ מעכטיגען בונד פון קעמפער.

פּרעזידענט דוד דובינסקי'ס פּראָגראַם־רעדע ביי דער ערעפענונג

אין זיין ערעפנונגס־רעדע צו דער קאָנווענשאָן אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, האָט פּרעזידענט דובינסקי געגעבען דעם טאָן דער קאָנווענשאָן. ער האָט אין זיין רעדע אָנגערירט כמעט יעדע וויכטיגע פראַגע וואָס די קאָנווענשאָן האָט פאַר זיך געהאַט צו פאַרהאַנדלען און באַשליסען. די וויכטיגסטע שטעלען פון זיין רעדע זיינען ווי פאָלגט:

„מיר עפענען אונזער קאָנווענשאָן — האָט דובינסקי אָנגעהויבען — אונטער אַ שרעקליכען דרוק און אָנשטרענגונג וואָס באַהערשט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. כאָטש ברייטע ימים טיילען אונז אָפּ פון די שלאַכטפעלדער אין אייראָפּע און אַזיע; כאָטש די געפאַר פון אַ באַלדיגער אַטאַקע און איבערפאַל פון די געשוואָרענע שונאים פון דעמאָקראַטיע אויף אַמעריקע, איז אפשר ניט נאָענט, זיינען אָבער אונזערע הערצער און מוחות, אָן ספק, שטאַרק באַזאָרגט איבער דעם שיקזאַל פון די פרייע פעלקער וועלכע זיינען אין דעם מורא'דיגען געראַנגעל איבערגעגעבען פונקט ווי מיר צו די פּרינציפּען פון אַ פרייער רעגירונג און דעמאָקראַטישען לעבענסשטייגער.

„כאָטש מיר, אין אַמעריקע, האָבען זיך געהאַלטען נייטראַל לויט'ן בוכשטאַב פון אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ און די דיפּלאָמאַטישע רעגולאַציעס, קענען מיר, בירגער פון דער גרויסער דעמאָקראַטיע, אָבער ניט זיין נייטראַל אין גייסט. מיר קענען אין האַרצען ניט זיין גלייכגילטיג, ווען די געפאַר פון אַ זיג פון די דיקטאַטורען איבער די דעמאָקראַטיען הענגט ווי אַ שוואַרצער וואָלקען איבער אונזערע קעפּ. יעדען טאָג און שטונדע זיינען מיר מתפּלל און האָפען, אַז די דעמאָקראַטיען זאָלען אַרויס זיגרייך פון דעם טיטאַנישען געראַנגעל.

„און פון דער פּלאַטפאָרמע ווילען מיר שיקען אונזער וואָרט פון האַרציגער ערמוטיגונג צו דער אַרבייטער באַוועגונג אין די קעמפענדע דעמאָקראַטישע לענדער פון אייראָפּע, צו די אָרגאַניזירטע אַרבייטער, וועלכע האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין דעם הערואישען קאַמף פאַר זייערע פרייהייטען, צו די פירער פון די אַרבייטער אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע דעמאָקראַטישע לענדער, וועלכע פאַרטיידיגען מענשליכע פרייהייט אין זייערע היים־לענדער, געבענדיג, אָן צוריקהאַלט, זייער אַרבייטס קראַפט און זייערע לעבענס אָפּצושטעלען די פאַרפליצונג פון באַרבאַריזם און דיקטאַטור".

דערקלערענדיג, אַז די איבערוועלטיגענדע מערהייט פון די אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטע אַרבייטער און די גאַנצע מיטגלידערשאַפט פון דער אינטערנעשאָנאַל היסט גוט מיטן גאַנצען האַרצען פּרעזידענט רוזוועלט'ס פּאָליסי פון אַרויסהאַלטען דאָס לאַנד פון קריג און גלייכצייטיג געבען די דעמאָקראַטישע מלוכות יעדע מעגליכע הילף אין זייער קאַמף געגען די דיקטאַטאָרישע מלוכות; אָנווייזענדיג, אַז די אַרבייטער באַוועגונג שטיצט רוזוועלט'ס פּראָגראַם פאַר באַוואָפענען און פאַרשטאַרקען אַמעריקע געגען אַנגריף פון די טאָטאַליטערע מלוכות, וואָרענט דובינסקי אין דער זעלבער צייט געגען די פאַרזוכען פון די אַרבייטער שונאים אויסצונוצען די געלעגענהייט אויף צו פאַרניכטען די אַרבייטער שוץ געזעצען פון דעם ניו דיעל און אַוועקנעמען ביי די אַרבייטער זייערע געווינסען דורך דעם שטונדען־שכירות געזעץ, דעם וואַגנער אַקט און ענליכע געזעצען. ער דריקט אָבער אויס די איבערצייגונג, אַז אַזוי לאַנג ווי עס זיצט אין דער רעגירונג די איצטיגע פּראָגרעסיווע אַדמיניסטראַציע וועט די אַרבייטער שונאים ניט געלינגען צו פאַרניכטען די געזעצען אונטערן מאַנטעל פון פּאַטריאָטיזם. דובינסקי ציט אויך דערפון דעם שלוס, ווי נויטיג עס איז פאַר די אַרבייטער אָנצוהאַלטען די זעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע טעטיגקייט און זאָגט זיך אַרויס פאַר אַ דריטען טערמין פאַר פּרעזידענט רוזוועלט.

איבערגייענדיג צו די אינדוסטריעלע פראַגען, האָט פּרעזידענט דובינסקי געזאָגט:

„דורך די לעצטע דריי יאָר זיינען מיר געצוואונגען געווען צו באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט אומצייליגע שוועריגקייטען, עקאָנאָמישע איבערקערענישען און אינדוסטריעלע אַנטוישונגען. אונזער אינדוסטריע, די פּראָדוקציע פון פרויען קליידער, איז שווער געטראָפען געוואָרען דורך דעם קריזיס פון 1938, אפשר שווערער ווי אַנדערע אינדוסטריען. די ווירקונג פון דער דעפּרעסיע איז נאָך ביז היינט צו טאָג ניט איבער. די הויפּט שוועריגקייט אונזערע איז געווען — מאַנגעל אין אַרבייט און דער פאַרזוך פון מאַנכע עלעמענטען אין דער אינדוסטריע אויסצונוצען די אַרבייטסלאָזיגקייט אין אַ פאַרזוך אַראָנטערצודריקען די אַרבייטס־סטאַנדאַרדס און אונטערגראָבען די אַרבייטס באַדינגונגען.

טראָץ אָבער די אומגינסטיגע באַדינגונגען און דעם דרוק פון דער דעפּרעסיע אין לאַנד, האָבען מיר ניט פאַרלאָרען קיינע פּאָזיציעס אין די וויכטיגע סעקטאָרס פון אונזער אינדוסטריע. פאַרקערט, מיר האָבען זיך נאָך

פּרעזידענט דובינסקי אין אַ כאַראַקטעריסטישער פּאָזע
אַדרעסירענדיג דער קאָנווענשאָן

שטאַרקער פאַרפעסטיגט פּראַקטיש אין אַלע מאַרקעטס. מיר האָבען איבעראַל אָנגעהאַלטען אונזערע סטאַנדאַרדס און האָבען אַריינגעדרונגען אין פילע נייע געגענטען און אָפּטיילונגען פון דער קליידער פּראָדוקציע. מיר קומען אַהער צו דער 24טער קאָנווענשאָן מיט אַ פערטעל מיליאָן מיטגלידער און מיט אַ מער יוניאָן־באַוואוסטזיניגער מיטגלידערשאַפט ווי מיר האָבען ווען עס איז געהאַט, מיט אַ מיטגלידערשאַפט וועלכע פילט טיפער איר פאַראַנטוואָרטליכקייט צו איר אייגענעם לאָקאַל און צו דער אינטערנעשאָנאַל אַלס גאַנצע.

מיר, די אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין דער אינדוסטריע, האָבען בייגעשטייערט אַ גרעסערע מאָס סטאַביליטעט ווי אַלע אַנדערע פאַקטאָרען צוזאַמענגענומען. מיר זיינען צופרידען צו ערקלערען, אַז די מער אויפגעקלערטע עלעמענטען צווישען אונזערע אַרבייטס געבער האָבען קאָאָפּערירט מיט אונז אין דער ריכטונג. טראָץ דעם אָבער, זיינען גאָר פילע פון די אַזוי גערופענע „קאַפּיטאַנען פון דער אינדוסטריע" גאַנץ אָפט געקומען צו לויפען צו דער יוניאָן, בעטענדיג אַז מיר זאָלען אויסרייניגען פאַר זיי די תוהו וואָס זיי אַליין האָבען געהאָלפען דעמאָראַליזירען דורך מאַנגעל אין אינדוסטריעלער פאַראַנטוואָרטליכקייט און ניט יושר'דיגער קאָנקורענץ וואָס זיי האָבען אַליין פּראַקטיצירט".

די צעשפּליטערונג אין דער אַרבייטער באַוועגונג

„מיט פינף יאָר צוריק, ווען מיר האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער קאָמיטע פאַר אינדוסטריעל אָרגאַניזיישאָן, זיינען מיר געווען געגען דואַל יוניאָניזם אין וועלכער עס איז פאָרמע. מיר זיינען פּונקט אַזוי געגען דעם היינט צו טאָג. מיר וועלען אָט די שטעלונג אונזערע ניט אויפגעבען, ווייל מיר זיינען איבערצייגט, אַז די גאולה פון די אַרבייטער דאָ אין לאַנד, פאָדערט אַ פאַראייניגטע, מעכטיגע אַרבייטער באַוועגונג.

„פרידען אין דער אַרבייטער באַוועגונג איז היינט צו טאָג נויטיגער ווי ווען עס איז. אונזער נאַציאָנאַלע לאַגע, די צוקונפט פון דעם ניו דיעל און די סאָציאַלע און אַרבייטער געזעצען, מיט וועלכע עס איז פאַרבונדען די געפאַר פון אַרבייטער פיינטליכע געזעצען אין די סטייטס און אין לאַנד, דער וועלט קריזיס, דאָס אַלץ ווייזט אָן, אַז פרידען אין דער אַרבייטער באַוועגונג, וועלכעס איז געווען נויטיג אין 1937, און דרינגענד אין 1938 און 1939, ווען פּרעזידענט רוזוועלט האָט אַפּעלירט פאַר אייניגקייט אין די אַרבייטער רייען און די אינטערעסען פון פאָלק, איז איצט געוואָרען אַן אַבסאָלוטע לעבענס־וויכטיגקייט.

♣

„און דאָס לעצטע וואָרט: אין דעם חושך און האַרץ־ווייטאָג, וועלכער באַהערשט אונז אַלעמען, לאָמיר אַלע מאָל געדענקען, אַז די האָפענונג פאַר אַ בעסערער און ליכטיגערער צוקונפט ליגט אין דער אייביגער קראַפט וועלכע איז טיף איינגעוואָרצעלט אין אונזער באַוואוסטזיין און אין אונזער אַנטשלאָסענהייט אַלס פרייע אַמעריקאַנער מענער און פרויען צו באַשיצען און פאַרשטאַרקען אונזער פרייהייט, אונזערע רעכטען און אונזערע שווער אויסגעקעמפטע געווינסען געגען אַלע צעשטערער און פאַרשווערער פון מענשליכע ווערטען סיי דאָ אין לאַנד און סיי אין אויסלאַנד. אָט די באַוואוסטזיניגקייט און אַנטשלאָסענהייט האָט אונז געגעבען די שטאַרקסטע געווער צו פאַרטיידיגען זיך און אָנצוגרייפען, — אונזער אַרבייטער באַוועגונג. אָט די אַרבייטער באַוועגונג קען געדייען און האָבען די גרעסטע ווירקונג אויף אונזער לעבען בלויז אין אַן אַטמאָספערע פון ציווילע פרייהייטען און דעמאָקראַטישע רעכטען. מיר אין דער אינטערנעשאָנאַל לידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, זיינען אַ לעבענס וויכטיגער טייל פון אָט דער באַוועגונג. האָבענדיג דאָס אין זינען, — דער איינציגער האָפענונגספולער און ערמוטיגענדער געדאַנק אין אָט דער שווערער שעה, — לאָמיר זיך ווידמען ביי דער קאָנווענשאָן צו דער אויפגאַבע פון מאַכען אונזער יוניאָן פאַר וואָס אַ שטאַרקערען, נוצליכערען און פאָרטשריטליכען אינסטרומענט פאַר דעם וואוילזיין פון אונזערע אייגענע אַרבייטער, פאַר דער נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט אין וועלכער מיר לעבען און פאַר דעם אַלוועלטליכען אידעאַל פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט וועלכער ווערט היינט צו טאָג אַזוי שווער אָנגעגריפען.

„מיט רוהיגער אורטיילסקראַפט און דער געהעריגער אָפּשאַצונג פון די אישוס און פראַגען וואָס שטייען פאַר אונז ביי דעם היסטאָרישען צוזאַמענקונפט פון אונזער יוניאָן, לאָמיר ערפילען אונזער פליכט, יעדער פאַר זיך און אַלע צוזאַמען, אין דעם טראַדיציאָנעלען גייסט, וועלכער האָט געפירט אונזער אינטערנעשאָנאַל אין איר כסדר'דיגען מאַרש פאָראויס דורך די לעצטע פערציג יאָר".

●

פּרעזידענט רוזוועלט'ס באַגריסונג צו דער קאָנווענשאָן

פּרעזידענט רוזוועלט האָט אַריינגעשיקט די פאָלגענדע באַגריסונגס־טעלעגראַמע צו דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל:

„מיין טייערער מר. דובינסקי: איך בעט אייך, גיט איבער מיינע גרוסען און בעסטע וואונשען צו די דעלעגאַטען וואָס זיינען אַנוועזענד ביי דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל לעידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

„אייער אָרגאַניזאַציע, וועלכע פייערט איר פערציגסטען געבורטסטאָג, דאַרף באַגריסט ווערען אויף איר רעקאָרד פון אמת'ע דערגרייכונגען און געזונטע קאָנטראַקטליכע באַציהונגען מיט אַרבייטסגעבער גרופּען פאַר אַ לאַנגע צייט. איך ווינש אייך פיל מער יאָרען פון ווייטערען ערפאָלג און וואוילשטאַנד.

„זייער אויפריכטיג אייערער,

„פראַנקלין ד. רוזוועלט."

צוריק אין דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָװ לײבאָר

אײנער פון די װיכטיגסטע מאָמענטן בײ דער קאָנװענשאָן, סײ אין דראַמאַטישער קראַפט און סײ אין דער טיפער װירקונג, װאָס דער באַשלוס מוז האָבן אױפן לעבן פון אונזער אײגענער יוניאָן און פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער טרײד יוניאָן באַװעגונג, איז געװען דער באַשלוס, אַז די אינטערנעשאָנאַל זאָל זיך צוריק אָנשליסן אָן דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָװ לײבאָר. כאָטש עס איז געװען פריער באַװאוסט אַז די אינטערנעשאָנאַל װעט אין גיכן זיך צוריק אָנשליסן אָן דער פעדערײשאָן, האָט מען אָבער ניט גערעכנט אַז דאָס װעט געשען בײ דער קאָנװענשאָן. מען האָט גערעכנט, אַז די קאָנװענשאָן װעט געבן דער גענעראַל עקזעקוטיװ באָרד מאַכט צו האַנדלען אין דער פראַגע. פּרעזידענט דובינסקי'ס רעדע בײ דער ערעפענונג פון דער קאָנװענשאָן, װוּ ער האָט אָנגעװיזן אױף די דרײ שטערונגען װאָס זײנען דאָ פאַר דער אינטערנעשאָנאַל גלײך אַרײנצוגײן אין דער פעדערײשאָן, האָט דעם געפיל נאָך פאַרשטאַרקט. עס האָט ניט אױסגעזען מעגליך אַז אַט די שטערונגען זאָלן באַזײטיג װערן אין משך פון דער צײט װאָס די קאָנװענשאָן װעט אָנגײן מיט אירע זיצונגען. דערפאַר איז, װען די שטערונגען זײנען דאָך באַזײטיגט געװאָרן און די קאָמיטע אָן אַפּיסערס רעפּאָרט האָט רעקאָמענדירט, אַז די קאָנװענשאָן זאָל באַשליסן גלײך זיך צוריק אָנשליסן אָן דער פעדערײשאָן און נאָכדעם װען פּרעזידענט גרין האָט איבערגעגעבן דובינסקי'ן דעם טשאַרטער, האָט עס אַרױסגערופן אַזאַ באַגײסטערטע דעמאָנסטראַציע פון די דעלעגאַטן װאָס די אַלע װאָס האָבן עס בײגעװאױנט װעלן עס קײן מאָל אין לעבן ניט פאַרגעסן.

שילדערן די סצענע, װאָס האָט זיך אָפּגעשפּילט בײ דער קאָנװענשאָן אין יענעם היסטאָרישן מאָמענט, איז ניט מעגליך. װאָס עס איז אָבער װיכטיג, איז איבערצוגעבן אין קורצן די רעקאָמענדאַציע פון דער קאָמיטע און איר מאָטיװירונג פון דעם באַשלוס און די רעדעס פון די װאָס האָבן זיך באַטײליגט אין דער פראַגע. דאָס װעלן מיר טאָן.

אױסצוגן פון דער רעדע פון מעטהיו װאָל, װײס פּרעזידענט פון דער א. פ. ל.

װײס פּרעזידענט מעטיו װאָל האָט אַדרעסירט די קאָנװענשאָן נאָך אײדער די קאָמיטע אָן אַפּיסערס רעפּאָרט האָט אַרײנגעבראַכט איר היסטאָרישע רעקאָמענדאַציע. עס איז אָבער געװען נאַטירליך, אַז ער זאָל כמעט זײן גאַנצע רעדע װידמען דער פראַגע פון דער שפּאַלטונג אין דער טרײד יוניאָן באַװעגונג און דער פּאָזיציע פון דער אינטערנעשאָנאַל. װאָל, אַלס אױסגעשטודירטער לאָיער און דער לאָגישסטער מוח אין דער אַ. פ. אָװ ל. האָט אַרגומענטירט די קײס פון דער פעדערײשאָן מיט זעלטענער קראַפט און איבערצײגונג און האָט געמאַכט אַ געװאַלדיג שטאַרקן אײנדרוק אױף אַלע אָנװעזנדע.

געבענדיג אַן איבערבליק איבער דער גאַנצער געשיכטע פון דער שפּאַלטונג פון 1933 און נאָך פאַר דער גרינדונג פון דער סי. י. אָ. און איבער די פאַרשידענע פאַרזוכן װידער צו פאַראײניגן די בײדע טײלן פון דער באַװעגונג, האָט װאָל אָנגעװיזן, אַז עס איז אַלעמאָל געװען דזשאָן ל. לואיס, װאָס האָט ניט געװאָלט און ניט דערלאָזן קײן אײניגקײט. צום ערשטן מאָל, דוכט זיך, אין דער עפנטליכקײט, האָט װאָל געװיזן אַ מעמאָראַנדום אין דער האַנטשריפט פון דעם פאַרשטאָרבענעם סעקרעטאַר פון דער סי. אַי. אָ. און פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקאַל יוניאָן, טשאַרלס פּ. האַװאַרד, אין װעלכן עס איז אָנגעגעבן, אַז די פאָרטרעטער פון דער פעדערײשאָן בײ דער פרידענס קאָנפערענץ האָבן צוגעשטימט צו אָנערקענען 33 סי. אַי. אָ. יוניאָנס אַלס אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציעס און געבן די טשאַרטערס אַלס אַזעלכע.

איבערגעבנדיג אַלע אײנצעלהײטן װעגן די פאַרזוכן צו שאַפן פרידן; װעגן דער באַשטימונג פון אַ קאָמיטע פון עקזעקוטיװ קאָונסיל פון דער פעדערײשאָן נאָך אין 1936 און װעגן די פאַרהאַנדלונגען סוף 1937, װען די קאָמיטעס פון בײדע צדדים האָבן זיך געטראָפן פאַקטיש געאײניגט אױף פרידענס באַדינגונגען, האָט װאָל געזאָגט:

„מיר אַלע זײנען געװען אַזױ גליקליך מיט דעם װאָס מיר האָבן דערגרײכט די פאַרשטענדיגונג אַז מיר האָבן גלײך געװאָלט אַרײנרופן די פּרעסע־פאָרטרעטער. װעלכע האָבן געװאַרט אין דרױסן, זײ איבערצוגעבן די פרײליכע נײעס, צו לאָזן װיסן דער װעלט, אַז פרידן איז דערגרײכט געװאָרן אין דער אַרבײטער װעלט און אַז אײניגקײט הערשט װידער אין דער אָרגאַניזירטער באַװעגונג. טשאַרלס האַװאַרד, װעלכער איז געװען פאָרזיצער בײ דעם צוזאַמענקונפט, װײל מאַרעי איז ניט אָנװעזנד געװען, האָט אָבער באַמערקט, אַז מיר זאָלטן געדאַרפט װאַרטן מיטן אַנאָנסמענט אױף מאָרגן, װען מאַרעי װעט זײן אָנװעזנד. מיר האָבן אײנגעשטימט צו טרעפן זיך מאָרגן פרי מיט דעם צװעק צו אַנאָנסירן עפנטליך דעם אָפּמאַך. מיר האָבן געװאַרט אין דער באַשטימטער צײט אָבער די קאָמיטע פון דער סי. אַי. אָ. איז ניט געקומען. ענדליך האָט מען אונז געלאָזט װיסן, אַז זײ קענען זיך מיט אונז ניט טרעפן ביז נאָכמיטאָג. װען מיר האָבן זיך ענדליך צוזאַמענגעקומען נאָכמיטאָג, איז די פרײדיגע נײעס װאָס מיר האָבן געזאָלט אױסשרײען פאַר דער ברײטער װעלט װידער פאַרװאַנדעלט געװאָרן אין קלאַנג פון טױטן־גלאָקן פאַר שלום און אײניגקײט, װײל די פאַרשטענדיגונג, צו װעלכער מיר זײנען געקומען, איז צוריקגעװיזן געװאָרן — ניט חלילה פון דער קאָמיטע פון דער סי. אַי. אָ. נאָר פון די העכערע פירער פון דער אָרגאַניזאַציע.

װאָס איז דורך דער צײט געשען, קען פּרעזידענט דובינסקי אײך בעסער אױפקלערן װי איך. (דובינסקי האָט פאָרטראָטן די סי. אַי. אָ. בײ דער קאָנפערענץ). איך קען אײך בלױז דערצײלן װאָס עס איז באמת פאָרגעקומען צװישן אונז".

װאָל שילדערט דאַן װי בײדע צדדים האָבן צוגעשטימט אַז די טשערליט פון בײדע קאָמיטעס זאָלן זיך צונױפקומען מיט גרינ'ען און לואיס'ן און ערקלערט, אַז דאָס איז בלױז געװען װײכער צו מאַכן דעם קלאַפּ פון ענטױשונג פאַר די אַרבײטער. עס איז שױן דאַן קלאָר געװען, אַז די פאַרהאַנדלונגען װעלן צו גאָר ניט פירן. ער גײט דאַן איבער אום װאָס עס האָט זיך געהאַנדלט. עס איז געװען די פראַגע פון פאַראײניגן די דואַל יוניאָנס אין בײדע אָרגאַניזאַציעס, װעלכע זײנען גלײך סײ אין דער פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע און סײ אין כאַראַקטער און שײדן זיך בלױז אָפּ אין קלײניגקײטן, װי באַזונדערע סעטס באַאַמטע און פאַרשידענע פירונגען. צען אַזעלכע יוניאָנס זײנען געװען. אין זעקס פון זײ איז פאַקטיש ניט געװען קײן אונטערשיד. בלױז אין פיר זײנען געװען ערנסטע שװעריגקײטן. זײ זײנען געװען די מאַרין אַרבײטער, די רעגירונג'ס אָנגעשטעלטע װעלכע אַרבײטן פאַר די סטײטס און דער פעדעראַלער רעגירונג און, דוכט זיך, די ראַדיאָ אַרבײטער, בײ װעלכע די שװעריגקײט איז ניט געװען מיט דער עלעקטרישענס יוניאָן, נאָר מיט די יוניאָנס פון אַנדערע טרײדס, װעמעס מיטגלידער אַרבײטן אין די זעלביגע שפּער. װעלכע איז געװען די פערטע יוניאָן, געדענקט ער ניט. אָבער די קאָמיטע — זאָגט ער — איז געװען זיכער, אַז אַט די שװעריגקײטן האָבן געקענט אױסגעגליכן װערן, װײל פיר יוניאָנס פון זיבען אָדער אַכט און צװאַנציג יוניאָנס, װעלכע האָבן זיך געאײניגט, װאָלטן געמוזט נאָכגעבן דעם דרוק פון דער גרױסער מערהײט און שליכטן זײערע אונטערשײדן. טראָץ דעם אָבער איז די פאַרשטענדיגוניש פון די קאָמיטעס צוריקגעװיזן געװאָרן. און ער ענדיגט:

„איך פרעג אײך דעריבער: װער פאַרט איז פאַראַנטװאָרטליך פאַר דעם װאָס פרידן איז ניט דערגרײכט געװאָרן?"

מעטיו װאָל מאַכט דאַן אַ שטאַרקן אַפּיל צו דער קאָנװענשאָן, אַז די אינטערנעשאָנאַל זאָל זיך צוריק אָנשליסן אָן דער פעדערײשאָן און אַזױ אַרום העלפן ברענגען פרידן אין דער טרײד יוניאָן באַװעגונג, װײל קײן אַנדער װעג איז נישטאָ. ער פאַרזיכערט, אַז די פעדערײשאָן איז נישט אױסן צו פאַרניכטן קײנע פון די סי. אַי. אָ. יוניאָנס. אַלץ, װאָס זי זוכט, איז אַרײנצוברענגען זײ אין דער פעדערײשאָן און אַזױ אַרום שאַפן אײניגקײט.

אַט די פרײנדליכע אַבזיכטן צו די סי. אַי. אָ. יוניאָנס — האָט װאָל ערקלערט — ענטפערט די ערשטע שטערונג פאַר דער אינטערנעשאָנאַל אַרײנצוגײן אין דער פעדערײשאָן, אױף װעלכע פּרעזידענט דובינסקי האָט אָנגעװיזן אין זײן פּראָגראַם רעדע. די פעדערײשאָן זוכט ניט צו פאַרניכטן אָדער באַקעמפן די אַנדערע יוניאָנס, נאָר זי װיל זיך פאַראײניגן מיט זײ. אױף די אַנדערע צװײ שטערונגען, דאָס רעכט פון עקזעקוטיװ קאָונסיל צו סוספּענדירן אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס און דאָס װאָס געװיסע אומערליכע עלעמענטן האָבן זיך אַרײנגעכאַפּט אין פאַראַנטװאָרטליכע פּאָזיציעס אין מאַנכע אינטערנעשאָנאַלס, װײזט װאָל אָן, אַז ער אַלײן איז אױך געגן דער מאַכט פון קאָונסיל צו סוספּענדירן יוניאָנס; אַז ער אַלס פאָרשטײער פון אַ קלײנער יוניאָן (פאָטאָ ענגרײװערס) האָט מער מורא צו האָבן פאַר דער מאַכט פון עקזעקוטיװ קאָונסיל, װי אַזעלכע גרױסע, מעכטיגע יוניאָנס װי אונזער אינטערנעשאָנאַל. אַז אַט די מעטאָדע איז באַנוצט געװאָרן בלױז אין אַ נױט־פאַל און אַז דאָס װעט אָפּגעשאַפט װערן.

װעגן די ניט־געװאונטשטע עלעמענטן װידער, װײזט ער אָן, אַז אױב דער קאָונסיל זאָל קענען אַרױסװאַרפן אַט די עלעמענטן פון אַן אינטערנעשאָנאַל יוניאָן, װאָלט מען דעם קאָונסיל געמוזט געבן די מאַכט צו זאָגן אַ דעה די אָנגעשלאָסענע אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס װעמען זײ מעגן און װעמען זײ טאָרן ניט ערװײלן אָדער אָנהאַלטן אַלס באַאַמטע. אַזאַ מאַכט, װײזט ער אָן, איז געפערליך. עס איז די אױפגאַבע פון די מיטגלידער פון די יוניאָנס צו ערװײלן ערליכע, טרױענסװערטע באַאַמטע און אַרױסװאַרפן די װאָס זײנען ניט ערליך.

װאָל האָט פאַרענדיגט זײן רעדע מיט פאָלגענדן רירענדן אַפּיל:

„איך האָב זיך לאַנג אָפּגעשטעלט אױף די פראַגען, װײל איך גלױב, אַז די לאַגע מאַכט עס נױטיג און איך גלױב, אַז איר װעט מיר ענטשולדיגן פאַר אָפּנעמען בײ אײך אַזױ פיל צײט. איך בין אָבער גערירט געװאָרן פון דער סיטואַציע, אין װעלכער מיר געפינען זיך. איך זע װי אין אױסלאַנד אַנטװיקלט זיך אַ לאַגע, װעלכע איז אָנגעזאַפּט מיט געפאַר פאַר אונז, ניט בלױז אַלס בירגער, נאָר נאָך מער אַלס טרײד יוניאָניסטן.

„אין די אײראָפּעאישע און אַזיאַטישע לענדער, איז שױן מער הײנט קײן פרײע טרײד יוניאָן באַװעגונג נישטאָ. דער אײנציגער פּלאַץ, װוּ עס זײנען נאָך פאַראַן פרײע יוניאָנס, איז דאָ אין אַמעריקע. מיר מוזן דעריבער האַלטן אין זינען, אַז װי אַזױ מיר װעלן גײן, װעט די אַרבײטער באַװעגונג פון דער גאַנצער װעלט אונז נאָכפאָלגן. זאָלן מיר חלילה פאַרלירן אונזער פרײהײט; זאָלן אונזערע פרײע טרײד יוניאָן אָרגאַניזאַציעס פאַרניכטעט װערן, װעט עס נעמען יאָר־הונדערטער ביז די לױן־אַרבײטער איבער דער גאַנצער װעלט װעלן װידער דערזען דאָס ליכט פון טאָג. אַט דאָס איז די גרױסע ריזיקע. מיט װעלכער מיר מוזן זיך רעכענען. דאָס איז די גרױסע אױפגאַבע, װאָס באַרירט יעדן פון אונז. דאָס איז פאַרװאָס איך אַפּעליר צו אײך.

„לאָמיר אַלץ פאַרגעסן! פאַראײניגט זיך װי אײן מענטש אָנצוהאַלטן אַט די פרײהײטן. אונזער באַװעגונג איז די װאָס האַלט אױף דעם פאַקעל, די האָפענונג פאַר אונזערע חברים לױן־אַרבײטער איבער דער גאַנצער װעלט".

רעקאָמענדאַציע און רעזאָלוציע פון דער קאָמיטע אָן אַפּיסערס רעפּאָרט

די רעקאָמענדאַציע אַז די קאָנװענשאָן זאָל גלײך באַאױפטראַגן דער גענעראַל עקזעקוטיװע צו מאַכן אַלע אַראַנדזשמענטס פאַר דער אינטערנעשאָנאַל זיך צוריק אָנשליסן אָן דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָװ לײבאָר, איז פאָרגעבראַכט געװאָרן פון װײס־פּרעזידענט סאַמיועל אָטאָ, טשערמאַן פון דער קאָמיטע אָן אַפּיסערס רעפּאָרט.

די קאָמיטע גיט פריער אַן איבערזיכט איבער די פּאַסירונגען און דער שטעלונג פון אונזער אינטערנעשאָנאַל אין דער פראַגע דורך די אַלע יאָרן, און הײסט פולשטענדיג גוט און לױבט די האַנדלונג פון דער גענעראַל עקזעקוטיװ באָרד אין דער אָנגעלעגנהײט. דער באַריכט אַנאַליזירט דאַן די אַלע רעזאָלוציעס װעגן דער פראַגע װאָס זײנען אַרײנגעבראַכט געװאָרן צו דער קאָנװענשאָן און װעלכע איז איבערגעשיקט געװאָרן צו דער קאָמיטע. צװישן די רעזאָלוציעס, באַריכטעט די קאָמיטע, זײנען געװען 25 װאָס האָבן געפאָדערט, אַז אונזער אינטערנעשאָנאַל זאָל זיך גלײך אָנשליסן אָן דער פעדערײשאָן; 16 רעזאָלוציעס פאַר דעם, אַז אונזער יוניאָן זאָל װײטער בלײבן אומאָפּהענגיג און בלױז אײנע, פאַר צוריק אַרײן אין דער סי. אַי. אָ. פון די קאָרגע 162 טױזנט מיטגלידער װאָס געפינען זיך אין די

לאָקאַלס, וועלכע האָבן אויסגעדריקט אַ מיינונג איבער דער פֿראַגע דורך רעזאָלוציעס, זיינען קאַרגע 74 פּראָצענט פֿאַר אַריין אין דער פֿעדערײשאָן; 26 פּראָצענט, פֿאַר בלייבן אומאָפּהענגיג און בלויז איין פֿערטעל פֿון איינס פּראָצענט פֿאַר צוריק אַריין אין דער סי. אײ. אָ.

סומירענדיג די לאַגע, זאָגט דאָן דער באַריכט פֿון דער קאָמיסיע:

„די פֿאַנאַנדערגלידערונג פֿון די מאַטעריאַלן וואָס מיר האָבן פֿאַר זיך, לייגט אַרויף אויף אייער קאָמיטע די פֿאַראַנטוואָרטליכקייט צו רעקאָמענדירן אַ קורס וואָס זאָל לייזן פֿאַר אונזער יוניאָן, אויף דעם גינסטיגסטן אופֿן, די פּראָבלעמען פֿון אַנשליסן זיך אָן אַ נאַציאָנאַלער אַרבייטער פֿעדעראַציע און זאָל גלייכצייטיג אָפּשפּיגלען די פֿאַרלאַנגען און די וואונשן אין דער אַנגעלעגנהייט פֿון דער איבערוועלטיגענדער מערהייט פֿון אונזערע מיטגלידער.

„אין זיין ערעפֿנונגס רעדע האָט פּרעזידענט דובינסקי אָנגעוויזן אויף אַ רעאַליסטישן און פּראַקטישן אופֿן, די דריי הויפּט שטערונגען וואָס שטייען אין וועג פֿון אונזער אינטערנעשאָנאַל צוריק אָנשליסן זיך אָן דער פֿעדערײשאָן, וויכטיגסטענס גלייך איצט: 1) דער טעקס פֿון איין סענט אַ מאָנאַט פֿאַר יעדן מיטגליד אָנצופֿירן דעם קאַמף געגן דער סי. אײ. אָ.; 2) דאָס וואָס דער עקזעקוטיוו קאָונסיל האָט אומגעזעצליך זיך גענומען די מאַכט צו סוספּענדירן אָנגעשלאָסענע אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס צווישן קאָנווענשאַנס; און 3) דאָס וואָס די פֿעדערײשאָן האָט פֿאַרפֿעלט אָנצונעמען די נייטיגע דיסציפּלינערע מיטלען צו באַזייטיגן פֿון דער פֿירערשאַפֿט אין אָנגעשלאָסענע יוניאָנס פּערזאָנען, וועלכע טאָרען דאָרט קיין פּלאַץ ניט האָבן. בנוגע די אויסזאָגונגען, מיט וועלכע אייער קאָמיטע איז איינשטימיג מיטן גאַנצן האַרצן, ווילן מיר אייך איבערגעבן און אַריינשרייבן אין רעקאָרד דעם פֿאָלגענדן צושריפֿט, דאַטירט דעם 30טן מײַ, 1940, וואָס וויליאַם גרין, פּרעזידענט פֿון דער אַמעריקאַן פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר, האָט צוגעשיקט צו פּרעזידענט דובינסקי און איבער וועלכן אַ ספּעציעלע זיצונג פֿון אונזער גענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד האָט געהאַנדעלט. עס לייענט זיך:

דעם 30טן מײַ, 1940.
מר. דוד דובינסקי, פּרעזידענט
אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן
פּאַרק סענטראַל האָטעל, ניו יאָרק.

ווערטער הער און ברודער:

איך נעם זיך די פֿרייהייט צו שיקן אייך דעם בריוו, ווייל איך האָב אויסגעפֿונען דורך די פּרעסע באַריכטן וועגן דער רעדע וואָס איר האָט געהאַלטן ביי דער ערעפֿענונג פֿון אייער קאָנווענשאָן וועלכע ווערט איצט געהאַלטן אין דער שטאָט ניו יאָרק.

אין אייער רעדע האָט איר באַרירט דעם איין סענט אַסעסמענט אַ מאָנאַט, וואָס אַלע מיטגלידער פֿון דער אַמעריקאַן פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר דאַרפֿן צאָלן אין צוגאָב צו דעם איין סענט פֿער קאַפּיטע טעקס. איר האָט אויך דערמאָנט די מאַכט פֿון עקזעקוטיוו קאָונסיל צו סוספּענדירן אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס פֿון זייער אָנגעהעריגקייט צו דער פֿעדערײשאָן, פֿאַר געוויסע מעשים וואָס ווערן באַטראַכט אַלס פֿאַרלעצונגען פֿון די געזעצן, רולס און מנהגים פֿון דער אַמעריקאַן פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

איבער דעם וואָס איר האָט באַרירט אָט די פֿראַגען אין אייער רעדע, באַטראַכט איך עס פּאַסיג און ראַטזאַם צו לאָזן אייך וויסן, אַז דער עקזעקוטיוו קאָונסיל האָט געהאַנדעלט איבער די פֿראַגן מיט אַ קורצער צייט צוריק.

ביי אַ זיצונג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין וואַשינגטאָן, אָנפֿאַנגענדיג דעם 13טן מײַ, האָט דער עקזעקוטיוו קאָונסיל באַשלאָסן צו רעקאָמענדירן צו דער זעכציגסטער יערליכער קאָנווענשאָן פֿון דער אַמעריקאַן פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וועלכע וועט געהאַלטן ווערן אין ניו אָרלינס, פֿון נאָוועמבער דעם 18טן, אַז דער איין סענט אַ מאָנאַט פֿער מעמבער אַסעסמענט זאָל אָפּגעשאַפֿט ווערן. דער עקזעקוטיוו קאָונסיל האָט אויך באַשלאָסן צו רעקאָמענדירן, אַז דער פֿער קאַפּיטע טעקס וואָס די אינטערנעשאָנאַלס צאָלן, זאָל געהעכערט ווערן צו אַ סומע גענוג צו באַזאָרגן די פֿעדערײשאָן מיט אַן איינקונפֿט, גלייך צו דעם איינקונפֿט וואָס די האָט איצט פֿון די פֿער קאַפּיטע און דעם עקסטרע אַסעסמענט. פֿאַר דעם צוועק צו דעקן די אַדמיניסטראַטיווע אויסגאַבן און אויך אָנפֿירן אַן אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין צווישן די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבייטער אין לאַנד. דאָס מיינט, אַז די באַלאַנגען צו דער אַמעריקאַן פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר זאָל געשטעלט ווערן אויף דעם באַזיס פֿון פֿער קאַפּיטע אָנשטאָט די ביז איצטיגע טיילווייז פֿער קאַפּיטע און טיילווייז טעקס צאָלונגען.

דער עקזעקוטיוו קאָונסיל האָט ביים זעלבן מיטינג באַשלאָסן צו רעקאָמענדירן דער קאָנווענשאָן פֿון דער אַמעריקאַן פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר, אַז אַלע סוספּענדירונגען פֿון אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס אין פֿאַל אַזאַ שריט ווערט אַבסאָלוט נויטיג, זאָל געמאַכט ווערן בלויז פֿון אַ מאַיאָריטעט דעלעגאַטן ביי אַ יערליכער קאָנווענשאָן פֿון דער פֿעדערײשאָן.

דאָס וואָלט מיינען, אַז אויב די רעקאָמענדאַציעס פֿון קאָונסיל וועלן אָנגענומען ווערן, וועט די מאַכט און אויטאָריטעט צו סוספּענדירן נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס ליגן אויסשליסליך אין די הענט פֿון די קאָנווענשאָנס פֿון דער אַמעריקאַן פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

דער עקזעקוטיוו קאָונסיל האָט ניט באַצוועקט צו פֿאַרעפֿנטליכן די באַשלוסן פּריצייטיג, ווייל דאָס זיינען רעקאָמענדאַציעס צו דער קאָנווענשאָן פֿון דער פֿעדערײשאָן וואָס דאַרף עפֿענען ווערן קומענדן נאָוועמבער אין ניו אָרלינס. איך האָף און גלויב, אַז די אינפֿאָרמאַציע, וואָס איך שיק אייך, וועט אויפֿקלערן די פֿראַגע וועלכע איר האָט באַרירט אין אייער רעדע ביי דער ערעפֿנונג פֿון אייער קאָנווענשאָן.

איך שיק אייך מיינע בעסטע וואונשן פֿאַר אַן ערפֿאָלגרייכער קאָנווענשאָן, און צו די דעלעגאַטן, וואָס זיינען אַנוועזנד, מיין ברודערליכן גרוס און מיינע פּערזענליכע גליק וואונשן.

ברידערליך אייערער,
(אונטערגעשריבן) וויליאַם גרין,
פּרעזידענט, אַ. פֿ. אָוו ל.

די קאָמיטע אין איר רעפּאָרט דריקט אויס דעם גלויבן, אַז דורך דעם בריוו זיינען באַזייטיגט געוואָרן צוויי פֿון די שטערונגען וואָס האָבן ניט דערלאָזט אַז די אינטערנעשאָנאַל זאָל זיך גלייך צוריק אָנשליסן אָן דער פֿעדערײשאָן. וועגן דער דריטער פֿראַגע, זאָגט אָבער די קאָמיטע, אַז טראָץ דעם וואָס מיר גלויבן אַז די אויטאָנאָמע מאַכט פֿון די אָנגעשלאָסענע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס טאָר ניט אָנגערירט ווערן, טאָרן אָבער אָט די אויטאָנאָמע רעכטן ניט באַנוצט ווערן אויף באַשיצן פּערזאָנען, וועלכע עקספּלואַטירן די אַרבייטער באַוועגונג פֿאַר פּערזענליכע נוצן אָדער באַרייכערונג, אָדער אַזוינע וואָס זיינען פֿאַר'משפּט געוואָרן פֿאַר פֿאַרברעכנס אין שייכות מיט מאָראַלער פֿאַרדאָרבענהייט. די קאָמיטע זאָגט דעריבער איבער דער פֿראַגע:

„אייער קאָמיטע גלויבט, אַז עס דאַרף זיין די וויכטיגסטע אויפֿגאַבע פֿון אַלע, וואָס זיינען פֿאַראינטערעסירט צו האַלטן די אַרבייטער באַוועגונג פֿריי פֿון דעם פֿלעק פֿון רעקעטירינג און באַשיצן דעם גוטן נאָמען און פּרעסטיזש פֿון די אַרבייטער, צו זען אַז די קאָנווענשאָן פֿון דער פֿעדערײשאָן זאָל שאַפֿן אַזוינע געזעצן וועלכע זאָלן אויף אייביג פֿאַרטרייבן קאָרופּטע עלעמענטן פֿון איר מיט.

„אייער קאָמיטע רעקאָמענדירט דעריבער, אַז אונזער אינטערנעשאָנאַל זאָל זיך צוריק אָנשליסן אָן דער אַמעריקאַן פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר און אַז די אַריינקומענדע גענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד זאָל גלייך נעמען די נייטיגע שריט פֿאַר ווידער אָנשליסן זיך, און ווען מיר וועלן זיך ווידער אָנשליסן אָן דער פֿעדערײשאָן, זאָלן אונזערע דעלעגאַטן צו דער קומענדער קאָנווענשאָן פֿון דער אַמעריקאַן פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר אין ניו אָרלינס אינסטרואירט ווערן, פֿאָרצושלאָגן אַזוינע געזעצן ביי דער קאָנווענשאָן און אַרבייטן פֿאַר דעם אַז עס זאָל אויסגעאַרבייט ווערן אַ פֿאָרמולע וואָס זאָל געבן מאַכט דעם עקזעקוטיוו קאָונסיל אַרויסצוואַרפֿן פֿון פּאָזיציעס פֿון צוטרוי און פֿאַראַנטוואָרטליכקייט אין דער אַרבייטער באַוועגונג, אַזוינע פּערזאָנען וועמעס רעקאָרד באַשמוצט די באַוועגונג, און איז דעריבער שעדליך פֿאַר איר. און,

„אָנשליסענדיג זיך אָן דער אַמעריקאַן פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר, זאָל אונזער יוניאָן פֿאָרזעצן אירע אָנשטרענגונגען, ווייטער נאָכצוחגן יעדע מעגליכקייט אין דער אַ. פֿ. אָוו ל. צו ברענגען פֿרידן אין דער אַרבייטער באַוועגונג און אַרבייטן דערפֿאַר".

די רעקאָמענדאַציע פֿון דער קאָמיטע איז, ווי געזאָגט, אָנגענומען געוואָרן ביי דער קאָנווענשאָן מיט 640 שטימען פֿאַר און 12 דאַגעגן.

די קאָמיטע האָט אויך פֿאָרגעשלאָגן די פֿאָלגענדע רעזאָלוציע, וועלכע איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן ביי דער קאָנווענשאָן:

„די אַרבייטער באַוועגונג אין אַמעריקע וועט וואַקסן אין וויכטיגקייט און פּרעסטיזש, אַזוי לאַנג ווי עס קען האָבן דעם צוטרוי און אַכטונג פֿון דעם עולם. דאָס וועט מעגליך זיין בלויז, ווען עס וועט זיך אָפּגעבן מיט האַלטן די אַרבייטער באַוועגונג ריין און פֿריי פֿון דעם שמוץ פֿון רעקעטירונג. באַאַמטע פֿון יוניאָנס, וועלכע פֿאַרוואַלטן זייערע אָנגעלעגנהייטן, פֿאַרנעמען פּאָזיציעס פֿון עפֿנטליכן צוטרוי און פֿאַראַנטוואָרטליכקייט און מוזן זיין איבער יעדן חשד אין דער ערפֿילונג פֿון זייערע פֿליכטן און אין זייער יעדער האַנדלונג.

„אָפּצושאַפֿן אַזאַ לאַגע ווי עס איז לעצטנס אויפֿגעדעקט געוואָרן און צו דער זעלבער צייט ניט איבערטרעטן די אויטאָנאָמע רעכטן וואָס די נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס און פֿעדעראַלע לאָקאַלס האָבן אונטער דער קאָנסטיטוציע פֿון דער אַ. פֿ. אָוו ל., האָבן מיר אויסגעאַרבייט די פֿאָלגענדע רעזאָלוציע וועלכע אונזערע דעלעגאַטן צו דער קאָנווענשאָן פֿון דער פֿעדערײשאָן זאָלן פֿאָרשלאָגן, וועלכע ווייזט אָן אַ וועג ווי דאָס קען דערגרייכט ווערן.

רעזאָלוציע

„נאָך דעם באַשלוס פֿון דער 24טער קאָנווענשאָן פֿון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן זיך צוריק אָנצושליסן אָן דער אַ. פֿ. אָוו ל. לייגט פֿאַר אייער קאָמיטע פֿאַר דער קאָנווענשאָן די פֿאָלגענדע רעזאָלוציע אָנצונעמען:

„באַשלאָסן, אַז די דעלעגאַטן פֿון דער אינטערנעשאָנאַל צו דער קומענדער קאָנווענשן פֿון דער אַ. פֿ. אָוו ל. ווערן באַפֿוילן פֿאָרצושלאָגן און אַרבייטן פֿאַר דעם אָננעמען פֿון פֿאָרשלאָגן וואָס זאָלן אַנטהאַלטן די פֿאָלגענדע פּונקטן:

„1) אַז די אַמעריקאַן פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר דורך איר עקזעקוטיוו קאָונסיל אָדער דורך וועלכער עס איז אַנדער אויטאָריזירטער אַגענטור זאָל האָבן די פֿולע מאַכט צו באַפֿעלן נאַציאָנאַלע אָדער אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס אָדער פֿעדעראַלע לאָקאַלס, וואָס זיינען אָן איר אָנגעשלאָסן, צו באַזייטיגן יעדע פּערזאָן אָדער פּערזאָנען, וואָס זיינען פֿאַראורטיילט געוואָרן פֿאַר וועלכען עס איז פֿאַרברעכן וואָס האָט צו טאָן מיט מאָראַלער פֿאַרדאָרבענהייט אָדער איז פֿאַראורטיילט געוואָרן פֿאַר באַנוצן זיין אָפֿיציעלן אַמט אין דער יוניאָן פֿאַר פּערזענליכע נוצן, אין יעדן פֿאַל וואו די יוניאָן האָט עס אַליין פֿאַרפֿעלט צו טאָן.

„2) אַלע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָנס און פֿעדעראַלע לאָקאַלס, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אָן דער פֿעדערײשאָן, זאָלן איינשליסן אין זייער קאָנסטיטוציע געהעריגע פֿאָרשריפֿטן צו קענען דיסציפּלינירן באַאַמטע, וועלכע וועלן שולדיג זיין אין אַזוינע פֿאַרברעכנס.

„3) אַז ווען אַן אָנגעשלאָסענע יוניאָן פֿאַרפֿעלט צו נעמען שריט געגן באַאַמטע, וואָס ווערן באַשולדיגט אין די אויבן דערמאָנטע פֿאַרברעכנס אין אײַנקלאַנג מיט די פֿאָרשריפֿטן פֿון איר קאָנסטיטוציע, זאָל די אַ. פֿ. אָוו ל. נוצן איר פֿולע מאָראַלע מאַכט צו צווינגען דער באַטרעפֿנדער יוניאָן אַריינברענגען קלאָגן און דורכפֿירן אַ משפּט איבער דעם".

פּרעזידענט גרין'ס אויפֿטריט ביי דער קאָנווענשאָן

גלייך נאָכדעם ווי די רעקאָמענדאַציע פֿון דער קאָמיטע אַז די אינטערנעשאָנאַל זאָל זיך צוריק אָנשליסן אָן דער אַ. פֿ. אָוו ל. איז אָנגענומען געוואָרן, האָט וויים פּרעזידענט דשוליוס האָכמאַן פֿאָרגעשלאָגן, אַז פּרעזידענט וויליאַם גרין פֿון דער אַמעריקאַן פֿעדערײשאָן אָוו לייבאָר זאָל איינגעלאַדן ווערן צו אַדרעסירן די קאָנווענשאָן. דער פֿאָרשלאָג איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן און פּרעזידענט גרין איז געקומען צו דער קאָנווענשאָן מיט אַ טאָג שפּעטער און איז באַגריסט געוואָרן מיט איינער פֿון די שטורעמדיגסטע דעמאָנסטראַציעס פֿון די דעלעגאַטן און געסט.

פּרעזידענט דובינסקי'ס רעדע ביים פֿאָרשטעלן גרין'ען

נאָך דער דעמאָנסטראַציע, האָט פּרעזידענט דובינסקי געהאַלטן די פֿאָלגענדע רעדע ביים פֿאָרשטעלן פּרעזידענט גרין:

„פֿון דעם מאָמענט אָן פֿאַרענדיגן מיר אין סעזאָן אין אונזער לעבן אַלס אַרבייטער אָרגאַניזאַציע און טייל פֿון דער אַמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג. און פֿאַנגען

אן א צווייטע פעריאדע. פאר א משך פון איבער צווי יאר זיינען מיר געווען פארבונדען מיט דער סי. אי. א. א יאר און א האלב זיינען מיר געווען אומאפהענגיג. איצט זיינען מיר צוריק אין דער היים, אלס טייל פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר.

„מיר זיינען געווען פארבונדען מיט דער פעדעריישאן פון אונזער סאמע געבורט אן. 37 יאר זיינען מיר געווען א טייל פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג און א טייל פון דער א. פ. אוו ל. דורך די אלע יארען האבען מיר ניט אלע מאל איינגעשטימט מיט די פאליסיס וואס זיינען אויסגעארבייט און נאכגעפאלגט געווארען פון דער פעדערישאן. אבער מיר האבען אלע מאל באטראכט די פעדעריישאן אלס אונזער היים. סיי די זאכען מיט וועלכע מיר האבען איינגעשטימט און סיי די מיט וועלכע מיר האבען ניט איינגעשטימט, זיינען מיר גרייט געווען צו האלטען איינערהאלב דער ארבייטער־משפחה און דארט אויסקעמפען אונזערע מיינונגס־פארשיידענהייטען. אויף אזוי ווייט ווי עס איז אונז געלונגען צו ביירטען דעם שטאנדפונקט און מאכען פארשריט זיינען מיר געווען גליקליך; ווען מיר האבען עס ניט געקענט באוויזען, זיינען מיר גרייט געווען פארצווייפעלט אגיטירען פאר אונזער שטאנדפונקט מיט טאלעראנץ, אכטונג פאר יעגעם און דורך דיסקוסיעס.

„מיר האבען באשלאסען זיך צוריק אנצושליסען אן דער פעדעריישאן, ווייל פרעזידענט גרין האט אונז געלאזט וויסען אז וועגען צווי פון די דריי וויכטיגסטע אישוס וואס מיר האבען גערעכענט אז זיי פארצאמען דעם וועג פאר אונזער צוריק אריינטריט, האט דער עקזעקוטיוו קאונסיל אנגענומען באשלוסען און רעקאמענדאציעס, און מיר זיינען גליקליך אויסצוגעפינען, אז די באשלוסען מאכען מעגליך פאר אונז זיך גלייך ווידער אנצושליסען אנשטאט בלויז צו ערקלערען אז עס איז נויטיג אנצושליסען זיך און איבערגעבען די מאכט צו האנדלען צו דער ג. ע. ב. איצט ווען אונזער אנשליסען זיך אריין אין קראפט גלייך ביי דער קאנווענשאן און מיר זיינען גליקליך דערמיט".

אנווייזענדיג, אז אויך אין דער צוקונפט וועלען מיר ווארשיינליך האבען אונזערע מיינונגס פארשיידענהייטען אבער דאס קען אונז ניט שטערען פון זיין פאראייניגט און צוזאמען; האפענדיג אז דאס צוריק אריינטרעטען אין דער פעדעריישאן איז אן וועלכע עס איז רעזערוואציעס אדער באדינגונגען און גלייכצייטיג אויסדריקענדיג די האפענונג אז די פעדעריישאן וועט געפינען די מיטלען פאר איר איינענעם נוצען און פאר דעם נוצען פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג, צו באפרייען די אנגעשלאסענע יוניאנס פון די עטליכע אונגעווינשטע עלעמענטען, וועלכע האבען זיך אריינגעכאפט אין מאכט, האט פרעזידענט דובינסקי פארענדיגט:

„היינט איז א היסטארישער טאג אין דעם לעבען פון אונזער יוניאן. היינט איז א היסטארישער טאג אין דעם לעבען פון דער ארבייטער באוועגונג. היינט איז א יום טוב, ווייל מיר זיינען צוריק אין אונזער גרויסער משפחה, צוריק דארט וואו מיר ווילען זיין".

אויסצוגען פון פרעזידענט גרין'ס רעדע

„איך בין טיף גערירט פון דעם גרויסארטיגען וועלקאמען וואס איר האט מיר דא היינט געגעבען. איך פיהל אויס דעם גייסט וועלכען איר האט דא היינט מאניפעסטירט אלס איבערגעבענהייט און געטריישאפט צו די פרינציפען פון דער גרויסער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג פון אונזער לאנד און אייער פעסטע אנטשלאסענהייט צו ברענגען פרידען און איינינקייט אין דער ארבייטער באוועגונג.

„איך בין אין פולען אנקלאנג מיט דעם גייסט און מיט דעם צוועק און איך פארשפרעך דא איצט מיט דער גאנצער עהרע וואס איך באזיץ, געשטיצט דורך די אלע דינסטען און טעטיגקייטען פון מיין לעבען, אז איך וועל טאן אלץ וואס עס וועט זיין אין מיינע כחות צו פארהיילען דעם ריס און שאפען איינינקייט אין אונזער ארבייטער באוועגונג.

„מיין הארץ האט געקלאפט מיט פרייד ווען איך האב נעכטען ערפארען וועגען דער האנדלונג פון דער קאנווענשאן. איך וויל אויך אויסדריקען, פריהער פון אלץ, מיין דאנקבארקייט און מיין טיפע אנערקענונג פאר דעם וויכטיגען שריט וואס איר האט געמאכט און פאר די גרויסע דינסט וואס איר האט געליסטעט די ארבייטער און דער מענשהייט אלס גאנצע.

„קיין זאך וואס עס האט פאסירט דורך די טעג פון נסיונות און מאטערנישען קען באטראכט ווערען פאר מער באדייטונגספול און קאנסטרוקטיוו ווי די האנדלונג פון אייער קאנווענשאן נעכטען. שטעלט זיך פאר די פסיכאלאגישע ווירקונג פון אייער באשלוס צו קומען צוריק א היים אין דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר! דאס וועט דערהויבען די מאראל פון אונזערע מיטגלידער, פון די ארבייטער מענער און פרויען, ניט בלויז פון די וואס זיינען אין דער פעדעריישאן, נאר אויך פון די וואס

פרעזידענט וויליאם גרין גיט איבער דעם טשארטער צו פרעזידענט דובינסקי; וויס־פרעזידענט האכמאן שטייט ביי דער זייט

זיינען אויסער אונזערע רייען. איר האט אנגעצונדען האפענונג און ענטשלאסענהייט; איר האט אויפגעבויט די מאראל וואס איז געווען אפגעשוואכט; איר האט פארטריבען ספקות און מורא; און איך זאג פאראויס, אז אט די באוועגונג וועלכע איר האט אנגעהויבען, וועט ארויסרופען א באוועגונג אין אנדערע קרייזען, ברענגענדיג די רענק און פייל צוריק אין א פעסטע, פאראייניגטע באוועגונג.

„עס איז געווען מיין טיפער אינטערעס אין אייער גרויסער באוועגונג, אין אייער פרעכטיגער, מיליטאנטער ארגאניזאציע וואס האט מיר באוואויגען צו שיקען דעם אפיציעלען צושריפט צו אייער ווערטען פרעזידענט און וועלכער איז אייך דא פארגעליענט געווארען נעכטען. איך ערקלער אייך איצט, אז אט דער צושריפט האט אפגעשפיגעלט און שטעלט פעסט די איצטיגע פאליסי פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לעיבאר. יעדעסווארט וואס איז דארט געשריבען און איינגעשלאסען, איז פארזיכטיג געוואויגען און באטראכט געווארען און איך בין באוועגט געווארען צו שיקען דעם צושריפט דורך דער קאנסטרוקטיווער רעדע וואס פרעזידענט דובינסקי האט געהאלטען ביי דער ערעפענונג פון אייער קאנווענשאן. איצט ווידערהאל איך און באטאן, אז די אלע פארשפרעכענס און פארפליכטונגען וואס דער צושריפט ענטהאלט וועלען ערפילט ווערען פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לעיבאר".

פארזיכערענדיג, אז די פעדעריישאן און ער פערזענליך טראגען אויף קיינעם ניט קיין שנאה, אפילו ניט אויף די וואס האבען אים אטאקירט און אז די פעדעריישאן שטייט נאך איצט גרייט צו שליסען פרידען אין דער ארבייטער באוועגונג, האט פרעזידענט גרין אנגעוויזען, אז די פעדעריישאן איז אלע מאל געשטאנען און שטייט נאך איצט געגען יעדע פארמע פון דיקטאטור און פאר דעמאקראטיע; געגען וועלכע עס איז דיסקרימינאציעס געגען ראסען אדער מינאריטעטען און פאר אלע ציווילע פריהייטען. די פעדעריישאן — האט ער אנגעוויזען און ער פערזענליך באגרייפען ווי וויכטיג עס איז צו האלטען די ארבייטער באוועגונג ריין פון פארדארבענע עלעמענטען. גלייכצייטיג אבער האט ער אנגעוויזען, אז אין די פיר מיליאן מיטגלידער וואס די פעדעריישאן האט איז עס נאטירליך אז עס זאלען זיך אויך דא און דארט אריינכאפען אזוינע נפשות. זיי געפינען זיך אין יעדען קלאס און קרייז, צווישען די רייכע און ארימע, אין רעליגיעזע אינסטיטוציעס און אין געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס. אין פארגלייך מיט אנדערע קרייזען, האט די ארבייטער באוועגונג זיכער ניט קיין גרעסערען פראצענט פון די ניט־געווינשטע עלעמענטען. דאס מיינט אבער ניט אז מיר דארפען זיי דולדען. עס איז די מאראלע פליכט פון יעדער יוניאן זיי אויסצורייניגען.

פרעזידענט גרין האט דאן פארענדיגט זיין רעדע מיט פאלגענדע ווערטער:

„איך קען אייך גאר ניט ערקלערען וואס עס מיינט אייער צוריקקער אין דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר. עס מיינט אזוי פיל! עס מיינט, גלויב איך, דער סוף פון צעטיילונג און צוויסטיגקייטען אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. דאס איז געווען דער ערין מאראלער און עקאנאמישער שריט וואס איז אזוי נויטיג אין א קריטישען מאמענט, אין א צייט ווען אזא האנדלונג איז נויטיג געווען.

„ווי אומעטיג עס איז מיר געווען די לעצטע צוויי־דריי יאר! ווייל איך האב תמיד געשעצט די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל. איך האב שטודירט אייער געשיכטע. איר זייט געווען ווי א דעמב וועלכער, כאטש ער ווערט געבויגט הין און צוריק פון שטורם און דראנג, פארצעלט ער זיך אלץ טיפער איין אין דער ערד. יעדער סטרייק וואס איר האט געפירט, געוואונען צי פארלארען, האט געשטארקט די אינטערנעשאנאל, פארפעסטיגט איר אנטשלאסענהייט און סאלידער פאראייניגט אייך, ביז איר זייט געווארען די אנגעזעהענסטע ארגאניזאציע אין די פאראייניגטע שטאטען היינט צו טאג.

„איז עס אייך געקומען אויפ'ן זינען, אז דעם דריטען יוני, 1900, פונקט מיט פערציג יאר צוריק, זייט איר צום ערשטען מאל אריינגענומען געווארען אין דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר, און היינט — מיט פערציג יאר שפעטער — שליסען מיר אייך צוריק איין אלס מיטגליד? קיינער, דוכט זיך מיר, קען ניט ווי געהעריג אפשאצען די באדייטונג פון אט דער וויכטיגער פאסירונג און ריכטיג באגרייפען די פולע באדייטונג און די רעזולטאטען דערפון.

„און איצט, האבענדיג דערגרייכט דעם ערנסטען מאמענט ביים שלוס פון מיין רעדע, וויל איך איבערגעבען אייער פירער און אייער פרעזידענט דעם וויכטיגען צייכען פון דעם צוריק אריינגעמען אייער אינטערנעשאנאל און דאס באשיינקען איר מיט אלע רעכטען און פריווילעגיעס, יורירדיקציע און אלע אנדערע רעכטען וואס עס האבען די יוניאנס אין דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לעבאר. אייער געערטער פרעזידענט האט געזאגט „קיין באדינגונגען". עס זיינען נישטא קיין באדינגונגען. אין מיין ווערטער־בוך איז נישטא אזא ווארט. דא, ברודער דובינסקי, גיב איך אייך איבער דעם סימבאל, אט דעם צייכען. (גיט אים איבער דעם טשארטער).

„נאך איין ווארט. דער פאפיר, איז ניט קיין אריגינעלער טשארטער. עס איז בלויז א צייכען פון צוריקקער. דעם אריגינעלען טשארטער האט איר בירושה פון פריהער.

„איר ווייסט, פון דעם מאמענט אן זייט איר צוריק אין דער היים, איר קומט צוריק צו לעבען צוזאמען מיט די פיר מיליאן אנדערע איבערגעגעבענע און געטרייע מיטגלידער פון דער אמעריקען פעדעריישאן און

די וויכטיגסטע רעדעס ביי דער קאנווענשאן

ביי אונזער קאנווענשאן, ווי ביי אלע קאנווענשאנס, זיינען געהאלטען געווארען א סך רעדעס. רעדעס פון אונזערע אייגענע פירער און פארשטייער איבער פארשיידענע וויכטיגע פראגען, און רעדעס פון איינגעלאדענע געסט און באגריסער. פילע פון די רעדעס זיינען געווען גוטע און וויכטיגע, אבער זיי אלע פארעפענטליכען איז ניט מעגליך. מיר גיבען דא דעריבער בלויז די סאמע וויכטיגסטע פון 'זיי און דעם אינהאלט און קורצע אויסצוגען פון די רעדעס פון איינגעלאדענע געסט און באגריסער.

גאווערנאר לעהמאן

גאווערנאר הערבערט ה. לעהמאן האט באגריסט די קאנווענשאן ביי איר ערעפענונג אין מעדיסאן סקווער גארדען. ער האט דערציילט וועגען זיין לאנגער פארבינדונג מיט דער אינדוסטרי און מיט אונזער יוניאן, געלויבט אירע דערגרייכונגען און ערקלערט:

„היינט צו טאג זוכט דער עולם פאראנטווארטליכקייט אין דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג. דעם צוטרויען וואס עס וועט האבען אין די ארגאניזירטע ארבייטער, וועט זיין אין דירעקטער פראפארציע מיט דער אפענהארציגקייט מיט וועלכע די ארבייטער באוועגונג וועט פארוואלטען אירע אייגענע אנגעלעגענהייטען און מיט דער פעהיגער און אויפריכטיגער ערפילונג פון אירע פאראנטווארטליכקייטען אונטער קאנטראקטליכע פארפליכטונגען.”

גאווערנאר לעהמאן האט זיך אפגעשטעלט אין זיין רעדע אויף דער אינטערנאציאנאלער לאגע און אנגעוויזען ווי נויטיג עס איז איצט פרידען אין דער טרייד יוניאן באוועגונג און פולע קאאפעראציע צווישען דער רעגירונג, ארבייטס־געבער און ארבייטער פאר דער באשיצונג פון לאנד און אונזערע פרייהייטען. ער האט פארענדיגט מיט דעם פאלגענדען צורוף:

„אין דער איצטיגער קריטישער צייט, איז קיין זאך ניט אזוי וויכטיג לויט מיין מיינונג ווי צו קאנצענטרירען זיך אינדוסטריעל אויף איין אויפגאבע. עס איז דעריבער נויטיג מער ווי אלע מאל, אז מיר זאלען האבען, ערשטענס, פרידען אין די רייען פון דער ארבייטער באוועגונג; צווייטענס, אויפריכטיגער צוזאמענארבייטען צווישען ארבייטער און ארבייטסגעבער, און דריטענס, אנצוהאלטען א קאנסטרוקטיווע שותפות צווישען דער רעגירונג, ארבייטער און ארבייטסגעבער.”

סענאטאר וואגנער

האט גערעדט אין דעם אינטערנעשאנעל טאג ביי דער וועלט־אויסשטעלונג. אלס זיין הויפט טעמע האט ער גענומען פרעזידענט רוזוועלט'ס רעדע פאר באוואפענען דאס לאנד צו פארטיידיגען זיך געגען די דיקטאטארס און גלייכצייטיג אויפהאלטען די סאציאלע געווינסטען פון דעם ניו דיעל. זאגענדיג אז אלע ווייסען, אז אויף פרעזידענט רוזוועלט'ס פארשפרעכען קען מען זיך פארלאזען, האט ער געזאגט:

„שטייענדיג היינט פאר דער גרויסער מאסע מענשען, זע איך אייך ווי אן ארמיי, פעסט אין ווילען און שטארק אין קראפט צו דערגרייכען אט די ביידע פארשפרעכענס צום אמעריקאנער פאלק. איך זע אייך ווי אן ארמיי צו באשיצען אונזער פאלק און אונזערע אינסטיטוציעס, ניט דערמיט וואס איר זייט אין מיליטער־דינסט, נאר דערמיט וואס איר זייט אין דינסט פון דער מענשהייט און ווייל די דויערענדע קראפט פון ציוויליזאציע האלט זיך הויפטזאכליך אויף דעם באנוצען זיך מיט דעמאקראטישע פרינציפען אום צו דערגרייכען די דעמאקראטישע צילען.

„זיכער, איז נויטיג אויפצובויען אונזער לופט־פלאט, ארמיי און ים־פלאט. מיר דארפען אבער נאך מער ווי דאס. מיר מוזען פארשטארקען די איבערצייגונג, אז אונזער לאנד, מער ווי וועלכע עס איז אנדער לאנד אין דער וועלט, איז ווערט צו באשיצען און צו לעבען פאר איר.”

אנדערע רעגירונג'ס פארשטייער

אנדערע וויכטיגע רעגירונגס־פארטרעטער וואס האבען אדרעסירט די קאנווענשאן זיינען געווען: אסיסטענט סעקרעטערי או סטעיט א. א. בוירל דזשוניאר; סעקרעטערי או לעיבאר פרענסיס פוירקינס; ליוטענאנט גאווערנאר פון ניו יארק סטעיט, טשארלס פאלעטי; יונייטעד סטעיטס סענאטאר פון ניו יארק, דזשעימס מ. מיעד; מעיאר לאגווארדיא; קאמיליען האודע, מעיאר פון פלעמינג; עלענאר העריק; פרידא ס. מילער; ראוז שניידערמאן און אלטמייער פון דער סאשעל סעקיוריטי באארד.

פון דער טרייד יוניאן און פראגרעסיווער באוועגונג

האבען אדרעסירט די קאנווענשאן: עמיל ריווע, פרעזידענט פון דער טעקסטיל ווארקערס יוניאן; מאקס זאריצקי, פרעזידענט פון דער העטערס, קעפ און מילינערי ארבייטער אינטערנעשאנעל; אלעקס ראוז, סעקרעטאר פון דער א. ל. פ., דזשאדזש דזשייקאב פענקין; ארטורא דזשיאוואניטי; פאדהער באלאנד; די יוניאן לאיערס, עמיל שלעזינגער און עליעס ליבערמאן; דער אומפארטייאישער טשערמאן, הערי יוועליר און א צאל אנדערע.

א באזונדערס ווארימע אויפנאמע ביי דער קאנווענשאן האט געקראגען דער וועטעראן פון דער אידישער ארבייטער און סאציאליסטישער באוועגונג, גענאסע אב. קאהאן, רעדאקטאר פון „פארווערטס”. זיין הויפט־טעמע איז געווען איינינקייט אין דער טרייד יוניאן באוועגונג, שטיצען פרעזידענט רוזוועלט און דעם ניו דיעל און הילף פאר די דעמאקראטישע מלוכות אין זייער קאמף געגען די נאצי־פאשיסטישע דיקטאטורען.

די קאנווענשאן האט ערהאלטען באגריסונגס טעלעגראמען פון סער וואלטער סיטרין, פרעזידענט פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון טרייד יוניאנס און הערבערט מאריסאן, פירער פון דער ענגלישער ארבייטער פארטיי און מיניסטער פון באזארגונג אין דער ענגלישער רעגירונג; פון דעם פירער פון די איטאליענישע סאציאליסטען אין פראנקרייך, דזשי. מאדיגליאני און נאמען פון דער עקזעקוטיווע; פון געוועזענעם פרעמיער פון דער שפאנישער רעפובליק, לארגא קאבאלערא און פון די מעקסיקאנער באקליידונגס־ארבייטער יוניאן.

אינטערנעשאנעל ענטפערט אויף אייראפייאישע באגריסונגען

אויף דעם אויפטראג פון דער קאנווענשאן האט פרעזידענט דובינסקי געשיקט דעם פאלגענדען ענטפער אויף די באגריסונגען פון הערבערט מאריסאן און סער וואלטער סיטרין:

„אייערע באגריסונגען זיינען ווארעם אויפגענומען געווארען פון אונזער קאנווענשאן וועלכע האט זיך נאר וואס געשלאסען. די קאנווענשאן האט אנגענומען א רעזאלוציע פאדערענדיג פולע שטיצע פאר די מערב דעמאקראטיעס. מיר פילען א נאענטען צוזאמענבונד פון סאלידאריטעט מיט אונזערע חברים ארבייטער פון ענגלאנד און מיט'ן פשוט'ן פאלק אין די מערב דעמאקראטיעס אין דעם שווערען קריזיס, וועלכען זיי גייהען איצט דורך. אין נאמען פון די 250,000 מיטגלידער פון אונזער יוניאן וואס זיינען פארטראטען ביי דער קאנווענשאן שטרעקען מיר אייך אויס איבער די ימים די האנד פון ברידערליכקייט און דריקען אויס די האפענונג, אז די כחות פון דעמאקראטיע וועלען טריאומפירען, וועלען ברענגען די מלחמה צו א שנעלען, זיגרייכען סוף און איינשטעלען א נייע וועלט ארדנונג, פארזיכערענדיג עקאנאמישען וואוילשטאנד, זיכערקייט און פרידען פאר אלע פעלקער.

(אונטערגעשריבען) דוד דובינסקי,
פרעזידענט א. ל. ג. וו. יו.”

נייע סעטעלמענטס היינטיגען מאנאט

טראץ דעם וואס אונזערע יוניאנס זיינען די ערשטע עלפט פון דעם מאנאט געווען פארנומען מיט דער קאנווענשאן, האבען דאך מאנכע פון אונזערע ארגאניזאציעס אונטערגעשריבען דורך דער צייט נייע אגרימענטס און ארגאניזירט די ארבייטער פון א פאר וויכטיקע פירמעס און געקראגען פאר זיי וויכטיגע פארבעסערונגען.

גרויסע קאטען דרעס פירמע אין קליוולאנד שרייבט אונטער אגרימענט מיט דער אינטערנעשאנאל

דער באשלוס פון דער אינטערנעשאנאל קאנווענשאן צו פארשטארקען דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין אין קאטען דרעס טרייד איבער'ן גאנצען לאנד, האט געקראגען דעם ערשטען אפרוף אין קליוולאנד, אזוי ווי וויים פרעזידענט אברהם קאטאווסקי מעלדעט, האט די יוניאן אין קליוולאנד ארגאניזירט איינע פון די גרויסע קאטען דרעס־פירמעס אין שטאט וועלכע באשעפטיגט ארום 400 ארבייטער און געקראגען פאר זיי א קלאוזד שאפ אגרימענט.

די באטרעפענדע פירמע איז די „גאטפריד קאמפאני”, וועלכע ספעציאליזירט זיך אויף ספעציעלע סייזעס דרעסעס. די פירמע איז ביז איצט געווען אן אפען שאפ. נאך אן ענערגישען ארגאניזאציאנס קאמפיין צווישען די ארבייטער, איז די פירמע איינגעגאנגען אויף קאנפערענצען מיט פארטרעטער פון דער אינטערנעשאנאל און האט איצט אונטערגעשריבען אן אגרימענט איינשטעלענדיג א פאלשטענדיגען יוניאן־שאפ.

דורך די קלאוזד יוניאן שאפ, האבען די ארבייטער געוואונען דורך דעם אגרימענט די 40־שטונדיגע ארבייטס־וואך און עקסטרא געצאלט פאר אווערטיים; א מינימום סקעיל פון 16 דאלאר א וואך פאר שטיק־ארבייטער און פרייזען דארפען אזוי געסעטעלט ווערען, אז שנעלערע בעל־מלאכות זאלען קענען פארדינען מער ווי דער מינימום לויט זייער פעאיגקייט.

וואס אנבאלאנגט די קאסטערס איז איינגעשטימט געווארען, אז די פירמע דארף זיך אין משך פון דרייסיג טעג באראטען ווי דער אגרימענט גייט אריין אין קראפט, איינינגען מיט פארטרעטער פון דער יוניאן אויף זייער סקעיל און שכירות. אויב ביידע צדדים וועלען זיך ביז דאן ניט קענען איינינגען, וועט די פראגע איבערגעגעבען ווערען צום אומפארטייאישען טשערמאן, וועמעס אנטשיידונג וועט זיין בינדענד אויף ביידע צדדים.

די נייע ארגאניזירטע ארבייטער פון דער „גאטפריד קאמפאני” זיינען געטשארטערט געווארען פון דער אינטערנעשאנאל אלס לאקאל 386. זיי וועלען זיין אנגעשלאסען אן דער קלאוק און דרעס דזשאינט באארד פון קליוולאנד און שטיין אונטער איר קאנטראל. דער אימפארשעל טשערמאן אין דער קלאוק און דרעס אינדוסטריע אין קליוולאנד, דר. ארטור ל. ה. רובין פון שיקאגא, וועט אויך זיין אימפארשעל טשערמאן פאר דער פירמע.

סילק דרעס אגרימענטס באנייט אין מינעאפאליס און סיינט פאול

וויים פרעזידענט מייער פערלשטיין מעלדעט, אז די אגרימענטס מיט די סילק דרעס מאנופעקטשורערס אין די צווילינג־שטעט מינעאפאליס און סיינט פאול, מינעסאטא, זיינען באנייט געווארען מיט באדייטענדע פארבעסערונגען. עס זיינען איינגעשטעלט געווארען מינימום וויידזש־סקעילס פאר אלע פאכען אין דער אינדוסטריע; אין 18 מאנאטען ארום וועלען אלע ארבייטער קריגען א וואך וועקעישאן מיט געצאלט. וואך־ארבייטער וועלען קריגען באצאלט פאר דער וואך זייערע רעגולערע שכירות און שטיק־ארבייטער א סומע גלייך צו די דורכשניטליכע וועכענטליכע פארדינסטען וואס זיי האבען געמאכט. דער אגרימענט איז פאר דריי יאר. עס איז אריינגעשריבען א פונקט, אז יעדען זומער אין חודש יוני האט די יוניאן א רעכט אויפצונעמען די פראגע פון העכערען די שכירות. די פארהאנדלונגען פאר דעם אגרימענט זיינען געפירט געווארען מיט אלע מאנופעקטשורערס קאלעקטיוו אבער דער אגרימענט ווערט פון יעדען מאנופעקטשורער אונטערגעשריבען אינדיווידועל.

דעקייטאר גארמענט קאמפאני שרייבט אונטער אגרימענט מיט אינטערנעשאנאל

הערי רופער, ארגאנייזער פון דער אינטערנעשאנאל אין דער מיטעל־וועסט, מעלדעט פרעזידענט דובינסקי'ן, אז ער האט אונטערגעשריבען אן אגרימענט מיט דער דעקייטאר גארמענט קאמפאני וועלכע באשעפטיגט איבער הונדערט ארבייטער. דעקייטאר איז געווען ביז איצט די אנטי־יוניאן פעסטונג אין יענעם געגענד. מיט דעם ארגאניזירען דעם שאפ איז די פעסטונג געפאלען.

לעיבאר. מיר גיבען אייך א הארציגען וועלקאמען. יעדע הילף און דינסט וואס מיר קענען אייך געבען, וועט אייך געגעבען ווערען. איך בין אונגעהויער גליקליך מיט דער געשעהעניש.”

וואס די ניו־יארקער קלאוקמאכער פארלאנגען פון זייערע באלעבאטים

פון ישראל פיינבערג.
גענעראל מענעדזשער קלאוק דזשאינט באארד.

וואס הערט זיך וועגן די מעגליכקייטען פאר באנייען דעם קאנטראקט אין דער קלאוק אינדוסטרי?

מיר האבען שוין געהאט די ערשטע קאנפערענצען מיט די פארשידענע אסאסיאיישאנס אין טרייד. זייערע פארטרעטער האבען אויסגערעכנט א צאל פון די עקזיסטירענדע איבלען אין אונזער טרייד און גע'טענה'ט, אז א דאנק אט די איבלען געפינען זיך די מאנופעקטשורערס אין אן אויסערגעווייגליך שווערער לאגע. מיר האבען אויסגעהערט זייערע טענות און נאכטראכטענדיג א לענגערע צייט איבער דעם וואס זיי האבען געזאגט ביי די קאנפערענצען, קאן איך מיט זיכערקייט זאגען, אז די פארטרעטער פון די אסאסיאיישאנס האבען בלויז פארפעלט איין זאך צו טאן — פארצושלאגען אירגענד וועלכען קאנסטרוקטיווען פלאן וועלכער זאל אפשאפען אט די איבלען וועגען וועלכע זיי האבען זיך באקלאגט. עס איז זעהר מעגליך אז זיי קאנען ניט פארשלאגען דעם פראגראם וועלכער עס פאדערט זיך פאר דער לאגע, דערפאר ווייל די זעלביגע אסאסיאיישאנס האבען נאך ביז היינט צו טאג זעהר ווייניג געלערענט וואס אמבאלאנגט אינדוסטריעלע פראנט־ווארטליכקייט.

אונזער יוניאן קומט איצט צו די באלעבאטים מיט וועה'ר א קורצען פראגראם, אבער נאך מיין מיינונג, ענטהאלט ער אין זיך פארשלאגען וועלכע קאנען מעגליך מאכען אז עס זאל אריינגעבראכט ווערען יענע פאראנטווארטליכקייט אין אונזער אינדוסטרי אין וועלכער זי נויטיגט זיך אום צו קאנען מעגליך מאכען פאר די ארבייטער אין די שעפער צו פארדינען אויף א לעבען און פאר די באלעבאטים צו קריגען א געוויסען פראפיט פאר זייערע אינוועסטמענטס. דעם געדאנק פרעדיגט שוין די יוניאן א רייע יארען. צום באדויערען איז אונז דורך די אלע יארען ניט געלונגען צו באוועגען די מאנופעקטשורערס זיי זאלען נעמען אויף זיך זייער טייל פאראנטווארטליכקייט פאר א נארמאלען צושטאנד אין דער אינדוסטרי. א דאנק אט דער קורצזיכטיגקייט פון אונזערע באלעבאטים און זייער כסדר'דיגען זוכען מיטלען ווי אזוי זיך ארויסצודרעהען פון נאכקומען זייערע פארפליכטונגען אונטערן אגרימענט, וועלכען זיי אליין שרייבען אונטער, האבען מיר דערגרייכט א שטופע אין דער קלאוק און סוט אינדוסטרי, אז אויב עס זאל ניט באלד איינגעפירט און שטרענג דורכגעפירט ווערען א פראגראם מיט פולער פאראנטווארטליכקייט פון אלע ארבייטסגעבער צו דער אינדוסטרי, זאל אונזער אינדוסטרי זיך כסדר געפינען אין א סוב־נארמאלען צושטאנד וואס מיינט, פאקטיש, אונזיכערקייט פאר די ארבייטער צו מאכען א לעבען.

עס איז אונזער פעסטער באשלוס ניט צו דערלאזען ווייטער די הפקרות פון די בעלי בתים וואס האט ביז איצט געהערשט אין אונזער אינדוסטרי. עס איז אט דער שטארקער פארלאנג פון דער יוניאן אפצושאפען די הפקרות, וואס עס האט אונז באוואויגען ניט ארויסצושטעלען איצט קיין אלגעמיינע פאדערונגען פאר העכערע שכירות אדער קירצערע ארבייטס־שטונדען, טראץ דעם וואס דער יערליכער איינקונפט פון אונזערע בעל מלאכות איז ווייט ניט גענוג אויף מאכען אן אנשטענדיגען לעבען. מיר האבען פאר דעם מאמענט אפגעזוקס אן א זייט די דרינגענדע מאטעריעלע פארבעסערונגען, אום מען זאל ניט קענען זאגען, אז די יוניאן איז ניט פאראינטערעסירט צו סטאבילירען דעם טרייד. מיר זיינען ענטשלאסען איין מאל פאר אלע מאל, אריינצוברייגען אין טרייד יענע פאראנטווארטליכקייט מצד די בעלי בתים וועלכע זיי האבען שוין געדארפט טראגען אויף זיך יארען לאנג. מיר זיינען ענטשלאסען דאס איינצופירען אפילו ווען מיר זאלען מוזען זיי צווינגען דערצו.

—

מיר שלאגען פאר די עטאבלירונג פון א באארד אוו קאנטראל, צוזאמענגעשטעלט פון פארטרעטער פון די אסאסיאיישאנס און פון דער יוניאן, וועמענס אויפגאבע עס זאל זיין: ערשטענס — אויפצופאסען, אז די פונקטען וועלכע ווערען אריינגעשריבען אין דעם אגרימענט וואס אמבאלאנגט די סטענדארדס, און די לוינען וועלכע ווערען עטאבלירט דורך די סעטעלמענטס פון פרייזען, זאלען פאלשטענדיג דורכגעפירט ווערען אין דער גאנצער אינדוסטרי. צווייטענס — דער קאנטראל באארד זאל אויפפאסען אויף אזעלכע שעפער וואס ארבייטען אונטער ערגערע באדינגונגען, אז זיי זאלען ניט פאטראניזירט ווערען פון די סטארס וועלכע פארקויפען פרויען קליידער. דריטענס — עס זאל אויך זיין די אויפגאבע פון דער קאנטראל באארד אויפצופאסען, אז די מעיל ארדער הייזער, טשעין סטארס, דזשאבינג הייזער און קאמישען הייזער זאלען בלויז קויפען אזעלכע קלאוקס און סוטס וועלכע האבען אויף זיך דעם ריקאווערי לעיבעל אלס אן אנווייזונג אז די גארמענטס ווערען געמאכט אונטער יוניאן באדינגונגען. פערטענס — עס זאל אויך זיין די אויפגאבע פון דער קאנטראל באארד צו זעהן אז יעדער דזשאבער, מאנופעקטשורער אדער קאנטראקטאר זאל צושטעלען צו דער קאנטראל באארד טעגליך א קאפיע פון די ארבייט, געשניטענע אדער רויע ווארע, וואס ווערט ארויסגעשיקט פון דעם מאנופעקטשורער אדער דזשאבער צו דעם קאנטראקטאר, און אויך דער סטייל און דער פרייז וועלכער ווערט געסעטעלט פאר דעם גארמענט, און אויך א קאפיע פון דער צאל גארמענטס, וועלכע ער קריגט פארטיגע אריינגעשיקט פון דעם קאנטראקטאר. דער קאנטראקטאר זאל צושטעלען צו דער קאנטראל באארד א קאפיע פון די רויע אדער געשניטענע ווארעס, וועלכע ער קריגט אריין פון דזשאבער אדער מאנופעקטשורער אדער פון אירגענד וועלכען אנדערען קוואל, און אויך א קאפיע פון דער צאל פארטיגע גארמענטס וואס ער האט אויסגעארבייט פאר דעם מאנופעקטשורער אדער דזשאבער.

אירגענד וועלכער מאנופעקטשורער אדער דזשאבער אדער קאנטראקטאר וועלכער קומט ניט נאך דעם רעגעל אדער גיט פאלשע אינפארמאציע זאל אויטאמאטיש פארלירען זיינע רעכט אונטער דעם קאנטראקט און די יוניאן זאל זיין פריי צו האנדלען מיט דעם מאנופעקטשורער ווי זי וועט געפינען פאר נויטיג. עס זאל אויך זיין די פליכט פון דעם קאנטראל דעפארטמענט וועכענטליך צו אונטערזוכען די מאנופעקטשורערס, דזשאבערס אדער קאנטראקטארס, צי די רעפארטס וועלכע זיי האבען אריינגעשיקט זיינען ריכטיג.

מיר זיינען איבערצייגט, אז ווען אזא מין פארמע פון קאנטראל זאל איינגעפירט ווערען, וואלט א גרויסע מאס פון דער איצטיגער אומפאראנטווארטליכקייט מצד די מאנופעקטשורערס פארמידען געווארען. דורך אזא קאנטראל וועט אויך מעגליך זיין אפצושאפען אין א גרויסער מאס די אומגלייכהייטען, וועלכע עקזיסטירען היינט צו טאג צווישען מאנופעקטשורער און מאנופעקטשורער.

אונזער צווייטער פארלאנג איז אז די באלעבאטים, וועלכע האבען אפיסעס און שאו־רומס אין ניו יארק און מאכען זייער ארבייט אויסשליסליך אויסער ניו יארק, זאלען זיין פארפליכטעט צו געבען צו די ניו יארקער קלאוקמאכער א באשטימטען טייל פון דער אלגעמיינער צאל פון קלאוקס וועלכע זיי פראדוצירען. די באלעבאטים, וועלכע האבען שעפער אין ניו יארק און אויך אויסער ניו יארק, זאלען אין דער צוקונפט געבען א מער גערעכטען טייל פון דער ארבייט פאר די קלאוקמאכער אין ניו יארק. ספעציעל באציט זיך די רעפארמע אויף דער ביליגער ליין אין דער קלאוק אינדוסטריע. די יוניאן איז בארייט צו קומען צו א פארשטענדעניש מיט די באלעבאטים, וועלכע זאל מעגליך מאכען די דורכפירונג פון דעם אויבען דערמאנטען פארלאנג, נאטירליך האבענדיג אין זינען אז די קלאוקמאכער זאלען קענען מאכען א לעבען.

די יוניאן פארלאנגט, אז דער סיסטעם פון ארבייט אין דעם טייל פון דער אינדוסטריע זאל דורכאויס זיין אן איינהייטליכער. מיר זיינען איבערצייגט, אז אונטער דעם שטיק ארבייט סיסטעם וועט גרינגער זיין צו עטאבלירען א גלייכערען ארבייטס קאסט ביי אלע מאנופעקטשורערס אין דער ליין ארבייט. מיר זיינען אויך מיט דער מיינונג, אז אין דער קאטעגאריע פון מיטעלער קלאס ארבייט, בעסער באקאנט אונטער דעם נאמען „גרייד 2", אדער ביז גרייד 2, זאל דער סיסטעם זיין איינהייטליך. אויך דא האבען מיר אין זינען אז דער ארבייטס־קאסט זאל זיין א מער אדער ווייניגער גלייכער ביי אלע מאנופעקטשורערס וואס פראדוצירען דעם ליין. וואס אנבאלאנגט די העכערע גריידס, די גאר גוטע ליין ארבייט, אין וועלכע עס זיינען אויך פאראן אונטערשיידען אין ארבייטס קאסט, זיינען די אונטערשיידען אבער פון אזא אומוויכטיגען כאראקטער, אז זיי קאנען זייער לייכט אויסגעגליכען ווערען צווישען דער יוניאן און די פארשידענע אסאסיאיישאנס.

די יוניאן שלאגט אויך פאר, אז יעדער קאנטראקטאר זאל באשטימט ווערען בלויז פאר איין דזשאבער. וואו עס וועט געפינען ווערען אז א קאנטראקטאר איז דעזיגנירט פאר מער ווי איין דזשאבער, זאל אזעלכעס צוגענומען ווערען און געגעבען ווערען צו איינעם וואס האט אין גאנצען ניט קיין דזשאבער פאר וועמען צו ארבייטען. עס זאל אויך באשטימט ווערען, אז יעדער דזשאבער אדער מאנופעקטשורער, וועלכער האט אין די לעצטע צוויי יאר זיך געניוטיגט אין סעזאן אין צייטווייליגע קאנטראקטארס, זאל אין דער דער צוקונפט זיין פארפליכטעט צוצונעמען איינעם אדער מער קאנטראקטארס וועלכע ער האט באשעפטיגט צייטווייליג, אויב זיי האבען נאך ניט קיין דעזיגנאציע צו יענער צייט. דאס זאל באשטימט ווערען אין אנקלאנג מיט דער גרויס און די נויטווענדיגקייטען פון זיין ביזנעס אויסצופילען די ארדערס וועלכע ער האט געהאט.

מיר שלאגען אויך פאר אז אין דעם צוקונפטיגען אגרימענט, זאל אריינגעשטעלט ווערען א פונקט, אז ווען די יוניאן וועט זיין בארייט אונטערצונעמען די אויפגאבע צו שליסען אגרימענטס מיט די טשעין סטארס, מעיל ארדער הייזער, אדער דזשאבינג הייזער, און אין פאל עס וועט זיין נויטיג צו רופען א סטרייק, זאל דאס ניט באטראכט ווערען אלס א פארלעצונג פון דעם אגרימענט.

איבער דעם פונקט איז ווערט אויף א מאמענט זיך אפצושטעלען. אין די לעצטע עטליכע יאר זיינען די טשעין סטארס, דזשאבינג הייזער און מעיל ארדער הייזער געווארען א זעהר וויכטיגער פראבלעם אין אונזער אינדוסטרי. זיי זיינען ניט בלויז קויפער פון קלאוקס און סוטס, ווי זיי זיינען דאס געוועזען אריגינעל. היינט צו טאג גיבען די אויבענדערמאנטע הייזער ארויס רויע מאטעריאלען צו מאנופעקטשורערס ביי וועמען זיי קויפען קלאוקס. א חוץ דעם, זייענדיג גיגאנטישע געשעפטען, האבען זיי אנגענומען דעם כאראקטער פון אמת'ע טראסטס, זיי דיקטירען דעם פרייז פאר דעם גארמענט וואס זיי קויפען. עס איז דעריבער אונזער מיינונג, אז זיי זיינען ארויס פון דער קאטעגאריע פון סוחרים און זיינען פאקטיש געווארען פאבריקאנטען. אלס אזעלכע, האלטען מיר, אז זיי דארפען אויך טראגען די פאראנטווארטליכקייט פאר די באדינגונגען אונטער וועלכע די באלמעלאכעס ארבייטען. מיר זיינען איבערצייגט, אז עס איז אין די אינטערעסען פון דער אינדוסטרי אלס גאנצע, און פון אלע פאקטארען וועלכע זיינען אין איר באשעפטיגט, צו קאאפערירען מיט דער יוניאן אום צו ברענגען צו פאראנטווארטליכקייט יענע פירמעס. און ווען מיר רײדען פון קאאפעראציע, מיינען מיר ניט בלויז דרשות און גוטע וואונשען, נאר מיר מיינען אקציע.

מיר פארלאנגען אויך אז אין פאל וואו דער אגרימענט ווערט ניט דורכגעפירט פון געוויסע באלעבאטים, זאל דער אומפארטייאישער טשערמאן האבען דאס רעכט, צו יעדער צייט ווען דאס ווערט פעסטגעשטעלט, ארויסצוגעבען א באשלוס אז אזא מאנופעקטשורער אדער דזשאבער אדער קאנטראקטאר זאל דארפען איינלייגען א ממשות'דיגע גאראנטי כדי צו פארזיכערען אז ער וועט נאכקומען די פונקטען אין אגרימענט פאר דער צוקונפט.

מיר שלאגען אויך פאר, אז אין דער צוקונפט, כדי צו פארמײדען מאניפולאציעס צווישען מאנופעקטשורערס, דזשאבערס און קאנטראקטארס, פטור צו ווערען פון די באלמעלאכעס, זאל דער קאנטראקט ענטהאלטען א פונקט, אז ווען א קאנטראקטאר פארלירט אדער גיט אויף זיין דעזיגנאציע פאר אירגענד וועלכער אורזאכע, זאלען די ארבייטער וועלכע האבען געארבייט ביי דיזען קאנטראקטאר גלייך צוריקקריגען זייער באשעפטיגונג ביי דעם דזשאבער אדער מאנופעקטשורער ביי וועלכען דער קאנטראקטאר האט געארבייט, אויף פאלגענדע אופנים: ענטוועדער ער זאל עטאבלירען אן אינסייד שאפ, אויב ער האט ניט אזעלכען; אדער ער זאל פארגרעסערען זיין אינסייד שאפ, אויב ער האט אזעלכען; אדער ער זאל דעזיגנירען א קאנטראקטאר אדער קאנ־

אין אונזער יוניאן אין לאס אנדזשעלעס

פון ה. רובינשטיין

דעם ערשטען יוני 1940 גייט אויס דער קאלעקטיווער אגרימענט אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע ביי אונז אין שטאט. אלע לאקאלען, מיט דעם קלאוק דעפארטמענט פון דזשאינט באארד, מיט ברודער ווישניאק און וויס פרעזידענט ליוויי אין דער פי־רערשאפט, זיינען איצט פארנומען מיט אויסארבייטען פאדערונגען צו אונזערע באלעבאטים וואס זאלען אריינ־גיין אין נייעם אגרימענט.

ווען אט דער באריכט וועט זיין געדרוקט אין אונ־זער „גערעכטיגקייט" וועלען מיר אפשר שוין וויסען וואו מיר האלטען אין דער וועלט. אויב מיר וועלען נאך ניט האבען צו יענער צייט געסיינט אן אגרימענט, וועלען מיר שוין אבער האבען געהאט קאנפערענצען מיט דער אסאסיאיישאן און וועלען האבען א באגריף פון זייער שטעלונג צו אונזערע פארלאנגען. דערווייליע, ווען איך שרייב דעם באריכט, האלטען מיר ביים אויסארבייטען אונזערע פאדערונגען. און כאטש מען האט זיך וועגען דעם ניט צוזאמענגערעדט ווייזט עס אבער אויס, אז עס איז די אלגעמיינע מיינונג מען זאל ניט ארויסשטעלען יעצט קיין וויט־גרייכענדע פאדערונגען מיט פונדאמענ־טאלע ענדערונגען. אלע רעקאמענדאציעס פון די לא־קאלע קאמיטעס, וואס זיינען געבראכט געווארען צו דער דזשאינט באארד קאנפערענץ קאמיטע, אנטהאלטען בלויז קליינע ענדערונגען, מאדיפיקאציעס און אויסבעסערונגען צום יעצטיגען אגרימענט. אונטער נארמאלע אומשטענ־דען וואלט גאר קיין פראגע ניט געווען, אז די באסעס וועלען אן שוועריגקייטען און דינגעניש אונטערשרייבען דעם אגרימענט. לעבען מיר דאך אבער אין ניט קיין נארמאלער צייט, קען מען נאך דעריבער ניט וויסען וואס עס וועט זיין. *)

די אלגעמיינע גרויסע ארבייטסלאזיגקייט אין לאנד האט אויך ניט אויסגעלאזט אונזער אינדוסטריע. אלס רעזולטאט פון דער גרויסער ארבייטסלאזיגקייט איז דא דער גרויסער פארלאנג פאר ביליגע גארמענטס, וועלכע עס איז כמעט אונמעגליך צו פראדוצירען אונטער יוניאן־באדינגונגען. דאס מאכט שווער פאר דעם אנשטענדיגען יוניאן מאנופעקטשורער צו קאנקורירען מיט די נייע־אויפ־געקומענע ביזנעסלייט, די דזשאבערס. די אלטע קלאוק־מאכער קענען זיך ניט ארונטערלאזען צו די פארדינסטען פון די נייע צוגעקומענע סעקשאן־ארבייט קלאוקמאכער. דער רעזולטאט איז, אז א צאל אלט־עטאבלירטע קלאוק־פירמעס האבען ענדע דעם סיזאן צוגעמאכט די טירען פון זייערע שעפער, און אונזער ארבייטסלאזע ליסט ווערט גרעסער און גרעסער. מאנכע פון די באסעס, וואס האבען, אזוי צו זאגען, אויפגעגעבען די קלאוק־ביזנעס, זיינען אריין אין די ספארטסווער ליין. אנדערע האבען ניט אנאנסירט וואס זיי דענקען צו טאן. מיר האבען אבער אלע אורזאכען צו גלויבען, אז כאטש אפיציעל זיינען זיי ארויס פון די קלאוק־ביזנעס וועלען זיי דאך ווייטער פרר־בירען מאכען געלד אדער א לעבען פון פארקויפען קלאוקס. זיי וועלען מסתמא פרובירען ווערען דזשא־בערס און נאך מער אנטוויקלען און פארגרעסערען די דזשאבינג און קאנטראקטינג מגפה אין לאס אנדזשעלעס.

דא קום איך צו אן אנגעווייטאגטען פונקט אין אונ־זער ארגאניזאציע. ווי איר ווייסט, האבען מיר לעצ־טענס געהאט וואלען פאר באאמטע אין אונזער יוניאן. א גרויסע צאל מעמבערס האבען געשטימט. עס איז געווען קאמפיין־ליטעראטור, קאמפיין־מיטינגען און קעמ־פיין־העדקווארטערס. צוליב אורזאכען וועלכע איך וויל יעצט ניט בארירען, איז דער אדמיניסטראציע־סלייט ניט אין גאנצען ערוויילט געווארען. אין גרויסען אפערייטאר און פינישער קלאוק לאקאל 65 און אין פרעסער לאקאל 97 האבען געוואונען די „רענק און פייל"־גרופע. אין קאטערס לאקאל 84 און דרעסמאכער לאקאל 96 האט די טרייד יוניאן גרופע געזיגט. אונזער דזשאינט באארד ווערט צוזאמענגעשטעלט פון א גלייכער צאל פארטרעטער צו 5 פון יעדען לאקאל. האבען מיר 4 לאקאלען צו 5 פארטרעטער, צוזאמען 20 דזשאינט באארד דעלעגאטען. איז אבער אנשטאט 20 פאראייניגטע דעלעגאטען, האבען מיר איצט 10 און 10, צוטיילטע צווישען זיך. אז עס איז געקומען צו ערוויילען באאמטע פאר דעם דזשאינט באארד, האט מען קיינעם ניט געקענט ער־וויילען, און עס האט גענומען צוויי וואכען ביז איין גרופע האט צוריקגעצויגען איר קאנדידאט און מען האט געקענט ערוויילען א טשערמאן און וויס־טשערמאן. ווען מען איז אריבערגעגאנגען צו דער ערוויילונג פון א סעק־רעטער, אבער, האט זיך אנגעהויבען די זעלבע געשיכטע פון דאס ניי. דאס האלט שוין אן 4 וואכען צייט און קיין סעקרעטער האט מען נאך ניט ערוויילט, און קיין סטענדינג קאמיטעס פון דזשאינט באארד אויך ניט.

וויס פרעזידענט ברודער ליוויי, וועלכער איז ביז יעצט געווען דער אפיציעלער דזשאינט באארד מענע־דזשער, האט זיך אנטזאגט ווייטער אנצוהאלטען דעם אמט, אזוי אז קיין מענעדזשער וועט אויך ניט זיין. פון די דריי ערוויילטע ביזנעס־אגענטען זיינען צוויי נייע. אונזער דזשאינט באארד האט דעריבער באשלאסען, אז א קאמיטע פון 5 — די צוויי ביזנעס־אגענטען פון קלאוק דעפארטמענט און די טשערלייט פון די דריי קלאוק־לאקאלען 65, 84 און 97 — זאלען פארוואלטען מיט דער יוניאן (אויך א־לא ניו יארק). אדער, ריכטיגער, דעם קלאוק דעפארטמענט, ווייל דער דרעס דעפארטמענט ווערט פארוואלטעט פון ברודער ווישניאק.

האבען מיר הייסט עס, אין דזשאינט באארד, א באזונדער מענעדזשער פאר דעם דרעס דעפארטמענט, א קאמיטע פון 5 פאר'ן קלאוק דעפארטמענט. ווי דאס וועט ארבייטען, ווייסען אפשר די וואס האבען געשטימט דערפאר. איך ווייס ניט. ניט קיין וואונדער, וואס ביי די דרעסמאכער האט זיך אנגעהויבען א באוועגונג זיך צוריקצוציען פון דזשאינט באארד.

ווי איר זעט, איז די לאגע ביי אונז ניט נארמאל, און זיכער ניט אין א געזונטען צושטאנד. דאס הויבט ניט דעם מאראל פון די מיטגלידער, און דאס שאפט זיכער ניט מער גלויבען, רעספעקט און צוטרוי אין דער שטארקייט פון דער ארגאניזאציע.

אפשר וועלען די מיטגלידער זיך באטראכטען, אז ניט דורך גרופען, פארטייען און שפאלטונגען, נאר דורך א שטארקער, באוואוסטזיניגער און פאראייניגטער לאיא־לער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוני־יאן וועלען מיר קענען בייקומען אט די אלע איבלען און לייזען אונזערע פראבלעמען, און מער אדער ווייניגער פארזיכערען אונזערע מיטגלידער צו מאכען אן אנשטענ־דיגען לעבען אין דער קלאוק־אינדוסטריע.

קלאוקמאכער: דערמאנט זיך די צייטען ווען אונ־זער יוניאן איז געווען צוטיילט אין גרופען. פארגלייכט די באדינגונגען אין די לאס אנדזשעלעסער קלאוק־שעפער דאן און איצט. ווילט איר, אז יענע צייטען זאלען צוריק־קומען? איך בין זיכער, אז ניט. טא שטייט אויף דער וואך, קומט צו די מיטינגען, און היט די גאנצקייט פון אייער־אונזער יוניאן!

*) נאכדעם ווי ברודער ווישניאק האט דעם אר־טיקעל געשריבען איז דער אגרימענט באנייט געווארען.

ארבייטער פון טשאפמאנ'ס דרעס שאפ שטעלען איין קראנקען־בענעפיט פאנד.

די הונדערט ארבייטער פון „טשאפמאן דרעס קאמ־פאני", האבען איינגעשטעלט א קראנקען בענעפיט פאנד פאר די מיטגלידער פון זייער שאפ אלס צוגאב צו די קראנקען בענעפיט, וואס דער לאקאל צאלט די דרעס־מאכער.

דער פאנד איז אויפגעשטעלט געווארען אויף א באזיס, וואס זאל זיך אליין באצאלען. די ארבייטער, די מערסטע פון וועלכע באלאנגען צו לאקאל 22, צאלען צום פאנד לויט זייערע דורכשניטליכע וועכענטליכע פאר־דינסטען. די מאקסימום בענעפיט צו וועלכע א מעמבער איז בארעכטיגט אין פאל פון קראנקהייט, איז איין העלפט פון זיינע דורכשניט פארדינסטען פאר א משך ניט מער ווי צען וואכען אין יאר.

לויט דער ערקלערונג פון מאריס קליין, טשערמאן פון שאפ, האט די פירמע בייגעשטייערט 250 דאלאר צו מאכען מעגליך, אז דער פאנד זאל קענען אנהויבען פונק־ציאנירען. די ארבייטער האבען איבערהויפט שטארק גע־לויבט מר. סאלאמאן, א מיטגליד פון דער פירמע פאר זיין גרויסען אינטערעס און קאאפעראציע אין שאפען דעם פאנד.

צו פייערען די גרינדונג פון זייער סיק־בענעפיט פאנד, האבען די ארבייטער אראנזשירט א טעאטער פאר־טי צו זען „פינס און נידעלס". די געלט וואס איז איבער־געבליבען פון דער פארטי איז געגאנגען צום קראנקען בענעפיט פאנד.

די קאמיטע וואס קאלעקטירט די געלט פאר'ן פאנד און צאלט אויס די בענעפיטס, באשטייט פון הערי הירש, טשערמאן און טשארלס קופערמאן, פיליפ קאהן און סיימאר קליין.

די ארבייטער פון מ. פ. סאמבערג, 620 אכטע עוו. פארזאמעלט ביי איין ספעשעל מיטינג, האבען איבערגע־געבען ווערטפולע מתנות צום געוועזענעם שאפ־טשערמאן, ברודער מאריס עדיס, וועלכער האט פאר 4 יאר צייט אנ־געהיט און פארטיידיגט די אינטערעסען פון די שאפ־אר־בייטער, און צו ברודער איזידאר לאנדאו, ביזנעס אגענט פון לאקאל 117, פאר זיין וואכזאמקייט איבער די יוניאן באדינגונגען, וועלכע עס הערשען אין שאפ, ווינשענדיג אז זיי זאלען עס פארנוצען געזונטערהייט.

ביי דער זעלבער געלעגענהייט איז איינשטימיג באַ־שלאסען געווארען אויסצודריקען א הארציגען דאנק צו ברודער דזשייקאב דזש. העללער, מענעדזשער פון ריפער דעפארטמענט, און צו די ביזנעס אגענטען, די ברידער דזשייקאב סניידער, לואיס ליפסקי און איזידאר לאנדאו, פאר זייערע גוטע טואטען צו יעדער צייט ווען עס האט זיך געפאדערט עפעס צו טאן צו פארבעסערען די לעבענס־באדינגונגען פון די ארבייטער.

שאפ־קאמיטע:

סעם שווארץ, דזשא סטאוויצקי, סעם פרומסטין, פון לאקאל 117; מעקס ליבערמאן, לאק. 35; ב. לאנדי, לאקאל 9; מאקס מאסקאוויץ, לאקאל 10; בעני שווירץ, לאקאל 117, שאפ־טשערמאן.

טראקטארס וועלכע זאלען אריינעמען די באלמעלאכעס; אדער ער זאל פארגרעסערען דעם שאפ אדער די שעפער פון זיינע איבערגעבליבענע קאנטראקטארס צו אזא מאס וועלכע זאל מעגליך מאכען אז אלע באלמעלאכעס זאלען צוריקקריגען זייער באשעפטיגונג.

עס זיינען פאראן נאך א צאל פונקטען וואס די יוני־יאן שלאגט פאר, ווי צום ביישפיל, פונקטען וועלכע באַ־ציען זיך צו דער טעכנישער און לעגאלער זייט פון קאנ־טראקט; די פראגע פון פלאר מיידלאך און אינגלאך וואס דארפען ארגאניזירט ווערען; די פראגע פון סעמפעלמא־כער וועלכע זיינען בארעכטיגט צו קריגען א העכערונג פון 5 דאלער א וואך אין שכירות; די פראגע פון א פארזיכערונג פון דער אמעריקען אסאסיאיישאן פאר יע־דען פון זייערע מעמבערס, און נאך אנדערע פונקטען, וואס דער באשרענקטער פלאץ מאכט אוממעגליך צו דיסקוטירען. פון דעם אויבען־געזאגטען קאנט איר אבער קלאר זען דעם פארזוך וואס די יוניאן מאכט אריינ־צוברענגען א גרעסערע מאס פון פאראנטווארטליכקייט און ארדנונג אין דער אינדוסטריע.

די יוניאן איז פעסט ענטשלאסען דיזע רעפארמען דורכצופירען, ווייל ווי עס זעט אויס, זיינען דער יוניאנ'ס פונקציעס, פאר די אדער יענע אורזאכען, געווארען אזעל־כע דאס ניט נאר איז די יוניאן מחויב צו פארטיידיגען די עקאנאמישע און מאטעריעלע אינטערעסען פון די מיטגלידער, נאר עס איז אויך געווארען איר אויפגאבע צו זען אז די אינדוסטריע אלס א גאנצע זאל ניט דעגע־נערירט ווערען דורך דער שרעקליכער אומפאראנט־ווארטליכקייט פון די באלעבאטים. מיר זיינען בארייט דיזע פונקציע דורכצופירען אין פולען זין פוןווארט. עס איז אונזער מיינונג אז די ארבייטס-געבער וועלכע זוכען באמת אוועקצושטעלען אונזער אינדוסטריע אויף א געזונטען צושטאנד, וועלען מיט אונז קאאפערירען. אלענ־פאלס זיינען מיר גרייט אפצושטעלען די גאנצע אינ־דוסטרי כדי אריינצוברענגען די אויבען־דערמאנטע רע־פארמען. לאמיר האפען אז אונזערע באלעבאטים האבען דאס מאל באשלאסען מיטצווירקען אין דער ריכטונג וועלכע מיר ציינען דא אן. אויב ניט, זיינען מיר, אם ווייניגסטענס צופרידען, דאס וואס עס זאל ניט פאסירען אין דער אינדוסטרי, וועלען זיי טראגען די פולע פאר־אנטווארטליכקייט דערפאר.

מאָנטרעאָלער קלאָוקמאַכער נעמען זיך אָרגאַניזירען די לעצטע אָפענע שאָפּס

פון בערנאַרד שעהן
גענעראַל אָרגאַנייזער.

ביי אונז אין מאָנטרעאָל זיינען מיר איצט צוגעטראָטען צו דורכפירען אַן אינטענסיווען קאַמפּיין אין יענעם טייל פון קלאָוקס-טרייד וואָס איז נאָך ניט אָרגאַניזירט. מיר האָבען ביי אונז אין מאָנטרעאָל אַ צאָל שעפּער, אין וועלכע עס אַרבייטען אַרום 300 בעל מלאכות, וועלכע זיינען נאָך ניט אָרגאַניזירט. די דאָזיגע שעפּער געפינען זיך ניט אין דעם געוויינליכען געגענט וואו עס זיינען קאָנצענטרירט די מערסטע קלאָוקס-הייזער. זיי זיינען אָפּגערוקט פון דעם גאַרמענט צענטער און דערפאַר האָבען זיי ביז איצט זיך אויסגעדרייט פון אונזער יוניאָן-קאָנטראָל.

צו אָרגאַניזירען אָט די שעפּער האָבען מאַנכע פון אונזערע אַקטיווע מיטגלידער געמיינט, אַז עס איז אַ שווערע אויפגאַבע, ווייל אין די דאָזיגע שעפּער אַרבייטען מערסטענס פראַנצויזישע שנידערקעס און זיי, האָט מען געמיינט, איז שווער צו אָרגאַניזירען. האָבענדיג אָט די באַציהונג צו די פראַנצויזישע אַרבייטאָרינס האָט מען זיך אָפּגעהאַלטען פון מאַכען אַן ערנסטע אָנשטרענגונג כדי צו אָרגאַניזירען אָט די דאָזיגע שעפּער. איצט זיינען מיר אין גאַנצען באַפרייט פון אָט דער מורא. דער ערפאָלג פון דעם לעצטען גענעראַל-סטרייק אין דרעס טרייד האָט אונז איבערצייגט, אַז די פראַנצויזישע אַרבייטאָרינס האָבען געוואָלדיגען רעספּעקט פאַר אונזער אינטערנעשאָנאַל און אַז זיי הערען זיך איין צו אונזער וואָרט. מיר האָבען דעריבער באַשלאָסען, אַז מיר מוזען זיי איצט אָרגאַניזירען; אַז מיר מוזען האָבען אַ פולשטענדיגען קאָנטראָל איבער דעם גאַנצען טרייד.

פאַר דעם דאָזיגען צוועק האָבען מיר אָרגאַניזירט אַ טיכטיגע אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטע פון אידישע און פראַנצויזישע מיטגלידער. עס איז די אויפגאַבע פון אָט די קאָמיטע מיטגלידער צו באַזוכען די היימען פון אָט די 300 ניט-אָרגאַניזירטע אַרבייטער און איבערגעבען זיי אויף אַן אינטעליגענטען און ברידערליכען אופן דעם רוף פון אונזער יוניאָן און מיר האָפען, אַז אָט די אַרבייט וועט ברענגען גוטע רעזולטאַטען אַזוי, אַז אונזער יוניאָן זאָל פאַרשטאַרקען איר פּאָזיציע און זאָל קאָנטראָלירען יעדען אַרבייטער, מאַן און פרוי, אין קלאָוקס-טרייד.

צוגרייטונגען פאַרן הערבסט-סעזאָן

בכלל זיינען מיר איצט פאַרנומען אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע צוגרייטונגען פאַר דעם קומענדען הערבסט-סעזאָן. אין פאַרבינדונג דערמיט האָבען מיר אויך אַ פּלאַן פון רופען אַ גענעראַל-סטאָפּעדזש ווען דער קומענדער הערבסט-סעזאָן וועט זיך אָנפאַנגען. דער צוועק דערפון איז אַ צווייענדיגער. צו אַלעם ערשטען האָבען מיר אַ צאָל קלענערע שעפּער, אין וועלכע מען אַרבייט טאַקע אונטער יוניאָן באַדינגונגען, זיינען זיי אָבער ניט קיין מיטגלידער פון דעם מאַנופעקטשורער'ס קאָונסיל. אין דעם קאָונסיל זיינען אָנגעשלאָסען עטליכע און פערציג מאַנופעקטשורערס, וועלכע באַשעפטיגען 70 פּראָצענט פון טרייד. די איבעריגע אַרבייטען אין די קלענערע שעפּער, וועלכע זיינען ניט פאַרבונדען מיטן קאָונסיל און פאָלגליך האָבען זיי ניט קיין אַגרימענט מיט אונז. ווילען מיר דעריבער דורכפירען אַ „סטאָפּעדזש" כדי צו צווינגען אָט די בעלי בתים, אַז זיי זאָלען אויך אונטערשרייבען אַ קאָנטראַקט מיט אונז.

דער צווייטער ציל פון דעם דאָזיגען „סטאָפּעדזש" איז צו קריגען אַ בעסערען קאָנטראָל איבער די בעלי מלאכות, וועלכע אַרבייטען אין אָט די שעפּער.

כדי צו פאַרזיכערען אַז דער קאָנטראָל איבער דער מיטגלידערשאַפט זאָל זיין אַ פעסטער האָט דער דזשאָינט קאָונסיל אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז יעדער מיטגליד מוז אַרויסנעמען אַ נייע וואָרקינג קאַרד צוויי מאָל אין יאָר, אין יאַנואַר און אין יולי. לויט די דאָזיגע רעגולאַציעס קען קיינער ניט אָנפאַנגען דעם סעזאָן אויב ער האָט ניט אַרויסגענומען די געהעריגע וואָרקינג קאַרד. אָט די רעגולאַציעס האָבען מיר געמוזט איינפירען כדי צו „טשעקען" און קאָנטראָלירען, אַז אַלע מיטגלידער זאָלען זיין גוטשטייענד אין דער יוניאָן מיט זייערע „דיוס" און צווייטענס — אָט דער סיסטעם וועט אונז מער פאַרזיכערען דעם פּרינציפּ פון „קלאָוזד שאָפּ".

אין אַלגעמיין האָבען מיר אַ היפשע פּראָגראַם פון אָרגאַניזאַציאָנס אַרבייט דורכצופירען אין די קומענדע זומער וואָכען און איך בין מער ווי זיכער, אַז אָט די וויכטיגע אַרבייט, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרען, וועט דורכגעפירט ווערען אויפן בעסטען אופן און עס וועט פיל פאַרשטאַרקען אונזער קאָנטראָל אין דעם קלאָוקס-טרייד.

לעגאַליזאַציע פון דרעס אַגרימענט

די וויכטיגסטע אַרבייט וואָס שטייט אונז פאַר אין דער דרעס אָפּטיילונג איז די לעגאַליזאַציע פון דעם אַגרימענט אין דרעס-טרייד. דער אַגרימענט וואָס איז געשלאָסען געוואָרען צווישען אונזער יוניאָן מיט דער דרעס מאַנופעקטשורערס גילד נאָך דעם לעצטען גענעראַל סטרייק, איז איצט אין די הענט פון פּראָווינציעלען אַרבייטס-מיניסטער, וועלכער דאַרף אים לעגאַליזירען לויט דעם „קאָלעקטיוו לייבאָר אַגרימענט עקסטענשאָן עקט", כדי ער זאָל זיין אָנווענדבאַר אויף דעם גאַנצען דרעס-טרייד אין דער פּראָווינץ.

דער פּראָווינציעלער אַרבייטס-מיניסטער האָט באַשלאָסען, אַז דער דאָזיגער אַגרימענט זאָל אויך אָנרירען די קאָטען דרעסעס. דאָס איז פאַר אונז זייער וויכטיג. מיר שטרעבען שוין פון לאַנג, אַז דער קאָלעקטיוו לייבאָר אַגרימענט עקט זאָל אָנרירען אויך די קאָטען הייזער. אין פאַרבינדונג דערמיט האָט דער אַרבייטס-מיניסטער באַשטימט אַן אומפּאַרטייאישע קאָמיטע אויסצואַרבייטען אַ לוין-סטאַנדאַרד פאַר די קאָטען דרעסעס. אַלס דער אומפּאַרטייאישער טשערמאַן פון דער דאָזיגער קאָמיטע איז באַשטימט געוואָרען דער באַוואוסטער עקאָנאָמיסט, קאַרל גאָלדענבערג, אַ לעקטשורער פון מעקגיל אוניווערזיטעט. די אויפגאַבע פון דער דאָזיגער קאָמיטע וועט זיין אויסצופאָרשען און צושטעלען אַ באַריכט צום אַרבייטס-מיניסטעריום איבער פאָלגענדע פראַגען: ערשטענס, אויב עס איז נויטיג אַן אונטערשיד אין לוין-סטאַנדאַרדס צווישען סילק דרעסעס און קאָטען דרעסעס און צווייטענס, אויב אַן אונטערשיד דאַרף זיין איז ווי גרויס דאַרף ער זיין.

ווען די דאָזיגע שורות ווערען געשריבען, האַלטען מיר ביים צוטרעטען צום פאַרהער וועגען די דאָזיגע פראַגען. דער פאַרהער איז באַשטימט געוואָרען פאַר דעם 21סטען יוני: מיר דערוואַרטען, אַז די אַרבייט פון לעגאַליזירען דעם קאָנטראַקט זאָל צוגיין שנעל. דער איצטיגער סעזאָן אין דרעס טרייד האַלט זיך אין אויסענדיגען. ווען דער נייער סעזאָן וועט זיך אָנפאַנגען דערוואַרטען מיר, אַז דער אַגרימענט זאָל שוין זיין פאַרקערפּערט אין געזעץ און זאָל זיין אָנווענדבאַר פאַר דעם גאַנצען דרעס-טרייד אין פּראָווינץ. דאָס וועט זיין אַ זייער וויכטיגער אויפטו פון אונזער אונטערנעשאָנאַל אין מאָנטרעאָל, אַן אויפטו פאַר טויזענטער אַרבייטער אין די מאָנטרעאָלער דרעס שעפּער.

נאָכווייענישען פון דער קאָנווענשאָן

עס איז געווען באַשערט, אַז ביי אונז אין מאָנטרעאָל זאָלען מיר האָבען אַ ביסעל נאָכווייענישען פון דער קאָנווענשאָן.

די נאָכווייענישען פילען זיך אין דעם דרעס דעפּאַרטמענט און עס איז אַרויסגעקומען איבער דעם וואָס צווישען די דרעסמאַכער דעלעגאַטען זיינען געווען אַ פּאָר לינקע, וועלכע האָבען געהאַנדעלט ביי דער קאָנווענשאָן ניט לויט אינסטרוקציעס וואָס דרעסמאַכער האָבען זיי געגעבען, נאָר לויט אינסטרוקציעס וואָס זיי האָבען געקראָגען פון ערגעץ אַנדערש. די דזשאָינט באָאַרד האָט ניט געקענט פאַרשווייגען אַזאַ זאַך און גערופען ביידע דעלעגאַטען צו פאַראַנטוואָרטליכקייט.

די דאָזיגע צוויי דעלעגאַטען זיינען: לייזער פּיטערס, טשערמאַן פון דרעס קאָטערס לאָקאַל, און נאָרמאַן ברעסקאַ, טשערמאַן פון פּרעסערס לאָקאַל.

צו אַלעם ערשטען האָט אונזער יוניאָן אין קאַנאַדע ניט גענומען קיין שטעלונג צו דער פראַגע וועגען רוזוועלט'ן. ווי קענען קאַנאַדער בירגער, אפילו ווען זיי זיינען מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל, זאָגען אַ דעה אויב רוזוועלט זאָל לויפען פאַר אַ דריטען טערמין, אָדער ניט?! ווען די פראַגע איז אויפגענומען געוואָרען צו אָפּשטימונג ביי דער קאָנווענשאָן זיינען די קאַנאַדער דעלעגאַטען איבערראַשט געוואָרען צו זען, אַז לייזער פּיטערס און נאָרמאַן ברעסקאַ ווילען ניט רוזוועלט'ן. זייערע שטימען געגען רוזוועלט'ן האָט געשאַפען אַ קאָמישלעכערליכע לאַגע אויף דער קאָנווענשאָן. עס האָט געפירט צו דעם, אַז אונזער פּרעזידענט, דייוויד דובינסקי, זאָל אַרויסגעבען פון דער טריבונע אַ „רולינג", אַז אַלע קאַנאַדער דעלעגאַטען זאָלען ניט שטימען וועגען רוזוועלט'ן.

דאָס איז נומער איינס.

די מאָנטרעאָלער דעלעגאַטען האָבען געהאַט אינסטרוקציעס פון דער דזשאָינט באָרד צו שטימען פאַר דעם אַריינטריט פון דער אינטערנעשאָנאַל אין דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, ווי אויך אויסצודריקען דעם פאַרלאַנג, אַז אַמעריקע זאָל געבען הילף די אַליאירטע. אָט די צוויי רעזאָלוציעס זיינען גוטגעהייסען געוואָרען פון אַלע אונזערע לאָקאַלען און די דעלעגאַטען, וועלכע זיינען געווען די פאַרשטייער פון די דאָזיגע לאָקאַלען, האָבען באַדאַרפט שטימען פאַר זיי. די צוויי אויבענדערמאָנטע לינקע דעלעגאַטען האָבען איגנאָרירט די אינסטרוקציעס פון זייערע לאָקאַלען און אין די דאָזיגע קאַרדינאַלע פראַגען האָבען זיי זיך אָנטהאַלטען פון שטימען.

געגען לייזער פּיטערס איז פאַראַן אַ ספּעציעלע קלאַגע. ער האָט אַריינגעגעבען אונטער פאַלשע פּרעטענזיעס אַ רעזאָלוציע אַז די אינטערנעשאָנאַל זאָל זיך ניט אַנשליסען אַן דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר. די רעזאָלוציע טראָגט זיין אונטערשריפט און פונדעסטוועגען לייקענט ער. אָט דער אינצידענט האָט אַרויסגערופען געגען אים די אַנטריסטונג פון די מיטגלידער און זיין אַמט אַלס טשערמאַן ווערט איצט שטאַרק געטשאַלענדזשט. די דרעס קאָטערס קענען אַזאַ זאַך ניט אַראָפּשלינגען. עס איז איבערגעקאָכט די מאָס זייער פיל.

אַלענפאַלס, די דזשאָינט באָאַרד האָט ביידע אויבענדערמאָנטע דעלעגאַטען געטאַדעלט און די דרעס אַרבייטער וועלען שוין זיין פאָרזיכטיגער ווען עס וועט קומען צו פאַרטרויען אַ מיסיע צו אַ לינקען, וועלכער האָט זייטיגע פּאָליטיק מער אין זינען ווי אינסטרוקציעס און אינטערעסען פון זיין אייגענער יוניאָן.

עמברוידערי לאָקאַל רופט בעלי בתים צו אַ קאָנפערענץ

דער קאָנטראַקט מיט די עמברוידערי בעלי בתים ענדיגט זיך דעם 30סטען יולי. לעצטענס האָבען מיר באַמערקט, אַז ביי די בעלי בתים פעלט עפּעס האַרמאָניע און איניגקייט צווישען זיך בנוגע דעם אַגרימענט, און דאָס האָט אונז געמאַכט צו רעכענען זיך מיט דער מעגליכקייט, אַז מיר זאָלען האָבען געוויסע שוועריגקייטען מיט זיי וועגען באַנייען דעם קאָנטראַקט. מיר האָבען דעריבער זיי גערופען צו אַ קאָנפערענץ צו באַהאַנדלען וועגען באַנייען דעם אַגרימענט. דער בריוו איז אַרויסגעשיקט געוואָרען דעם 19טען יוני.

אין די פאַרהאַנדלונגען גרייטען מיר זיך צו פאָדערען אַ לוין-העכערונג אויף 20 פּראָצענט. ערשטענס, דערפאַר וואָס פּרייזען פון לעבנס מיטלען זיינען טייערער געוואָרען. צווייטענס, ווייל מיר גלויבען, אַז די באַדינגונגען אין טרייד, דער פּראָגרעס פון דער אַרבייט, מצד די מיטגלידער, ערלויבט אַ לוין-העכערונג. מיר פאַרלאַנגען אויך אַ פאַרקלענערונג אין „אָווערטיים" און אַנדערע פאָדערונגען. מיר ערוואַרטען, אַז די קאָנפערענץ וועט אונז ברענגען דעם ערוואַרטעטען רעזולטאַט — אַ באַנייאונג פון דעם אַגרימענט מיט בעסערע באַדינגונגען.

●

רעזאָלוציע.

די אַרבייטער פון „עינסלי פּראָקס אינקאָרפּאָרייטעד", 501 זיבעטע עוועניו, דריקען אויס זייער דאַנק און אָנערקענונג זייער שאָפּ-טשערמאַן, ברודער פיליפּ אולריך, פאַר זיין געטרייע אַרבייט לטובת דעם שאָפּ דורך דעם לעצטען יאָר און ערוויילען אים איינשטימיג אויף ווייטער צום זעלבען אַמט. די אַרבייטער פאַרפליכטען זיך אויך מיטצואַרבייטען מיט אים און העלפען מאַכען דעם שאָפּ פאַר אַ מאָדעל יוניאָן שאָפּ אין טרייד.

ראַלף מענדעליס. ב. בערקאָוויץ, ד. אַקערמאַן,
מ. וואַלקאָף, און היימאַן סיגעל פון לאָקאַל
22; פרענק גראָס פון לאָקאַל 60 און קלאַ-
רא דאַרמיטאַ פון לאָקאַל 89.

די אינטערנעשאָנעל אין „דיקסי“

פון דזשאָהן ס. מאַרטין
אָרגאַנייזער.

צו פאַרשטיין די אַרבייט פון דער אינטערנעשאָנעל לידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן אין דער סאָוטה, אָדער „דיקסי“ ווי מיר רופען עס, מוז מען זיך צוערשט באַקענען מיט די באַדינגונגען, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, וואָס הערשען דאָ אין דעם ווינקעל פון אַמעריקע. דאָס וועל איך פּראָבירען אָנוואַרפען אין עטליכע שטריכען פאַר די לייענער פון דער „גערעכטיגקייט“.

אין דיקסי איז אַ באָס — אַ באָס. ניט בלויז איז ער דער באָס ביי זיך אין שאַפּ, נאָר ער איז אויך דער באָס אין שטאָט. דער מעיאָר, די טשעמבער אָוו קאָמערס, דער פּאָליצײ־מייסטער אָדער שעריף, אַפילו דער גלח און דער שול־לערער, אַלע אָנערקענען די איהם אַלס באָס און גיבען איהם אָפּ כבוד אַלס אַזעלכען. אונטער די אומשטענדען איז נאַטירליך, אַז אַלץ וואָס שיינט צו זיין געגען די אינטערעסען פון דעם באָס זאָל באַטראַכט ווערען אַלס שעדליך פאַר אַלעמענס אינטערעסען, ווייל זיי פאַרטרעטען דאָך די שטאָט.

אָט דאָס איז דער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער צושטאַנד. אמת, דאָס איז ניט אויסשליסליך דער פאַל אין דער סאָוטה. אַן ענליכער צושטאַנד, מער אָדער ווייניגער עקזיסטירט אויך אין פילע אַנדערע געגענטען אין אַמעריקע. אָבער ביי אונז אין דער סאָוטה איז אָט די לאַגע אַלגעמיין, עס זיינען נישטאָ קיין אויסנאַמען. אין דער גרויסער שטאָט, אָדער אין דעם קליינעם שטעטעל, עס איז אַלץ דאָס זעלבע. אמת, דער אופן ווי אַזוי מען דינט דעם באָס, איז אַביסעל אַנדערש אין אַזעלכע גרויסע שטעט ווי אַטלאַנטאַ, בורמינגהאַם אָדער טשאַטאַנוגאַ; און אין די גרויסע שטעט קאָן זיין מעהר ווי איין באָס, אָבער דער הויפּט פּרינציפּ איז דער זעלביגער. דאָס באַשאַפט אַ געזעלשאַפטליכע אָרדענונג, וואָס איז זעהר נאָהענט, אויפ'ן סאַמע גרענעץ פון אַ פעאָדאַליסטישער מלוכה, וואו יעדער געזעלשאַפטליכער, פּאָליטישער און עקאָנאָמישער כח ווערט באַהערשט פון דער דאָמינירענדער גרופּע. אין „דיקסי“ איז די דאָמינירענדע גרופּע אַלע מאָל דער פאַבריק־אייגענטימער און זיינע נאָכשלעפּער.

נאָך אַ לאַנגע צייט פאַר דעם בירגער קריג איז די איצטיגע געזעלשאַפטליכע סיסטעם אין דער סאָוטה איינגעשטעלט געוואָרען. די מלחמה האָט בלויז עטוואָס פאַרשנעלערט דעם פּראָצעס, אָבער „דיקסי“ האָט נאָך פיל פריהער אָנגעהויבען ליידען פון דעם איין־קראָפּ־סיסטעם אין פאַרמעריי. איבער וועלכען דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבען איז אָפּגעהאַנגען אין דער גערעטעניש פון קאָטאָן אָדער טאַבאַק און אין די פּרייזען, וואָס די פּראָדוקטען האָבען דאָס יאָהר געבראַכט. די סאָוטה האָט שוין דערמאָלס אָנגעהויבען פיהלען די צרות פון מאַנגעל אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. הייגט צו טאָג, איז די סאָוטה באַוואוסט אַלס „אַמעריקע'ס וויכטיגסטע עקאָנאָמישע פּראָבלעם“, ווייל עס איז דאָרט איצט דאָ צוויי מאָל אַזוי פיל מענשען און בלויז אַ העלפט פון דער פּרוכטבאַרער לאַנד, וואָס קאָן באַאַרבייט ווערען. דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ איז אין דער סאָוטה נישט אַן ענין וועגען וועלכען מען פילאָסאָפיר'ט זיך אין ביכער. עס איז אַ טאָג־טעגליכע פּראָבלעם, מיט וועלכער דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג ראַנגעלט זיך.

די הילפס־מיטלען פון דעם ניו דיעל האָבען מעגליך געמאַכט אַריבערצוּוואַרפען אַ טייל פון דעם יאָך אויף די פּלייצעס פון גאַנצען לאַנד. ווען ניט דאָס, וואָלט די לאַסט פון אָרעמקייט פאַרוואָרלאָזט אין דעם געגענט אַ פיל ערגערע לאַגע ווי עס איז הייגט צו טאָג. דאָ, ביי אונז, שטעהט יעדע שטאָט, שטעטעל און דאָרף, פּנים אל פּנים מיט דער געפאַר פון פאַסטען־צייט און דער מעגליכקייט צו באַפרייען זיך דערפון דורך הויכע שטייערן. די באַשטעסטע לעזונג, וואָס איז געקומען צום קאָפּ, איז געווען, צו אַנטערקיפּען, פאַרנאַרען אָדער באַשוינדלען פאַבריק אייגענטימער אַריבערצוקלייבען זיך פון אַנדערע געגענטען נאָך דער סאָוטה. אַריינקריגן פאַבריקען פון אַנדערע געגענטען, איז געווען די האָפענונג פון דער סאָוטה, זינט זיי האָבען דערוועהן די פּראָבלעם. דער מאָנען מיט וועלכען זיי האָבען צוגעצויגען אינדוסטריעס, איידער די נ. ר. אַ. אָדער דער שטונדען־שכירות געזעץ איז געשאַפען געוואָרען, איז געווען — נידעריגע שכירות און אָנטערטעניגע אַרבייטער.

זינט די ערשטע צייטען, ווען די טעקסטיל מילען האָבען אָנגעהויבען אויסוואַנדערען נאָך דער סאָוטה, איז אָט די באַוועגונג באַקעמפט געוואָרען פון די יוניאָנס און אַנדערע געזעלשאַפטליך־באַוואוסטזיניגע עלעמענטען אין אַמעריקע. אַפילו אין דער סאָוטה זיינען געווען אינטעליגענטע גרופּען, וועלכע האָבען איינגעזעהן די געפאַר פאַר דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע פון אָט דער איבערוואַנדערונג נאָך געגענטען, וואו די אָרעמקייט איז גרויס. עס זיינען געמאַכט געוואָרען ערנסטע פאַרזוכען פון אויפריכטיגע מענשען, צו קאָנטראָלירען און אויסקלייבען די אינדוסטריעלע איבערוואַנדערער נאָך דער סאָוטה, אום זיי זאָלען קאָנען קאָאָרדינירט ווערען אין אַ וויסענשאַפטליך־פּלאַנירטער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. איבער דעם וואָס די סאָוטה איז דער פּלאַץ, וואו עס וואַקסט דער באַוואָל, האָט מען באַטראַכט די טעקסטיל אינדוסטריע, וועלכע באַנוצט דעם באַוואָל אַלס רוי־מאַטעריאַל, פאַר אַ נאַטירליכער און פּאַסיגער אינדוסטריע פאַר דעם געגענט. פאַרזוכען זיינען געמאַכט געוואָרען און ווערען נאָך איצט געמאַכט צו רעגולירען דאָס איבערוואַנדערען פון אינדוסטריעס נאָך דער סאָוטה, כדי בלויז אַזעלכע אינדוסטריעס, וואָס זיינען אָפּהענגיג אין די רוי־מאַטעריאַלען, וואָס ווערען פּראָדוצירט אין דעם געגענט, זאָלען זיך אַהער אַריבערקלייבען. די סאָוטה אָבער האָט ניט געקאָנט עקזיסטירען אויף אַזאַ באַגרענעצטען אינדוסטריעלען וואוקס און דעריבער, איז, פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר, יעדער אָפּהאַלט אויפגענומען געוואָרען.

איבער דער נאָהענטער פאַרוואַנדשאַפט מיט דער טעקסטיל אינדוסטריע און די לייכטקייט מיט וועלכער מען קאָן אַריבערפירען די פאַבריקען און מאַשינערי, איז די קליידער אינדוסטריע געוואָרען דער גרינגסטער קרבן פאַר אַלע אין דער סאָוטה, וואָס האָבען געזוכט צו פאַרמערען די אַרבייטס־געלעגענהייטען אויפ'ן חשבון פון אַנדערע טיילען פון לאַנד. עס איז דאָ בלויז איין לאָגישער אַרגומענט, וואָס קאָן באַוועגען קליידער־פאַבריקאַנטען אַריבערצופירען זייערע פאַבריקען נאָך דער סאָוטה. אַלע אַנדערע אַרגומענטען, וואָס ווערען געגעבען, זיינען בלויז באַפּוצונגען צו געבען עס אַ ביסעל אַ שענערען אויסזעהן. דער אַרגומענט איז, און וועט אַלעמאָל זיין — נידעריגע שכירות.

די צרה אָבער מיט נידעריגע שכירות איז דאָס, וואָס עס האָט אַ נאַטירליכע טענדענץ צו שטייגען, ווען מען לאָזט עס אומגעשטערט. אַ שאָפּ, וואָס האָט זיך אַריבערגעצויגען נאָך דער סאָוטה כדי צו פּראָפיטירען פון די נידעריגע אַרבייטס־קאָסטען קאָן פּלוצלינג אויסגעפינען, אַז די אַרבייטס־קאָסטען האָבען זיך ביסלעכווייז געהעכערט, ווען מען לאָזט עס צו דער נאַטירליכער אַנטוויקלונג. די אַרבייטער אין דער סאָוטה זיינען ניט אַנדערש ווי זייערע ברידער אין דער נאָרד. אויך ביי זיי וואַלטען זיך אַנטוויקעלט יוניאָנס דורך די באַדינגונגען, פּונקט ווי דאָס איז געשעהן אין דער נאָרד. אָבער די וואָס קאָנטראָלירען די סאָוטה האָבען ניט בדעה צו דערלאָזען אַזאַ „נאַטירליכע אַנטוויקלונג“. די העמדער אָדער די דרעס־פאַבריק, וואָס האָט זיך אַריבערגעקליבען פון ניו יאָרק אָדער פילאַדעלפיע נאָך מיסיסיפּי, איבער דעם וואָס דאָרט קאָנען זיי קריגען אַרבייטער מיט 10 סענט אַ שטונדע, קאָנען פּונקט אַזוי גרינג אַריבערגעפירט ווערען צוריק נאָך דער נאָרד, ווען די אַרבייטער אין דער סאָוטה וועלען אָנהויבען שטעלען פאָדערונגען.

אָט דאָס פאַרשטעהען די, וואָס האָבען קאָנטראָל אין דער סאָוטה און ווילען אָט דעם קאָנטראָל אָנהאַלטען. זיי זיינען אַנטשלאָסען, ניט צו דערלאָזען אַזאַ אַנטוויקלונג. דאָרטען, וואו מען קאָן זיך באַנוצען מיט מינדליכער פּראָפּאַגאַנדע, מיט צייטונגען, ראַדיאָ און גלח'ישע דרשות אין קירכע, ניט צו דערלאָזען די יוניאָנס אַריינדרינגען, טוט מען דאָס. אָבער דאָרט וואו די אַלע אַרגומענטען ווירקען ניט, באַנוצט מען זיך מיט אַנדערע, קרעפטיגערע אַרגומענטען, זיך ניט פיל אַריינטראַכטענדיג אויב די „אַרגומענטען“ זיינען געזעצליך...

דער קו קלוקס קלען איז אויפגעשטאַנען תחית המתים

אין דער סאָוטה, אַלס אַנטי־יוניאָן אינסטרומענט. די פייניגונגען דורך שמיץ, וואָס זיינען לעצטענס פאַרגעקומען אין און אַרום אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, וועלכע זיינען אַזוי פּראָמינענט באַריכטעט געוואָרען אויף די ערשטע זייטען פון די צייטונגען איבער'ן גאַנצען לאַנד, האָבען אָפּגעשטאַמט פון דער אַנטי־יוניאָן טעטיגקייט. ביז איצט זיינען שוין פאַרגעקומען דרייסיג פאַלען פון נאַכט־איבערפאַלען און שמייסען, וואָס זיינען באַוויזען געוואָרען, אַז זיי שטאַמען פון אַנטי־יוניאָן מאָטיווען. דאָס זיינען די עקסטרעמע פאַלען, וואָס ווערען באַריכטעט אין די צייטונגען, ווען מען דעקט זיי אויף. ווייניגער עקסטרעמע געוואַלד מיטלען צו דערשטיקען די יוניאָן טעטיגקייטען, געשעהן יעדען טאָג. אין יעדען איינעם פון די עלף דרום־מזרח שטאַטען, איז די פולע מאַכט פון „געזעץ און אָרדענונג“ גרייט צו יעדער צייט אַרויסצוהעלפען דעם פאַבריק אייגענטימער ניט צו דערלאָזען פאָרמירען אַן אַרבייטער אָרגאַניזאַציע. מאַנכעס מאָל ווערט אַן אָרגאַנייזער געוואָרענט פון אַ מילד־שפּרעכענדען פּאָליצײ־מייסטער אָדער שעריף „צו פאַרלאָזען די שטאָט איידער עס ווערט נאַכט“. דאָס זאָגט מען איהם אויף אַ „פריינטליכען“ אופן, אַלס וואָרנונג, אַז דאָס „געזעץ“ וועט איהם ניט קאָנען געבען די נויטיגע שוץ געגען די „באָיעס“, וועלכע מורמלען און סטראַשען מיט פעך און פעדערען און אַ „ראַיד אויף אַ קלאָץ“. אין מאַנכע פּלעצער זיינען די כוחות פון געזעץ און אָרדענונג ניט אַזוי אידעל און מעהר דירעקט און קרעפטיג.

אין אַלגעמיין גערעדט, ווערען אַרבייטער־געזעצען איגנאָרירט אין „דיקסי“. אַפילו רעגירונגס־באַאַמטע ווערען אַרויסגעיאָגט פון שטעט און אינספּעקטאָרען ווערען געוואָרענט צו „פאָרען ווייטער“. אין אָט הער סיטואַציע האָבען מיר געבראַכט דאָס וואָרט פון דער אינטערנעשאָנעל לידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן צו גרופּען אַרבייטער, אָנגעשראָקענע און פאַרציטערטע.

נאַטירליך, האָט אונטער די אומשטענדען ניט געקאָנט זיין אונזער וואוקס אין „דיקסי“ אויסערגעוויינליך גרויס און שנעל. מיר זיינען אָבער דאָך געוואַקסען און וואַקסען, טראָץ דעם אַלעמען. אונזער אַרבייט אין דיקסי האָט פאַרלאַנגזאַמט דאָס איינוואַנדערען פון דרעס שעפער כמעט צום פאַרשווינדונגס־פּונקט און געמאַכט מאַנכע פון די בעלי בתים, וואָס זיינען שוין דאָ צופרידען צו לויפען צוריק פון וואַנען זיי זיינען געקומען. אַלע יוניאָן טעטיגקייטען אין דער סאָוטה, זיינען אין דעם כאַראַקטער פון אַן אויפקלערונגס־קאַמפּיין און אונזער אינטערנעשאָנעל טוט איהר חלק אַרבייט, וואָס מוז געטאָן ווערען. מיר האָבען ביז איצט אויסגעמיטען קאָסטבאַרע און נוצלאָזע סטרייקס און באַגרענעצט אונזער אַרבייט צו אַ קאָנסטרוקטיווען אויפבוי פון יוניאָן סענטימענט דאָ אין דער סאָוטה.

כמעט יעדע שטאָט אין דער סאָוטה, וואו עס איז דאָ אַ דרעס פאַבריק, האָט געלערענט וועגען דער אינטערנעשאָנעל לידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן. כמעט יעדער אַרבייטער אין די פּרויען קליידער פאַכען ווייס וועגען אונזער יוניאָן און איהר אַרבייט. מיר פאַרשפּרייטען ליטעראַטור, מיר האַלטען פאַרזאַמלונגען, ניט־אָרגאַניזירטע גרופּען אַרבייטער און קאָמיטעס, ווערען ערמוטיגט צו שטעלען פאָדערונגען. טויזנטער דאָלער אין „בעק פּעי“ האָבען מיר אַרויסגעריסען פון טשיזלער באָסעס און די ליכט פון האָפענונג איז אָנגעצונדען געוואָרען אין הערצער אָהן צאָל דורך אונזער טעטיגקייט אין דער סאָוטה.

לאָקאַל יוניאָנס זיינען איינגעשטעלט געוואָרען אין די דריי וויכטיגסטע שטעט אין דער סאָוטה: אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ; טשאַטאַנוגאַ, טענעסי און בורמינגהאַם, אַלאַבאַמאַ. די אינטערנעשאָנעל ווערט אַ פאַקטאָרען אינסטיטוציע דורך די פונדאַמענטען, וואָס מיר בויען דאָ אויף. דער טייל פון אַמעריקע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּערטעל פון דעם גאַנצען שטח פון לאַנד, לערענט ביסלעכווייז וועגען די פילע ווערטפולע זאַכען, וואָס פאָלגען נאָך די פאָן פון אונזער אינטערנעשאָנעל. די אַרבייט איז געווען לאַנגזאַם, און ביז אַ געוויסען גראַד קאָסטבאַר. קיין סענסאַציאָנעלע זאַכען האָבען מיר ניט אויפגעטאָן. דורך אונזער טעטיגקייט איז ניט אַנטשטאַנען קיין לאַנגע ליסטע פון העלדען און קרבנות. אָבער טראָץ ביי טראָט און ביסלעכווייז פאַרוואַנדלען מיר „דיקסי“ פון אַ געפאַר אין אַ האָפענונג.

בריוו אין רעדאקציע

חשוב'ער רעדאקטאר :

ערלויבט מיר אויסצודריקן א דאנק דער פירערשאפט פון לאקאל 60, פאר זייער קאאפעראציע צו אונזער טרייד ברענטש 761 ארבייטער רינג.

צו דער געלעגענהייט פון זייער ווידער ערוויילונג איז כדאי צו דערמאנען די גוטע ארבייט פון די טרייד ברענטשעס. די אלע אקטיוויטעטן, אונטערנעמונגען, לעקציעס, געלט זאמלונגען פאר דעם אידישען ארבייטער קאמיטעט, פאלעסטינע, ווילאדעק מעמאריעל און אלע וויכטיגע אידישע און ארבייטער אונטערנעמונגען, האבען נאר געקענט זיין ערפאלגרייך א דאנק דער מיטהילף פון אונזער פירערשאפט פון לאקאל 60 מיט מעקס קאהען מענעדזשער און איזידאר וואסיליעווסקי טשערמאן.

איצט, מער ווי ווען, זעען מיר די לעכערליכקייט פון די קאמוניסטישע „אישוס" צו עקאנאמיזירען אויף דעם ערציערישען געביט. דער עדיוקיישאנעל דעפארטמענט מיט זיינע פארצוויגטע טעטיגקייטען אין לאקאל, זיינען געווארען א טייל פון די טאג טעגליכע יוניאן ארבייטען.

די טעטיגקייטען ווערען שטארקער און קאנסטרוקטיווער א דאנק דער פירערשאפט פון איצטיגען עדיוקיישאנעל דירעקטאר, דעם פעאיגען יונגען שרייבער, ליאן דענין.

צו דער געלעגענהייט פון דעם נייעם טערמין ווילט זיך זאגען דער פירערשאפט : וויסען איז מאכט — גייט אן מיט אייער דערציערישער ארבייט.

מיט כבוד,

ה. קלורפעלד, סעק. ברענטש 762 א. ר.

ווערטער רעדאקטאר :

ערלויבט מיר אויסדריקען א פאר ווערטער וועגען דעם בריוו פון א ברודער דרעס פרעסער אין מארטש אויסגאבע „גערעכטיגקייט" וועגען די ארבייטסלאזע דרעס פרעסערס.

איך' בין ניט איינשטימיג מיט די פארשלאגען וואס ער מאכט. ער לייגט פאר, אז יעדער פרעסער, וואס האט א דזשאב, זאל צאלען א דאלאר א וואך צו אן ארבייטסלאזען פאנד, און אויך פרעסערס, וועלכע פארדינען אזוי ווייניג ווי צוואנציג דאלאר א וואך, זאלען אויך צאלען א דאלאר א וואך. מיר שיינט, אז דער ווירדיגער ברודער האט זיך ניט אריינגעטראכט טיף גענוג, ווי אזוי וועלען פרעסערס, וועלכע פארדינען אין דורכשניט 20 דאלאר א וואך, בכוח זיין צו צאלען צום ארבייטסלאזען פאנד א דאלאר א וואך.

איך בין איינשטימיג, אז יעדער פרעסער, וועלכער האט א דזשאב, זאל זיין פאראנטווארטליך צו זיינע ברידער ארבייטסלאזע, אבער ער זאל צאלען לויט זיינע פארדינסטען. דאס הארף, נאך מיין מיינונג, דורכגעפירט ווערען אויף דעם פאלגענדען אופן : ערשטענס, א געוויסער פראצענט פון די ווידזשעס, וואס יעדער פרעסער פארדינט, איינשליסענדיג די באזאלוטע באפעטע, זאל גיין פארן ארבייטסלאזען פאנד ; צווייטענס, יעדער ארבייטסלאזער זאל זיין בארעכטיגט צו ניט ווייניגער ווי 15 דאלאר א וואך, אויב ער האט אין משך פון דער וואך גאר ניט פארדינט. קיין ארבייטסלאזער זאל ניט צאלען צום ארבייטסלאזען פאנד, אויב ער פארדינט ניט צום ווינציגסטענס 20 דאלאר אין משך פון דער וואך ; (דריטענס, די איצטיגע דריי טעג, וואס זיינען איינגעפירט געווארען און זיינען ניט דורכפירבאר, זאלען גלייך אפגעשאפט ווערען, און די פארוואלטונג פון עמפלאימענט דעפארטמענט זאל פארקלענערט ווערען ; פערטענס, די יוניאן דארף מאכען די גרעסטע אנשטרענגונג אויסצושטעלען ארבייטסלאזע אויף סטעדי דזשאבס, אז סיי דער ארבייטסלאזער און סיי די וואס ארבייטען אויפן דזשאב זאלען קענען א לעבען.

ש. שקאלניק.

רעזאלוציעס פון שעפער

די ארבייטער פון דער „אניטרא קאוט קאמפאני", 250 וועסט 39טע סטריט, דריקען אויס זייער דאנק און אנערקענונג צו זייער טשערמאן, ברודער סעמיועל פיטקין, פאר זיין אויפריכטיגער און אומערמידליכער ארבייט צו לעזען די שוועריגקייטען און פראבלעמען אין שאפ לטובת די בעלי מלאכות.

אלס אויסדרוק פון אנערקענונג האבען די ארבייטער איהם באשאנקען מיט א טייערע ראדיא און האפען, אז ער וועט אויך ווייטער פארזעצען זיין גוטע ארבייט.

די ארבייטער דריקען אויך אויס זייער טיפע אנערקענונג און א דאנק צו זייער ביזנעס אגענט, ברודער אייב בעלסאן, פאר זיין אינטערעס און הילף צו די ארבייטער אין שאפ.

די קאמיטע : הערי לעווינסאן, היימאן ריינהארדט,
לואיס הערמאן, פון לאקאל 117 ;
היימאן בעלקין, לאקאל 35 און אייב
קאהען פון לאקאל 9.

די ארבייטער פון „סנעפי קאוט קאמפאני", 65 בליקער סטריט, האבען פרעזענטירט זייער טשערמאן, אהרן גראבמאן מיט א גאלדענעם זייגער אלס צייכען פון אנערקענונג און דאנק פאר זיין געטרייע ארבייט פאר דעם וואוילזיין פון די ארבייטער אין שאפ. די מתנה איז אים איבערגעגעבען געווארען ביי א באנקעט וואס די ארבייטער האבען פאר אים ארראנזשירט אין מאליס רעסטאראן.

טאאסטמייסטער איז געווען ברודער מאריס מאנהיים. עס זיינען אנוועזענד געווען בענדזשאמין קאפלאן, מענעדזשער פון לאקאל 117, ב. גאלאב, געהילפסמענעדזשער פון לאקאל און סעם פייערשטיין, ביזנעס אגענט וואס קאנטראלירט דעם שאפ. די געסט האבען געהאלטען קורצע, פייערליכע רעדעס.

די קאמיטע:

בעני איצקאוויץ, טשערמאן, איזי פלעט, לאק. 9.
דזשאהן פאטאזא און מערי פאטאזא, לאק. 48.

מיר, די ארבייטער פון „פראגרעסיוו גארמענט קא.", 589 — 8טע עוועניו, פרעזענטירען אונזער טשערמאן, ברודער מאריס האפמאן, מיט א ווערטפולער מתנה פאר זיין אונערמידליכער ארבייט וואס ער לייסטעט פאר אונזער שאפ.

ברודער מאריס האפמאן האט באוויזען מיט טאטען אז די אינטערעסען פון שאפ בעלי מלאכות זיינען ביי אים איינע פון די וויכטיגסטע און האט זיך ניט אפגעשטעלט אויף קיין זאך כדי צו דינען ערנסט און געטריי און האט ערפילט זיינע פליכטען ווי עס איז צו ערווארטען פון אזא געטרייען טשערמאן.

אויסדריקענדיג אונזערע געפילען, ווינשען מיר אים לאנגע יארען פון טעטיגקייטען און אז ער זאל נוצען די מתנה געזונטערהייט.

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אונזער צופרידענהייט און אנערקענונג צו אונזער ביזנעס אגענט, ברודער דזש. וויינשטיין, פאר זיין אויפריכטיגקייט און אויפפאסונג אויף אונזער שאפ.

די קאמיטע :

פ. לעפקאוויטש, י. ראבינאוויטש, כ. לעווין.
ל. בארענשטיין.

מיר, די ארבייטער פון באום און פאמעראנץ, 841 וועסט 38טע סטריט, פארזאמעלט ביי א ספעציעלען מיטינג, אין דזשאינט באארד, 131 וועסט 33טע סטריט, דריקען אויס אונזער פולען צוטרויען און דאנק צו אונזער טשערמאן, ברודער סעם וואלפין, ווי אויך צו דער קאמיטע, ברודער מאקס גרין און ברודער מאקס מאקאפסקי, ווי אויך צו אונזערע ביזנעס אגענטען, ברודער פראנק קישקאבריגא און ברודער קעניגסבערג, פאר זייער גוטער און איבערגעגעבענער ארבייט צו אונז, און מיר פרעזענטירען יעדען מיט שיינע קאסטבארע פרעזענטען און ווינשען זיי צו נוצען עס געזונטערהייט, און זיי זאלען אויך ווייטער טאן די גוטע ארבייט ווי ביז איצט.

די קאמיטע : ל. ראבינאוויץ, א. זעקענדבורט,
מ. מילער און ב. פעלדמאן, לאק. 117 ;
לואי קעסין, לאקאל 35 ; מ. סולקער,
מ. בלאכער און ל. ליכטענסטיין, לאק. 9.

אנערקענונג צו א שאפ־טשערמאן.

מיר, די ארבייטער פון די „דזשי און על" קלאוק קא., 584 אכטע עוועניו, פארזאמעלט ביי א שאפ מיטינג, מאי דעם 7טען, אין אפיס פון דער יוניאן, האבען באשלאסען אויסצודריקען אנערקענונג צו אונזער שאפ טשערמאן מ. קאהען, פאר זיין אונערמידליכע און איבערגעגעבענע ארבייט פאר דעם וואויל און בעסטען פון אונזער שאפ, דורך פרעזענטירען אים מיט א ריסט־וואטש. מיר ווינשען אים, אז ער זאל עס נוצען געזונטערהייט און וועט ווייטער אנפירען מיט זיין טעטיגקייט לטובת די ארבייטער.

ביי דער געלעגענהייט ווילען מיר אויך אויסדריקען א הארציגען דאנק צו אונזער ביזנעס אגענט, ברודער דזש. וויינשטיין, און דיסטריקט מענעדזשער, טש. אראנסקי, פאר זייער פינקטליכקייט אין אויפפאסען אויף אונזערע יוניאן קאנדישאנס.

א. ברעסלער, פון לאקאל 117 ; ד. ראגאף, פון
לאקאל 117 ; י. סטיין, פון לאקאל 9 ; פרענסיס מארגאליס, פון לאקאל 9 ; א. קאהען,
פון לאקאל 35.

מיר, די ארבייטער פון „איי. גודמאן און קא.", 530 זיבעטע עוועניו, האבען באשלאסען ביים יערליכען באנקעט אויסצודריקען אונזער אנערקענונג צו אונזער שאפ טשערמאן, ברודער דזשו קוירצמאן, צו אונזער שוועסטער, ביזנעס אגענטין, ראוז מירסקי, צו דער פרייז קאמיטע, ברידער לואיס קאהען און ברודער איזידאר גראסמאן, דורך פרעזענטירען יעדען מיט א ווערטפולען פרעזענטען, פאר זייער אונערמידליכער און איבערגעגעבענער ארבייט פארן וואוילזיין פון שאפ.

דזש. בליך, מ. פריד — לאקאל 22 ;
ס. שווארץ — לאקאל 60 ;
ר. מאשערא — לאקאל 89 ;
ה. זעלין — לאקאל 10.

מיר, די ארבייטער פון „מעטלין קלאוק קא", 251 וועסט 39טע סטריט, באדאנקען אונזער ביזנעס אגענט, ברודער בארנעט דזשייקאבס, פון לאקאל 35, פאר זיין גוטער ארבייט אלס אויסדרוק פון אנערקענונג פרעזענטירען מיר אים מיט א ווערטפולען פרעזענט און ווינשען אים דאס צו נוצען געזונטערהייט. מיר האפען אז ער וועט אויך ווייטער טאן זיין גוטע ארבייט. גלייכצייטיג באדאנקען מיר אויך דעם מענעדזשער, ברודער פיינבערג, פאר זיין הילף צו אונזער שאפ.

מאקס סיקליק, שאפ טשערמאן, לאקאל 117.

די ארבייטער פון „דען און קאהן", 254 וואלאבאוט סטריט, ברוקלין, דריקען אויס זייער דאנק און אנערקענונג צום אסיסטענט מענעדזשער פון לאקאל 117, ברודער איזי קאהן, פאר זייער גוטער און איבערגעגעבענער ארבייט, באצוג איינשטעלען יוניאן באדינגונגען אין שאפ און פאר דורכפירען אז דער שאפ זאל ווערען א פערמאנענטער ביים דזשאבער לואי טישמאן, אנשטאט א טעמפארערי קאנטראקטאר, ווי פריער.

די שאפ קאמיטע : ס. סטאר, טשערמאן ;
ב. דזשייקאבס און מאריס העלער, לאק. 117;
ס. נאכאמקין, לאקאל 35.

טרויער רעזאלוציע נאך ברודער לואי לעוין.

[redacted]

טיף דערשיטערט און מיט צובראכענע הערצער שטייען מיר ביים פרישען קבר פון אונזער ליבען ברודער און פריינד לואי לעוין און באוויינען זיין יונג איבערגעבראכענעם לעבען וואס איז אזוי פרי אוועקגעריסען געווארען פון דער וועלט.

מיר שיקען אונזערע הארציגע סימפאטיעס צו דער פרוי און קינדער. זיי געטרייסט מיט דעם באוואוסטזיין אז אייער מאן און פאטער איז געווען באליבט ביי אלע וואס זיינען געקומען מיט אים אין בארירונג. א סך פון זיין לעבען האט ער אוועקגעגעבען פאר די ארבייטער אינטערעסען.

ערע זיין אנדענקען.

רעזאלוציע קאמיטע : מאקס אירל,
בעני קארס, מאסי נוסבוים.

רעזאלוציעס און באשלוססען פון דער קאנווענשאן

די סומירונג פון אלע רעזאלוציעס וואס די קאנווענשאן האט אנגענומען איבער אינ־דוסטריעלע, פאליטישע, לעגיסלאטיווע און געזעלשאפטליכע פראגען וועט פארעפענט־ליכט ווערען אין קומענדען נומער „גערעכ־טיגקייט".

בענענדערטע רולס וועגען טויטער בענעפיט פאנד

די קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנעל האט אמענדירט די רולס פון דעם טויטען־בענעפיט פאנד פון דער אינטערנעשאנעל. אום די יורשים פון א מיט־גליד וואס איז שולדיג געבליבען מער ווי די דרייצען וואכען דיוס אין דער יוניאן, זאלען נים אין גאנצען פארלירען די בענעפיט ווי עס איז געווען אונטער די רולס פון פאנד ביז איצט.

לויט די אמענדירטע רולס, וועלכע גייען אריין אין קראפט דעם 1טען יולי, וועלען די יורשים פון א פאר־שטארבענעם מיטגליד זיין בארעכטיגט צו בענעפיט אזוי לאנג ווי ער איז געווען שולדיג דער יוניאן נים מער ווי 26 וואכען דיוס. די סומע בענעפיט וואס די יור־שים וועלען אבער קריגען וועט זיין קלענער וואס מער דיוס דער פארשטארבענער איז געווען הינטערשטעליג. פאר יעדע וואך דיוס וואס ער בלייבט שולדיג איבער דרייצען וואכען, וועט ארונטערגענומען ווערען צען דא־לאר פון דעם טויטען בענעפיט. לויט די נייע רולס וועט די סומע וואס די יורשים וועלען קריגען פון דער אינטערנעשאנעל זיין ווי פאלגט:

ווען דער פארשטארבענער איז הינטערשטעליג:

דרייצען וואכען דיוס אדער ווייניגער,	$150.00
פערצען וואכען — — — — —	140.00
פופצען וואכען — — — — —	130.00
זעכצען וואכען — — — — — —	120.00
זיבעצען וואכען — — — — —	110.00
אכצען וואכען — — — — — —	100.00
ניינצען וואכען — — — — — —	90.00
צוואנציג וואכען — — — — — —	80.00
איין און צוואנציג וואכען — — —	70.00
22 וואכען — — — — — — —	60.00
23 וואכען — — — — — — —	50.00
24 וואכען — — — — — — —	40.00
25 וואכען — — — — — —	30.00
26 וואכען — — — — — — —	20.00

אויב איינער איז שולדיג פאר מער ווי 26 וואכען דיוס, קריגען די יורשים גארניט.

GERECHTIGKEIT
A LABOR JOURNAL
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
76 Montgomery St., Jersey City, N. J.
General Office:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. WAtkins 9-6968

DAVID DUBINSKY, President
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XXII. No. 7. July, 1940

Entered as Second Class Matter, August 7, 1920 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 4, 1912. Accepted for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of Oct. 3, 1917, authorized on Jan. 25, 1919.

גאנטנער און מאטערן שליסען אויס זייערע ארבייטער

די פירמע „גאנטנער און מאטערן", מאנופעקטשור־ערס פון באד־קאסטיומען און ביטש־וועֶר, האבען אויס־געשלאסען זייערע ארבייטער און אנטזאגען זיך צו באַ־נייען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן. די ארבייטער קעמפען מוטיג פאר זייער רעכט אלס פרייע אמעריקא־נער בירגער, צו באלאנגען צו דער יוניאן און זאגען א דעה איבער די באדינגונגען אונטער וועלכע זיי ארביי־טען. זיי זיינען ארויסגעווארפען געווארען פון דער אר־בייט דערפאר וואס זיי האבען זיך אנטזאגט דורכצוגיין א פיקעט לאין פון די בילדינג ארבייטער וועלכע האבען געקעמפט געגען דער פירמע פאר ארויסווארפען א דזשעניטאר ווען ער האט זיך אנגעשלאסען אן דער יוניאן.

די ארבייטער פארדינען די פולע סימפאטי און הילף פון יעדען ערליכען ארבייטער, פון יעדען פראגרעסיווען מענשען. איר קענט זיי העלפען געווינען זייער גערעכטען קאמף, דורך אנטזאגען זיך צו קויפען די באד קאסטיומען און ביעטש וועיר וואס די פירמע פראדוצירט מיט סטרייק ברע־כער.

א צאל סטארס אין ניו יארק און אנדערע שטעט אין דער איסט פארקויפען די ווארע פון גאנטנער און מא־טערן. די קליידער פון דער פירמע גייהען אונטער די טרייד־מארקס פון „גאלדען געיט", „וויקים" „באו סאן" און „היי באי". קויפט נישט די סחורה! לאזט וויסען אייערע פריינד און באקענטע וועגען דעם סטרייק! לאזט וויסען דעם סטארקיפער מיט וועל־כען איר האנדעלט, אז די ווארע פון גאנט־נער און מאטערן ווערען פראדוצירט פון סטרייק ברעכער.

לאזט וויסען דער פירמע פון אייער סימפאטי פאר די סטרייקער. ערמוטיגט די סטרייקער דורך אינפארמירען זיי וועגען אייער האנדלונג.

איסטערן אפיס
גאנטנער און מאטערן סטרייק קאמיטע
1023 בראדוויי, ברוקלין.

קלאוק און דרעס פרעסערס, אויפ־מערקזאם.

די עקזעקוטיווע באארד פון לאקאל 91, לאס אנדזשעלעס, בעט אונז ווארענען אונזערע מיטגלי־דער אז די אינדוסטריעלע לאגע אין יענער שטאט איז א זייער שווערע. עס זיינען דארט פאראן זייער א סך ארבייטסלאזע מיט שוואכע אויסזיכטען צו באזעצען זיי אין גיכען אויף פלעצער. עס איז אבסאלוט נישטא קיין מעגליכקייט פאר א פרעסער צו קריגען ארבייט אין טרייד. מיר בעטען אונזערע מיטגלידער צו נעמען עס אין אכט איידער זיי ענט־שליסען זיך פארען צום קאוסט.

פון דער אינטערנאצ. פעדעראציע פון באקליידונגס ארבייטער

פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון בא־קליידונגס ארבייטער איז אנגעקומען דער פאלגענדער צושריפט:

„טייערע חברים:

„דורך „דזשאסטיס" האב איך אויסגעפונען וועגען די פארבארייטונגען וואס די גענעראל עקזעקוטיווע מאכט פאר דער 1940 קאנווענשאן פון אייער אינטערנעשאנעל. עס טוט מיר זייער לייד, וואס איך האב קיין מאל נים געהאט די געלעגענהייט ביציואוואוינען אייערע א קאנ־ווענשאן און אויך דאס יאר האב איך פאר דעם נים די מעגליכקיים. איך מוז זיך דעריבער באגנוגענען מיט איבערשיקען אייך אונזערע בעססע וואונשען און פריינד־ליכסטען גרוס אין נאמען פון דער ביורא פון וועלכען אייער געשעצטער פרעזידענט ברודער דוד דובינסקי איז א מיטגליד.

„מיט גרויס אינטערעס פאלגען מיר נאך די טע־טיגקייטען און ענטוויקלונג פון אייער אינטערנעשאנעל. אונזער אויפמערקזאמקייט איז ספעציעל צוגעצויגען גע־ווארען צו די אנשטרענגונגען פון אייער עקזעקוטיווע אונטער דער פירערשאפט פון חבר דובינסקי צום צוריק־שטעלען איינינקייט אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. מיר האפען אויפריכטיג, אז אין דער נים ווייטער צוקונפט וועט איינינקייט איינגעשטעלט ווערען אין דער באוועגונג, נים נאר אין די אינטערעסען פון די אמעריקאנער ארבייטער, נאר אויך אין די אינטעֶ־רעסען פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער באוועגונג וואס איז אנגעשלאסען אן דער אינטערנאציאנאלער פע־דעראציע פון טרייד יוניאנס און וועלכער איר זייט אנ־געשלאסען אלס מיטגליד פון דער באקליידונגס ארביי־טער פעדעראציע.

„איך וויל זיך באגרעצען מיט דער געלעגענהייט און אייך הארציג דאנקען פאר דער אויסערגעווייניליך ברייט־הארציגער הילף וואס איר האט געגעבען און גיט נאך איצט פאר די קרבנות פון פאשיזם און נאציזם."

אנווייזענדיג אויף די פארלוסטען וואס די טרייד יוניאן באוועגונג האט געליטען דורך דער פארניכטונג פון די יוניאנס אין פוילען און טשעכאסלאוואקיע, שרייבט דער סעקרעטער ט. וואן דער העיג אין דעם צושריפט וועלכער איז ארויסגעשיקט געווארען פון האלאנד בלויז עטלאכע טעג איידער די נאצי ארמייען האבען אריינמארשירט, אז די געפאר איז גרויס אויך פאר די ארבייטער פון די נייטראלע לענדער. ער דריקט אבער אויך אויס דעם פעסטען גלויבען, אז דער אידעאל פון פרייהייט צווישען די איידאפייאישע ארבייטער קען נים געבראכען ווערען און אז דער קאמף וועט זיך ענדיגען מיט דער פארניכטונג פון טיראניי.

נאר וואס ערשינען!
פארנעגרויט און דעמערונג
א בוך לידער פון
דוד אפאלאוו
א בוך לידער וואס איז ווערט פאר יעדען ליבהאבער פון פאעזיע צו לייענען און זיך איינצושאפען.